NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08920

ROBERTS VENTURES

Solomon Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָבערטס ווענטורעס

פון

שלמה סיימאָן

צייכענונגען

פון

נאָטע קאָזלאָווסקי

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

Copyright, 1938,
by SOLOMON SIMON
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

פּאָזי־שאולזאָן פּרעס
19 וו. 21סטע גאַס
נ י ו ־ י אָ ר ק
255

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס
ניו יאָרק באַקאָנט זיך מיט ראָבערטסן 7
קאַפּיטל צוויי
אַ מאָדנער ייִנגל 14
קאַפּיטל דריי
אַ ליי־ביבליאָטעק 19
קאַפּיטל פיר
שטערן אין הימל 28
קאַפּיטל פינף
דאָס געוועט 39
קאַפּיטל זעקס
לואי דער דיוק 50
קאַפּיטל זיבן
ראָבערטס פאָטער 55
קאַפּיטל אַכט
דער טשעמפּיאָן 78
קאַפּיטל ניין
אַן אומגליק 90

א י נ ה אַ ל ט

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

אַ נייע היים 111

קאַפּיטל צוויי

אַ נייער חבר — דזשימי 120

קאַפּיטל דריי

אַן אָנבאָט פון דער שייקע 136

קאַפּיטל פיר

אין מיטלשול 147

קאַפּיטל פינף

אַלפרעד גמליאל וואָדערס 154

קאַפּיטל זעקס

באַשיצער פון געזעץ 161

קאַפּיטל זיבן

אין נאָמען פון געזעץ 167

קאַפּיטל אַכט

סלימס אַרבעט 173

קאַפּיטל ניין

צוריק אין ניו יאָרק 182

עפּילאָג

צען יאָר שפּעטער 191

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

ניו־יאָרק באַקאַנט זיך מיט ראָבערטן

אויף עלן סטריט, האַרט ביים עלעווייטעד (הויכבאַן) שטייט אַ הויך רויט געמויערט הויז. אין הויכן רויטן מויער, אין דריי קליינע צימערן, וואוינט די פאַמיליע גינגאָלד. פיר קינדער זיינען דאָ אין דער פאַמיליע: דזשעקי צען יאָר אַלט, אייבי אַכט יאָר אַלט, אסתר זעקס יאָר און ראָבערט דריי יאָר. די דריי צימערן זיינען: אַן עס־צימער, אַ שלאָפצימער און אַ קיך. ביינאַכט אָבער ווערט דאָס גאַנצע הויז איין שלאָפצימער. אין דעם הינטערשטן צימער, וואָס איז איינגאַנצן אָן פענצטער, שלאָפן טאַטע־מאַמע, אין קיך אויף צוויי אויפשטעל־בעטלעך — דזשעקי און אייבי. אין עס־צימער שלאָפט אסתר אויף אַ ווייכער סאָפקע און ראָבערט — אין אַ קינדער־בעטל.

האַרט ביים פענצטער שלאָפט ראָבערט. אַז דער „על" לויפט פאַרביי, הויבן אָן ציטערן די שויבן, און דאָס צימער ווערט אָנגע־פילט מיט אַ טומל טויב צו ווערן. אָבער ראָבערט שלאָפט רואיק. ער איז צוגעוואוינט צום רויש און גערודער, דאָס בריאַזגען פונם „על" שלעפערט אים איין... איינמאָל איז די מאַמע געפאָרן צו גאַסט און האָט מיטגענומען ראָבערטן. זי איז געפאָרן אין בראָנקס. און ווייל ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען, איז זי געבליבן דאָרטן נעכטיקן. די געגנט איז געווען אַ שטילע. ראָבערט האָט אָפּגעוויינט די גאַנצע נאַכט — ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן צוליב דער שטילקייט.

אויף עלן סטריט רוישט אַ גאַנצע נאַכט דער „על", און ווען די זון גייט אויף, ווערט דער טומל נאָך גרעסער. שווערע לאַסט־אוי־

טאַמאָבילן קלאַפּן מיט די רעדער אויף דעם שטיינערנעם ברוק. פעדלערס שטייען לעבן שטופּ־וועגעלעך און שרייען אויס זייערע סחורות. די דאַמפּשיפּלעך אויפן נאָענטן האַדסאָן פאַרהילכן די לופט מיט זייער טרובעו. פאַבריקן הויבן אָן הודיען און פייפן — צייט אויפצושטיין צו דער אַרבעט. דער טומל אינדערפרי ווערט גרעסער אויף עלן סטריט, שלאָפט ראָבערט נאָך געשמאַקער...

היינט פרי איז ער אָבער אויפגעשטאַנען ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן. ס'איז געווען אַנהייב פרילינג. ווען די זון איז אויפגעגאַנגען האָט זי אַריינגעשיינט אין ראָבערטס פענצטער. ראָבערט האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער איז ניט געוואוינט געווען צו אַ סך ליכט... די זון האָט אים אויפגעוועקט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אין זיין בעטל, פאַרזשמורעט די אייגעלעך און געקוקט. ער איז ערשט דריי יאָר אַלט, און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַ צימער אָנגעפילט מיט ליכט. ער קוקט זיך אַרום. זיין קאָלדרע איז אַ שיינענדיקע, אינגאַנצן באַגאָסן מיט זון־ליכט. ער שאַרט אַראָפּ די קאָלדרע — ער וויל זען צי די זון שיינט דורך דער קאָלדרע. יע, אונטער דער דעק איז אויך זון־שיין. זיינע פיסלעך זיינען אַזעלכע דורכזיכטיקע. ער הייבט אויף אַ פיסל — אונטערן פיסל איז אויך ליכטיק. העל. דעם קינד איז עס געפעלן. ער הויבט אויף מיט דער האַנט אַ פיסל — די האַנט איז באַגאָסן מיט ליכט. ער פאַרקוקט זיך אויף דער האַנט. אַ חידוש, אַ וואונדער, אַ נייס — די האַנט האָט פינגער. ער מאַכט אַ פויסט. אים איז געפעלן ווי די פינגער לייגן זיך צוזאַמען. ער פּרובירט צוזאַמענלייגן די פינגער פון פוס אין אַ פויסט. ער קאָן ניט. מאָדנע. ער באַטראַכט די הענט און די פיס, הויבט אַ האַנט, רירט אַ פוס, עפנט די פינגער, פאַרמאַכט זיי, פּאַטשט מיט די הענטלעך — אַ שפּיל.

דאָס שפּיל פאַרכאַפּט אים מער און מער, ער צעלאַכט זיך הויך, אויפן קול...

ראָבערטס לאַכן האָט אויפגעוועקט זיין פאָטער. דער טאַטע האָט זיך צעשריען:

— העי, דו קליינער טייוועלע, זיי שטיל, וועלכע שדים האָבן דיך אַזוי פרי אויפגעוועקט? לאָז שלאָפן. וואָס איז דאָרטן אַזאַ שמחה אויף דיר?

ראָבערט דערשרעקט זיך און בלייבט אַ ווײַלע שטיל. ער קאָן זיך אָבער לאַנג ניט איינהאַלטן, ער מוז עס אימיצן דערציילן. ער קריכט אַרויס פון בעטל, גייט אַריין אין שלאָפצימער, גייט צו צום טאַטנס בעט און שלעפּט די קאָלדרע און פּלאַפּלט:

— הענטים, פּיסים, פינגער!

דער טאַטע איז שלעפעריק און בייז, ער רעדט אַרויס מיט רוגזה:

— לאָז צורו, גיי שלאָפן, וואָס טוט זיך דאָרטן מיט דיר היינט אינדערפרי?

די מאַמע האָט אַרויסגערעדט אַנגעבלאָזן:

— זע נאָר זע, וואָס שרייסטו אויף אים, דאָס קינד איז קלוג ווי די וועלט, ער וויל עפּעס דערציילן.

— אַז דו ביסט אַזאַ גוטע מאַמע, — ענטפערט דער טאַטע מיט כעס, — טאָ נעם אים צו זיך אין בעט און זאָל זיין שטיל!

נעמט אים די מאַמע אַריין אין בעט.

ליגט ראָבערט אַ ווײַלע ביי דער מאַמען אין בעט און מאַכט זיך שלעפעריק. ס'איז גוט, די מאַמע האַלט אים אַרומגענומען און ס'איז וואַרים — אַ מחיה! ס'ווערט אים אָבער באַלד מיאוס. ער הויבט זיך אָן דרייען פון רעכטן זייט אויפן לינקן און פון לינקן זייט אויפן רעכטן און פון רעכטן אויף דער פּלייצע, באַלד קערט ער זיך איבער מיטן בויך אַראָפּ. די מאַמע איז שוין איינגעשלאָפן און הערט ניט. ראָבערט ווערט מער אומרואיק. ער וויל גיין צוריק אין וויגעלע, דאָרטן איז געווען אַזויפיל ליכט און דאָ אין צימער איז פינצטער. ער האָט זיך גענומען מער וואַרפן, ער האָט געוואָלט

אַרויסנעמען זיין קאָפּ פון דער מאַמעס אָרעמס און מיטן עלנבויגן האָט ער געגעבן אַ שטורך דער מאַמען אין זייט.

די מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון האַלבן דרעמל און אַרויס־געשטופּט דאָס יינגל פון בעט: — גיי שוין צוריק אין דיין בעטל, וואַרפסט זיך ווי אַ פיש. לאָז שלאָפן.

ראָבערט איז אַוועק צו זיך אין צימער, אין זיין בעטל, אָבער די ליכטיקייט איז שוין מער ניט געווען.

ראָבערט פאַרשטייט ניט וואָס עס האָט געטראָפן. אָט ניט לאַנג צוריק איז געווען אַזוי ליכטיק און שיין, מיטאַמאָל — צוריק ווי אַלעמאָל. שטעקט ראָבערט אַריין אַ פינגער אין מויל און זויגט אים מיט כעס. ער זויגט דעם פינגער און קוקט אַרויס דורכן פענצטער. אַן עלעוויטאָר איז פאַרבייגעלאָפן, אַן עלעוויטאָר מיט גלאַנציקע, שיינענדיקע פענצטער. אַ ווײַלע האָט עס נאָר געדויערט, באַלד איז די באַן פאַרשוואונדן אינאיינעם מיט די זוניקע ליכטיקע פענצטער.

ראָבערט פאַרטראַכט זיך. ער זויגט דעם פינגער און היט די פענצטער. נאָך אַ באַן לויפט פאַרביי מיט אַ ליאַרעם און אַ בראַזגעריי — די פענצטער בלישטשען און שיינען — פאַרבייגעפלויגן און מער ניטאָ.

זויגט ער דעם פינגער האַסטיקער — נאָך אַ באַן און נאָך אַ באַן לויפט פאַרביי, און אַלעמאָל פאַרשלעפּט די באַן שיינענדיקע פענצטער. ראָבערט פאַרשטייט עס שוין איצט — די באַן טראָגט די זון אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט.

ער הויבט זיך אויף און אַ האַלב־נאַקעטער גייט ער אַרויס פון ווינקעלע. ער לאָזט זיך צו דער טיר. אויפן וועג צו דער טיר זעט ער ליגן אַ האַלב־אויסגעלעקטן „לאָלי־פּאָפּ". ער נעמט דעם „לאָלי־פּאָפּ" און לאָזט זיך גיין.

אין הויז זיינען אַלע געשלאָפן. קיינער האָט ניט געהערט, ווי דאָס יינגל פאַרלאָזט דאָס הויז.

גייט ראָבערט אַראָפּ אין גאַס, זעט ער מענטשן ציען זיך צו דער הויך־באַן סטאַנציע; קוקט ראָבערט אַרויף — אַ באַן לויפט

פאַרביי, אַ באַן מיט ליכטיקע פענצטער. די באַן טראָגט אַוועק די זון, מענטשן ציען זיך אַרויף. וואוהין איילן זיי זיך? כאַפּן די זון?

ראָבערט זויגט דעם לאָלי־פּאָפּ און קריכט אַרויף פּאַמעלעך אויף דער סטאַנציע. ער איז אַ קליינינקער. דער סטאַנציע־מייסטער באַמערקט אים ניט צווישן עולם. דאָס יינגל בלייבט שטיין אינמיטן דער פּלאַטפאָרמע. מענטשן וואונדערן זיך — אַ קליין נאַקעט יינגעלע שטייט אינמיטן פּלאַטפאָרמע זעקס אַזייגער אינדערפרי. אָבער דאָס קינד איז רואיק, מסתמא, טראַכט מען, איז די מאַמע דאָ מיט אים. ניו יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט. מען זעט זיך אָן גענוג מאָדנע זאַכן. קוקט מען און מען שווייגט, ס׳איז קיינעמס עסק ניט.

פונדערווייטנס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון אַ באַן. די גאַנצע סטאַנציע הויבט זיך אָן טרייסלען, ראָבערט בלייבט שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער פון שרעק. אָבער באַלד קומט ער צו זיך, לויפט צו צו דעם אייזערנעם צאַם אויף דער פּלאַטפאָרמע, כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט אָן אַ שטאַנג, פאַרמאַכט די אויגן, בייסט זיין לאָלי־פּאָפּ און שווייגט פאַרביסן.

די באַן איז אַנטלאָפן מיט אַ גערויש און טומל. די פּלאַטפאָרמע איז געבליבן ליידיק און שטיל. ראָבערט עפנט די אויגן. קיינער איז ניטאָ, אַלע זיינען אַנטלאָפן מיט דער באַן. טראַכט ראָבערט:

— די באַן האָט אַזוי געקלאַפּט, איז אַלץ געבליבן גאַנץ? ער קוקט זיך אַרום. יאָ, קיין זאַך איז ניט צעבראָכן. איז אונטן וואו די רעדער האָבן אַזוי געקלאַפּט, אויך גאַנץ? וואונדערט זיך ראָבערט. ער גייט צו צום סאַמע ברעג פון דער פּלאַטפאָרמע און קוקט אַרונטער. ער זעט גאָרניט. צוויי רעלסן נאָר. ער בויגט זיך איין מער. אונטן איז פינצטער. ער לייגט זיך און ציט זיך אויס, ער וויל אַראָפּקוקן טיפער. אַ רגע און ער פאַלט אַרונטער.

אַ פרוי האָט אַ קוויטש געטאָן, אַ מאַן האָט זיך שנעל איבערגעבויגן, געוואָלט אויפהייבן ראָבערטן. דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן, ס׳איז אַזוי פינצטער אונטן און ער איז פאַרקראָכן ווייטער, ווייטער אונטער דער פּלאַטפאָרמע.

ס׳איז געווען אין די ראַשיקע שטונדן, ווען אַלע פאָרן צו דער אַרבעט, האָט זיך שנעל אָנגעקליבן אַ גרויסער עולם. די פרוי האָט געשריען מיט באַנומענע קולות, דער סטאַנציע־מייסטער איז באַלד אַרויסגעלאָפן פון זיין אָפיס. דערוויסנדיק זיך וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער באַלד טעלעפאָנירט אין צענטראַלן אָפיס:

— אַ קליין יינגל — אַ יאָר צוויי־דריי, איז אַראָפּגעפאַלן פון דער פּלאַטפאָרמע און פאַרקראָכן אונטער די ברעטער, ער ליגט אַרום אַ האַלבן פוס פון דעם דריטן עלעקטרישן רעלס. ס׳איז דאָ אַ געפאַר ער זאָל אָנרירן דעם דריטן רעלס, איבערהויפּט ווען אַ באַן וועט אָנקומען, און דאָס קינד וועט זיך דערשרעקן.

די צענטראַלע סטאַנציע האָט אָפּגעשלאָסן די עלעקטריק, די באַנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

דער עולם אויף דער סטאַנציע איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. ס׳איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז עס איז ניט געווען מער קיין פּלאַץ אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיינען מענטשן געשטאַנען אויף די טרעפּ. ס׳איז געוואָרן אַ שטופּעניש — ס׳איז געווען אַ געפאַר, מענטשן זאָלן ניט אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון דער פּלאַטפאָרמע. דער סטאַנציע־מייסטער האָט טעלעפאָנירט אין פּאָליציי־צירקל.

פּאָליציי איז געקומען. איין אָפּטיילונג האָט זיך גענומען דורכשטופּן צו דער פּלאַטפאָרמע, אַן אַנדער אָפּטיילונג איז געבליבן אונטן אין גאַס. אַ פּאָליציאַנט האָט זיך געשטעלט אויף די רעלסן, זיך איינגעבויגן און פּרובירט אַרויסשלעפּן דאָס יינגל. ראָבערט האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און זיך פאַררוקט ווייט הינטער אַ שפּאַל. דער פּאָליציאַנט האָט געפּרואווט קריכן ווייטער און ניט געקאָנט — צו ענג פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן. ער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ פאַרסאָפּעטער — אוממעגלעך אַרויסצונעמען דאָס קינד.

דער פּאָליציי־לייטענאַנט האָט אָפּגערופן דעם הויפּט־אָפיס פון דעם הויך־באַן. ס׳איז אָנגעקומען אַן אינזשעניער. ער האָט אַ קוק געטאָן, געזען וואו דאָס קינד איז און געזאָגט:

דער איינציגער וועג אים אַרויסצונעמען איז — פון אונטן, פון גאָס. צושטעלן אַ לייטער און אים אַרויסציען פון צווישן די שפּאַלן. מען וועט מוזן אַרויסזעגן אַ פּאָר שפּאַלן.

דער פּאָליציי-לייטענאַנט איז אַריין אין אָפיס פון סטאַנציע-מייסטער, אָפּגערופן די פייער-לעשער זיי זאָלן ברענגען אַ לייטער, און אויך די נויט-פאַל-אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי.

די פייער-לעשער און די פּאָליציי זיינען אָנגעקומען. די גאַסן אַרום עלן סטריט זיינען געווען פאַרפּלייצט מיט מענטשן אַז מען האָט זיך ניט געקאָנט דורכשטופּן. באַלד איז אָנגעקומען די שויץ-אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי, — צען אויטאָמאָבילן אָנגעפילט מיט פּאָליציאַנטן, מאַשין-ביקסן, גאַז-באָמבעס. זיי האָבן אָפּגערייניקט די גאַסן. די פייער-לעשער און די נויט-פאַל-אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי זיינען צוגעפאָרן צו עלן סטריט.

מען האָט אויפגעשטעלט לייטערס. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן געקלאַפּט, צייטונגס-רעפּאָרטערס זיינען אַרומגעלאָפן, אַלע פענצטער פון די אַרומיקע הייזער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן און איבער אַלץ האָט זיך געהערט דאָס פייפן פון פּאָליציי און דאָס קלינגען פון די פייער-לעשער גלעקער.

צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַרויפגעשטעלט אויפן לייטער, זיי האָבן געאַרבעט אַ שעה צייט ביז זיי האָבן דורכגעזעגט די שפּאַלן — און אַרויסגענומען ראָבערטן פון אונטער דער פּלאַטפאָרמע.

יענעם טאָג זיינען טויזנטער מענטשן געקומען שפּעט צו דער אַרבעט, די נאָכמיטאָג-צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער פּאַסירונג.

אַזוי האָט ניו יאָרק זיך באַקאַנט מיט ראָבערטן.

קאַפּיטל צוויי

אַ מאָדנער ייִנגל

די פאַמיליע גינגאָלד האָט פאַרבראַכט אַ טאָג אין קאָני־איילאַנד. אויף מאָרגן האָט געדעגנט און די קינדער האָבן ניט געקענט אַרויס אין דרויסן. דזשייקי, אייבי און אסתר האָבן ניט געקענט געפינען קיין אָרט פאַר זיך, אין הויז. זיי האָבן זיך שוין דריי מאָל צעשלאָגן. די מאַמע האָט פאַרלאָרן איר געדולד און געטיילט קלעפּ רעכטס און לינקס. די קינדער האָבן זיך פאַררוקט אין די ווינקעלעך, וויינענ־דיקע, מיט אָנגעכמורעטע פּנימער און פאַרלאָפענע אויגן. אין דעם גאַנצן ליאַרעם און טומל האָט מען זיך ניט אַרומגעקוקט אויף ראָ־בערטן. דאָס ייִנגל האָט זיך געשפּילט מיט זיך אַליין.

פון די ווינקעלעך האָבן די דריי עלטערע קינדער נאָכגעקוקט ראָבערטס שפּילן זיך און ווי ער דרייט זיך אַרום טיש מיט אַ קישעלע אונטערן אָרעם, איין מאָל, צוויי מאָל — צען מאָל, און סעמי, דער עלטערער, טוט אַ פרעג:

— וואָס טוסטו דאָרטן, באָבי?

— איך טרייב אַ „טראָלי קאַר” (אַן עלעקטרישן טראַמוויי).

— אַ „טראָלי קאַר”? — כאַפּן אויף אַלע קינדער פאַרוואונדערט.

— איר זעט דען ניט?

— איי, „דאָפּי” (נאַר), — זאָגט אייבי מיט שפּאָט, — ווער קאָן טראָגן אַ „טראָלי קאַר” אונטערן אָרעם?

— מיין „טראָלי” איז אַ קליינע.

— אָבער אַ „טראָלי” דאַרף דאָך האָבן רעלסן.

— די רעלסן ליגן.

— וואו?

— דאָ.

— וואו דאָ ?

— אויפן פלאָר (דיל). איך האָב זיי נאָר וואָס אויסגעלייגט.

— איך זע גאָרנישט, — האַלט זיך אייבי ביי זיינס.

—איך זע זיי, — ענטפערט ראָבערט רואיק און דרייט זיך ווייטער אַרום טיש.

צעלאַכט זיך אייבי און דערנאָך סעמי און אסתר. און אייבי לאַכט און פּאַטשט זיך אַליין אין די קני און שרייט : — „סאָם דאָפּ" ! (אַט אַ נאַר).

סעמי האָט אַ וואונק געטאָן זיי זאָלן שווייגן. אַליין האָט ער מיט אַן ערנסטער מינע אַ זאָג געטאָן צו ראָבערטן :

— ווי לאַנג וועסטו טרייבן דיין קאַר ?

— ביז איך וועל קומען קיין קוני-איילאַנד.

— ווען וועסטו קומען אין קוני ?

— אָט באַלד, אָט-אָ, שוין : קוני איילאַנד ! מיר זיינען אָנגעקומען !

— און איצט ?

— איך וועל זיך שפּילן אין זאַמד.

— וואו וועסטו נעמען זאַמד ?

— איך וועל זאָגן, אַז דאָ איז זאַמד, וועל איך האָבן זאַמד. — און ניט לאַנג טראַכטנדיק, זעצט ער זיך אַוועק מיט צעשפּרייטע פיס אויפן דיל, נעמט זיין ליידיקן בלעכענעם עמער מיטן גראַב-אייזנדל און שעפּט כלומרשט זאַמד פון ברעג ים און שיט אַריין אין עמערל.

קוקן זיך די קינדער איבער און שטיקן זיך פון געלעכטער. און אייבי קליגלט זיך ווייטער :

— און וואו איז דער מאַן, וואָס פאַרקויפט קענדי אויפן ביטש ? (ברעג ים).

— וואַרט, אָט קומט ער.

ראָבערט הויבט זיך אויף פון דיל, גייט אַרויס אין קיך און ברענגט צוריק אַ טאַץ פול מיט שטיקלעך פּאַפּיר און אַ האַלב גלאָז וואַסער אינמיטן, און שרייט אויס ערנסט : — קענדי — סאָדע !

אַ מאָדנער ייִנגל

— וויפל אַ שטיקל קענדי?

— פינף סענט.

— גיב מיר אַ שטיקל.

— נאַ!

נעמט סעמי אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט רואיק:

— ס'איז דאָך גאָר פּאַפּיר!

— ניין, ס'איז קענדי.

— טאָ עס דאָס אַליין.

נעמט ראָבערט דאָס שטיקל פּאַפּיר און טוט עס אַ לעק און זאָגט:

— ס'איז גוטע קענדי. זיס ווי האָניק.

לאַכט אייבי: „סאָם דאָפּ"! לעקט פּאַפּיר און זאָגט אַז עס איז אַ מחיה.

און סעמי האַלט אין איין לאַכן און רעדט ווייטער:

— פאַרקויף מיר אַ סאָדע.

גיט אים ראָבערט דאָס גלאָז וואַסער.

— נאַ!

נעמט סעמי דאָס גלאָז וואַסער און זאָגט זיך אָפּ:

— איך וועל עס דיר, קליינער נאַר, אַריינגיסן אין מויל.

אייבי טוט אַ כאַפּ ראָבערטן, בייגט אים איין דעם קאָפּ, און סעמי גיסט דאָס וואַסער מיט גוואַלד אין דעם צעעפנטן מויל.

ראָבערט פאַרכלינעט זיך, הייבט זיך אָן ווערגן. אייבי דער־שרעקט זיך און לאָזט אים אָפּ. צעשרייט זיך ראָבערט מיט באַנו־מענע קולות. לויפט אַריין די מאַמע. איידער אָבער זי קוקט זיך אַרום, לויפן די קינדער אַרויס אויפן גאַס. דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט.

ראָבערט וויינט ניט לאַנג. דורך די טרערן־פאַרלאָפענע אויגן קוקט ער אַרויס אין דרויסן. די גאַס זעט אויס מאָדנע שיין דורך די פאַרטרערטע אויגן. עס הייבט זיך אָן אַ נייע שפּיל. די מאַמע לאָזט אים אָבער ניט זיצן לאַנג ביים פענצטער. זי טרייבט אים אַרויס אין גאַס זיך שפּילן אויף דער פרישער לופט.

אַז דער טאַטע איז געקומען אַהיים האָט די מאַמע געוואָלט צושטעלן די קינדער אַ בענקעלע. זי האָט זיך באַקלאָגט אַז סעמי און אייבי האָבן שיר ניט דערשטיקט ראָבערטן. און אפילו די מויד, אסתּר, האָט אויך זיך ניט איינגעשטעלט פאַרן קינד.

דער טאַטע איז געזעסן אויפן שטול און זיך צוגעהערט צו די קלאָגעס און ניט געקאָנט פאַרשטיין:

— וואָס מיינט עס, חברה גזלנים, איר האָט געוואָלט דערשטיקן ראָבערטן?

— ניין, מיר האָבן זיך געשפּילט, — זאָגט אסתּר.

— וואָס איז עס פאַר אַ שפּיל? — וואונדערט זיך דער טאַטע. דערציילט אים אייבי די גאַנצע מעשה.

הערט דער טאַטע זיי אויס און דערנאָך טוט ער אַ כאַפּ מיט ליבשאַפט דעם קליינעם ראָבערטן, זעצט אים אַוועק אויף די קני און שמייכלט צופרידן:

— האָסט גרויסע אויגן, זון מיינער.

ראָבערטן איז געפעלן וואָס דער טאַטע נעמט אים אויף די קני. ער האָט ליב צו זיצן אַזוי ביים טאַטן אויפן שויס. ער האָט אָבער ניט געהערט וואָס דער טאַטע רעדט. ער האָט זיך גאָר פאַרקוקט אויפן טאַטנס גרויסער האָריקער האַנט. ס'אַראַ גרויסער טאַטע ער איז. ער ווייסט און הערט אַלץ. גרויסע הענט פאַרמאָגט ער און אַ גרויסע בעט פאַרנעמט ער. אַט ער, ראָבערט, קאָן זיך לייגן אין דער ברייט פון בעט און עס זאָל נאָך בלייבן פּלאַץ און דער טאַטע לייגט זיך אין דער לענג פון בעט און זיינע פיס רירן אָן די ווענטלעך און די פיס זיינען האָריקע, גרויסע, שווערע. שטאַרק דאַרף דער טאַטע זיין ווען ער קאָן טראָגן אַזעלכע פיס.

דאָס יינגל טוט מיט אַמאָל אַ זאָג:

— טאַטע, וועל איך אויך האָבן אַזעלכע הענט ווי דו?

— אוודאי.

— און אַזעלכע גרויסע פיס?

אַ מאָדנער ייִנגל

— ווען דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו אויך האָבן אַזעלכע גרויסע פּיס.

— ווען וועל איך אויסוואַקסן?

— ווען דו וועסט עלטער ווערן.

— ווען וועל איך עלטער ווערן?

— כאַפּ זיך ניט, אייל זיך ניט, ס'וועט קומען.

— איך וויל איצט עלטער ווערן.

סעמי האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער:

—איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ בהמה.

— ער איז קליגער פאַר דיר, מיין גרויסער זון, — שמייכלט דער טאַטע צופרידן.

אסתר שטעקט אריין אַ פינגער אין מויל — אַ סימן אַז עפּעס פאַרדריסט איר.

דער טאַטע פאַרשטייט וואָס זי וויל און זעצט זי אויך אַוועק אויף זיין קני.

אייבי וויל אויך עפּעס. דער טאַטע טוט אַ וואונק און אייבי זעצט זיך ביי דעם טאַטן אויף די אַקסלען.

זיצט אייבי ביים טאַטן אויף די אַקסלען, אסתר אויף איין קני, ראָבערט אויף דער צווייטער. חברה לאַכט און דער טאַטע זאָגט צו סעמין:

— דו האָסט געמעגט אַביסל מער פאַרשטיין, דו גרויסער יונגאַטש. דאָס ייִנגל איז קליגער פאַר אייך אַלעמען. אָבער שאַ, פאַרפאַלן. איצט בעט זיך בעסער איבער. מער קיין געשלעגן זאָלן ניט זיין, איר הערט?

די מאַמע לויפט אַריין מיט אַ רעש און טומל:

— זע, נאַר, זע, וועסט נאָך שעדיקן די קינדער. גיי דערצייל אים מעשות, אַז ער איז אַליין אַ בייבי. בעסער גיי וואַש זיך איין. וועטשערע שטייט שוין אויפן טיש.

ווערט אַ לויפעניש, אַ כאַפּעניש, און מען זעצט זיך אַרום דעם קיילעכדיקן עס-טיש. אַלע זיינען הונגעריק ווי וועלף.

קאַפּיטל דריי

אַ ליי־ביבליאָטעק

ראָבערט האָט ערשט אָנגעהויבן גיין אין שול. ער האָט זיך געלערנט צוזאַמענשטעלן ווערטער. ער האָט געקוקט אויף דער לערערן און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן — אָט נעמט זי אַ שטיקל ווייס קרייד, טוט אַ פּיר איבערן טאָוול, מאַכט אַ פּאַסיקל, אַ רעדעלע, אַ האַלבע לבנה, אַ דריידעלע און דערפון ווערט אַ וואָרט.

שטייט דאָס וואָרט אויפן טאָוול און שרייט אַרויס:

— איר זעט, אָט בין איך דאָ!

לייענען אויך דאָסזעלביקע — שוואַרצע פּינטעלעך, פּאַסיקלעך נעמען זיך צוזאַמען און ווערן ווערטער. ווערטער באַהעפטן זיך און שטעלן זיך אויס אין גאַנצע שורות — ציען זיך שורות און באַהאַלטן צווישן זיך מעשות. מעשות פון הינט, גענדז, הינער, מענטשן און וועלדער.

אין אָנהויב האָט ראָבערט געמיינט, אַז נאָר די לערערן קאָן אַרויסציען די אַלע מעשות פון ביכל. ביסלעכווייז אָבער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוטאַנצן צו אים די אותיות און ווערטער פון די גאַסן־שילדן. זיי האָבן געפרעגט:

— וויסטו ווער מיר זיינען, ראָבערט?

פרייט זיך ראָבערט.

— אוודאי דערקאָן איך אייך!

און ער לייגט אַ בוכשטאַב צו אַ בוכשטאַב און עס ווערט אַ וואָרט — אַ וואָרט צו אַ וואָרט — אַ מעשה.

ראָבערטן האָט פאַרכאַפּט דאָס לייענען. ער האָט געלייענט,

וואָס נאָר עס איז אים געקומען אונטערן האַנט. אָבער וואו נעמט מען ביכער צום לייענען?

ווינטער איז נאָך אַ האַלבע צרה. ער קריגט יעדע וואָך אַ בוך אין דער שול־ביבליאָטעק. אין איין טאָג שלינגט ער איין דאָס בוך, אָבער ס׳מאַכט ניט אויס — ער האָט ליב לייענען אַ בוך צוויי מאָל. ער קאָן זיך אויך בייטן מיט חברים. אָבער זומער?

ער וואָלט געקאָנט נעמען ביכער אין שטאָט־ביבליאָטעק. דאַרף מען איינלייגן פינף דאָלאַר. וואו זאָל ער נעמען אַזאַ סומע געלט?

שלעפּט זיך ראָבערט אַרום מיט זיין שייקע איבער די גאַסן, מען שפּילט אין מירמל־קייקעלעך, אין באַהעלטעניש און באָל.

עלן סטריט איז פול מיט מענער, פרויען, קינדער, קעץ, וועגענער, מיסט־קעסטלעך. עלן סטריט איז פול מיט געשרייען, טומל פון פּעדלער, קרעמער. די גאַס איז שמאָל און שמוציק, די טראָטואַרן זיינען פאַרשטעלט מיט סחורה. אויף קעסטלעך, לאַנגע בענק זיינען אויסגעלייגט ציבעלעס, רעטעך, קעמלעך, בערשטלעך, ליאַלקעס, שפּיגעלעך, שליסלען, מעסערס, שיין שימערדיק זייד. שטופּוועגעלעך, פּעדלערס און מאַמעס פּלאָנטערן זיך איינע אין די אַנדערע. אַ געשריי, אַ טומל, אַ געפּילדער — און איבער אַלץ טראָגט זיך דורך דער עלעוויטעד מיט אַ בראַזגעריי און אַ גרילצעריי.

אין אָט דעם טומל און ענגשאַפט שפּילט ראָבערטס שייקע אין באָל..

זיפּ — פליט דער באָל צווישן מענער־קאַפּעליושן און פרויען־היטעלעך. מייק איז גאָר אַ גוטער וואַרפער. ראָבערט טוט אַ שפּרונג און כאַפּט דעם באָל אויף — כאַפּט אויף דעם באָל טאַקע גלייך פון אַ יידנס באָרד אַרויס.

דער ייד דערשרעקט זיך, שרייט אויס מיט כעס:

— אַמעריקאַנער לויפערלעך, לאָמיך אייך נאָך אַ פּאַק טאָן אין מיינע הענט.

ראָבערט טוט זיך פלינק אַ דריי אויס, ער איז שוין וויים פונעם יידן און טוט קונציק אַ וואָרף דעם באָל צו דזשאָנען.

טרעפט איינמאָל אַז חברה האָט זיך געשפּילט מיט אַ האַרטן באַל אין פראָנט פון ליבסקיס געוועלב. אויפן טראָטואַר, לעבן געוועלב, איז אויף אַ לאַנגער ברעט אויף צוויי קעסטלעך, אויסגעשטעלט אַ סקירדע בלעכענע פּושקעס מיט פּרעזערוון. ליבסקי איז אַ מאַידים אויסצושטעלן אַ סקירדע פון פּושקעס. ער גלייבט אַז דאָס ציט אַריין קונים. שפּילט זיך חברה לעבן קראָם און דער באַל טוט אַ קנאַק די אונטערשטע ריי פון דער פּיראַמידן־סקירדע. די פּושקעס צעפאַלן זיך מיט אַ קנאַק. אַ פּאָר פּושקעס האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט גלייך אונטער אַ מילכמאַנס פּוס. ער איז געפאַלן און אויסגעגאָסן אַ גאַנצע קאַן מיט מילך. ס'איז געוואָרן אַ ווייסע בלאָטע. אַ פרוי איז צוגעקומען צו דער קראָם. אירע ביידע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט זעקלעך קאַרטאָפל, צוויי טוץ אייער און נאָך אַ סך זאַכן, וואָס זי האָט איינגעקויפט. זי האָט אַזויפיל פּעקלעך מיט זיך, אַז זי האָט געמוזט האַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן. האָט זי ניט געזען די בלאָטע פון מילך און זי האָט זיך אַ גליטש געטאָן און געפאַלן. זי האָט אַ קוויטש געטאָן ווי אימיצער וואָלט איר געגעבן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. ס'איז געוואָרן אַ געלאַף, ס'איז געוואָרן אַ רעדל. חברה האָט אָפּגעצויגן. אין אַזאַ סומאַטאָכע איז געזינטער צו זיין וואָס ווייטער.

ווי אַלעמאָל, אַז די שייקע האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, זיינען די יינגלעך זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. ראָבערט האָט אָנגעשפּאַרט אויף דער פּערטער עווענין לעבן דער באָוערי.

אויפן ראָג איז געווען אַ גרויס ביכער־געשעפט. זעט ראָבערט אַ גרויסע קראָם, פון דיל ביזן סטעליע פּאָליצעס אָנגעפּראָפּטע מיט ביכער, די פענצטער אָנגעפילט מיט ביכער, אויף די טראָטואַרן שטעלכלעך מיט ביכער.

טוט ראָבערט אַ שמיר מיטן האַנט איבערן נאָז, פאַרשטייפּט דעם לעדערנעם פּאַסיק פון די הויזן און גייט אַריין אין קראָם.

דער קרעמער טוט אַ פרעג:

— וואָס ווילסטו, יינגעלע?

— פאַרקויפֿט איר אויך ביכלעך פֿאַר קינדער?

— אוודאי, — זאָגט דער באַלעבאָס, — ווילסט קויפֿן? האָסטו געלט? איך האָב ביכלעך כמעט ווי נייע, פֿינף און צוואַנציק סענטיקע, פֿופֿציק סענטיקע. וועלכע ווילסטו?

— איך האָב קיין געלט ניט, — ענטפֿערט ראָבערט, — אפֿשר דאַרפֿט איר ערגעץ צושיקן אַ פּעקל. איך וועל עס אָפּטראָגן און גיט מיר דערפֿאַר אַ ביכל איבערצולייענען.

— נאַ דיר אַ נייע אָנשיקעניש, — ווערט דער קרעמער בייז, — אַ פּעקל־טראָגער, אַ נייער „אַמעריקען עקספּרעס". חברה זשוליקעס! געטרויִ זיי פּעקלעך. אַרויס, אַרויס! אַז איך וועל דיך דאַרפֿן, וועל איך דיך רופֿן...

גייט ראָבערט אַרויס פֿון קראָם און בלייבט שטיין אויפֿן טראָטואַר. ער קאָן זיך ניט אָפּרייסן פֿון די ביכער. ער קוקט אַריין אין פֿענצטער, גייט צו צום שטעלכל און הייבט אָן באַטאַפּן די ביכער. לויפֿט אַרויס דער קרעמער און צעשרייט זיך:

— וואָס ווילסטו? גנבענען אַ ביכל און אַוועקגעבן עס פֿאַר אַן אייז־קרים? טראָג זיך אָפּ, איידער איך רוף אַ פּאָליסמאַן.

ראָבערט ווערט אין כעס. אים ווילט זיך אַרויסשטעלן דעם קרעמער אַ צונג, אָדער גלאַט אַזוי אַ שאַר טאָן זיך האַרט ביי אַ שטעלכל און איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער האַלט זיך אָבער איין. ער ווייסט, אַז ער וועט דאַרפֿן אָנקומען צום בוכהענדלער. שלייכט ער זיך אַוועק שטיל צוריק אויף עלן סטריט.

חברה איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם ראָג עלן און האוסטאָן סטריט. סעמי האָט ערגעץ געקראָגן אַן עפּל די גרויס ווי זיין קאָפּ; ער בייסט און שלינגט שטיקערווייז. דזשאָן שלינגט אַ טאָמייטאָ, מייקל האָט געקויפֿט אַ „לאָלי־פּאָפּ". ראָבערט איז צוגעקומען מיט די הענט אין די קעשענעס און וואוילעריש אויסגעפּייפֿט אַ מעלאָדיע.

— וואו ביסטו געווען, ראָבערט? — האָט חברה געפֿרעגט, — מיר האָבן געוואַרט אויף דיר.

— אויף דער פערטער עוועניו, לעבן דער באָוערי, — האָט ראָבערט געענטפערט, — איך האָב דאָרט געזען אַ ביכער-קראָם. אַ, באָי, אַ קראָם, די גרויס ווי אַ גאַנץ הויז, אָנגעפּאַקט מיט ביכער, ווי אַ קענדי-סטאָר מיט קענדי און סיגאַרעטס.

— ביסט געווען אינעווייניק?

— געווען; דער קרעמער האָט מיך אַרויסגעוואָרפן.

— העי, חברה, „קאַם אָן", לאָמיר אָנלערנען דעם קרעמער, — טוט סעמי אַ ברום.

— איך בעט דיך ניט איינשטעלן זיך פאַר מיר, — ענטפערט ראָבערט בייז, — איך קאָן אַליין מיין שטעטל באַשטיין.

— האָסט מורא, — זאָגט סעמי מיט אַ פול מויל מיט עפּל.

— איך האָב מורא? — זאָגט ראָבערט אָן אָנגעצונדענער.

— אוודאי, — ענטפערט סעמי.

— איך בין אַ טרוס?

— דו האָסט מורא, — ענטפערט סעמי אַביסל ניט צו דער זאַך.

— דו רופסט מיך טרוס? — פרעגט ראָבערט צוטרעטנדיק נאָענט צו סעמין.

— איך זאָג, אַז דו האָסט מורא — האַלט זיך סעמי ביי זיינס.

— דו האָסט מורא, — זאָגט ראָבערט, — דו האָסט מורא מיך צו רופן טרוס. ביסט אַליין אַ טרוס.

— זאָג עס נאָכאַמאָל.

— סעמי איז אַ טרוס.

סעמי האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיקל עפּל, אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און זיך פאַרמאָסטן אויף ראָבערטן.

—אַ געשלעג, — האָט חברה אָנגעהויבן טאַנצן. די צוויי יינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איינער אויפן אַנדערן.

— דאָס געשלעג האָט לאַנג ניט געדויערט. ראָבערט איז באַלד געזעסן אויף סעמין רייטנדיק, אים צוגעהאַלטן מיט דער האַנט דאָס פּנים און געפרעגט:

— גיסט אויף?

— יאָ, איך גיב אויף.

די ייִנגלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט, געגעבן איינע די אַנדערע די האַנט.

חברה האָבן זיך געלאָזן אַהיים, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט ניט געווען.

ראָבערט האָט געגעסן וועטשערע אַ פּאַרטראַכטער. מען מוז ערגעץ פּאַרדינען געלט צו קויפן ביכלעך. פאַר אַ קוואָדער קאָן מען קויפן אַ ביכל. ביליקער ווי באַנאַנעס. ער האָט געגעסן און ניט געוואוסט וואָס ער שטופּט אין מויל. די מאַמע האָט אַנגעשריען:

— ווילדע בריאה, זעסט ניט וואָס דו עסט? האָסט דאָך אַריינגעשטופּט דיין האַנט אין דער זופּ. און זע נאָר ס׳אַרא ריינע הענטעלעך עס האָט.

— אָ, לאָז מיך צורו, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— כ׳וועל דיר באַלד געבן אַ לאָז מיך צורו, — האָט די מאַמע זיך געבייזערט, — פּרעס, איך דאַרף צוואַשן דאָס געפעס.

פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ פייף:

— מיס ליוויי, מיס ליוויי, אַ טעלעפאָן אין האַרקאַווים „דראַגסטאָר". קומט אַראָפּ.

— אָל־רייט, באַי, — האָט זיך געהערט אַן ענטפער פון דער צווייטער טיר פון ראָבערטס וואוינונג, — אָט גיי איך אַראָפּ, וואַרט, ייִנגעלע, וועל איך דיר געבן צוויי סענט.

ראָבערט האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי אַן אָפּגעבריטער.

— וואוהין לויפסטו, — האָט די מאַמע געפרעגט.

— איך וויל מער ניט עסן.

— איז וואָס איילסטו זיך, וואָס, די גאַס וועט אַנטלויפן?

— דזשי, מאַ, „ליוו מי אַלאָן". (לאָז מיך צורו).

— נו, גיי שוין, גיי; זאָל בעסער דער טאַטע דיך ניט זען מיט אַזעלכע ריינע הענט.

די שייקע האָט שוין געוואַרט אויף ראָבערטן. ראָבערט האָט גענומען פרעגן מיט אימפּעט:

— הערט, חברה, איר האָט ליב אייז-קרים?
— ניין, — האָט חברה געענטפערט שפּאַטיש.
— און סאָדעס?
— מיר קאָנען אויף דעם ניט קוקן.
— און קענדי?
— הער, דו, וואָס רייצסטו זיך מיט אונדז. נו, שים.
— איך האָב אַ פּלאַן ווי צו מאַכן אַ סך געלט.
— ווי אַזוי?

און ראָבערט האָט אָנגעהויבן:

— איר ווייסט דאָך, אַז אין אָוונט טעלעפאָנירן אַלע „באָיעס" זייערע מיידלעך. זיי טעלעפאָנירן אין „דראָג-סטאָר" (אַפּטייק) און דער דראָגיסט (אַפּטייקער) שיקט אימיצן רופן דאָס מיידל. מען קריגט שטענדיק צוויי, דריי סענט. איך האָב אַליין געזען ווי דזשימי האָט געקראָגן פון מיס ליווי צוויי סענט. דער גרעסטער „דראָג-סטאָר" איז האַרקאַווים. ער האָט דאָרטן אַכט טעלעפאָן-ביידלעך. מיר זיינען דאָ אַ גאַנצע שייקע. לאָמיר שטיין לעבן האַרקאַווים טיר, ווען ער וועט אימיצן דאַרפן, וועלן מיר זיין די ערשטע.

אין אַ וואָך אַרום האָבן די יינגלעך באַזאָרגט שוין דריי אַפּ-טייקן. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן האָט ראָבערט אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנצן האַלבן דאָלאַר.

ווען ראָבערט איז געקומען קויפן אַ בוך, האָט ער געטראָפן אַ נייעם קרעמער. אַ קליין מענטשעלע, מיט לאַנגע האָר און גאָלדענע ברילן. ער האָט ראָבערטן אויפגענומען זייער שיין און אים גע-געבן פאַרן האַלבן דאָלאַר צוויי ביכלעך.

ראָבערט האָט איבערגעלייענט די צוויי ביכלעך אין צוויי טעג. ער האָט געקוקט אויף די איבערגעלייענטע ביכלעך און געטראַכט:

— עס טויג ניט, באַצאָלט אַ האַלבן דאָלאַר און ניטאָ וואָס

צו לייענען. ס׳איז ניט קיין קיין פּלאַן. ער האָט גענומען די צוויי ביכלעך אונטערן אָרעם און איז צוריק געקומען צום קרעמער.

דער קרעמער האָט אים דערקענט:

— וואָס ווילסטו איצט, יינגעלע, נייע ביכער?

— ניין.

— וואָס איז, די ביכער וואָס איך האָב דיר פאַרקויפט, געפעלן דיר ניט?

— זיי געפעלן מיר יאָ. גוטע ביכער, שיינע מעשות. כ׳האָב זיי אָבער שוין איבערגעלייענט.

— נו, קויפט מען נייע.

— איך האָב ניט אַזויפיל געלט. ס׳האָט געדויערט צוויי וואָכן ביז איך האָב פאַרדינט דעם האַלבן דאָלאַר. ס׳איז אַ סך געלט.

— טאָ וואָס־זשע קאָן איך דיר העלפן?

— נאָט אייך צוריק די צוויי ביכער. גיט מיר אַ ניי בוך. רעכנט מיר פינף סענט פאַר לייענען. אַז איך וועל איבערלייענען דאָס נייע ביכל, וועל איך עס אייך צוריקברענגען און איר וועט מיר געבן אַן אַנדער ביכל. איר וועט מיר געבן ביכלעך ביז איך וועל אויסלייענען דעם האַלבן דאָלאַר.

— הערסט אַן איינפאַל, — האָט דער קרעמער געשמייכלט,

— הערסט ס׳אַראַ איינפאַל! ווי אַלט ביסטו?

— ניין און אַ האַלב יאָר!

— ביסט ווערט אַ ניי ביכל. ניין, ביסט ווערט צוויי נייע ביכלעך! ווארט נאָר צו, — האָט דער קרעמער געזאָגט צופרידן.

ראָבערט איז געבליבן וואַרטן. דער קרעמער האָט זיך געפּאָרעט אין אַ ווינקל און גערעדט צו זיך — קומט אַ שנעקל און גיט אַזאַ גאָלדענעם פּלאַן. און מיר, אַלטע געשעפטסלייט, זיצן ווי די נאַראָנים. דערטראַכטן זיך ניט צו עפּעס רעכטס.

— נאַ, — האָט דער קרעמער געבראַכט צוויי דיקע בענד און געגעבן ראָבערטן, — נעם און האָב הנאה. ביסט אַ וואויל יינגל. אַ קלוג יינגל. האָסט מיר געגעבן אַ פּלאַן פאַר אַ ניי געשעפט.

ראָבערט איז אַרויסגעשפּרונגען פון קראָם אַ גליקלעכער.
דיזעלביקע וואָך האָט דער קרעמער צוזאַמענגערופן עטלעכע
אַרויסגעבער פון ביכער און פאָרגעלייגט פאַר זיי זיין פּלאַן. ער האָט
גערעדט מיט האַרץ:

— איר הערט? אַ קליין שנעקל האָט מיר געגעבן דעם פּלאַן.
אַ ליי-ביבליאָטעק. אַ ניקל אַ טאָג פאַר איבערלייענען אַ בוך. פאַר-
וואָס אַ ניקל? צוויי סענט איז גענוג. מיר וועלן מאַכן אַ פאַרמעגן.
מיר'ן אַרויסגעבן ביכער צו אַפּטייקערס און „קענדי-סטאָרס". מען
וועט רעכענען דעם לייענער צוויי סענט אַ טאָג נאָר פאַר איבער-
לייענען אַ בוך. אַ סענט פאַר אונדז, אַ סענט פאַרן קרעמער. מיר
וועלן זיין צופרידן, און דער קרעמער וועט זיין צופרידן. אונדז
קאָסטן דאָך די ביכער אַ קלייניקייט, דער קרעמער דאַרף גאָרנישט
אַריינלייגן אין געשעפט. עס שטייט ביי אים אַ שאַפּקעלע מיט ביכער
— און ברענגט פּראָפיט.

— אָבער עס זיינען דאָ אַזויפיל שטאָט-ביבליאָטעקן וואָס גיבן
אַרויס ביכער אומזיסט, — האָט איין אַרויסגעבער געזאָגט, — וועלכער
נאַר וועט צאָלן געלט פאַר לייענען ביכער, ווען ער קאָן לייענען
אומזיסט?

האָט דער קרעמער געענטפערט:

—ערשטנס, זיינען די שטאָט-ביבליאָטעקן ווייט איינע פון דער
אַנדערער. צווייטנס, האָבן זיי ניט אַלעמאָל די נייסטע ביכער. מיר
וועלן אַריינשטעלן אַ ביבליאָטעק אין יעדן „דראָג-סטאָר", אין יעדן
„קענדי-סטאָר". מיר וועלן זיי באַזאָרגן מיט די נייסטע, פּאָפּו-
לערסטע ביכער. לאָמיר מאַכן אַ פּראָבע מיט עטלעכע מוסטער-
ביבליאָטעקן, וועלן זיי זיין אַ דערפאָלג, וועלן מיר עפענען נאָך
און נאָך.

די ערשטע ליי-ביבליאָטעק האָט זיך געעפנט טאָקע אין דעם
ביכער-געשעפט אויף דער פערטער עוועניו. ראָבערט איז געווען דער
ערשטער אַבאָנענט.

קאַפּיטל פֿיר

שטערן אין הימל

ראָבערט איז געשטאַנען לעבן די פּאָליצעס מיט ביכער און געבלעטערט איין בוך נאָכן אַנדערן. ס׳איז אים געווען שווער צו געפֿינען אַ ביכל וואָס זאָל אים געפֿעלן. ער ווייסט ניט ווי אַזוי מען קלייבט אויס גוטע ביכער. פֿריער פֿלעגט ער זיך אויסקלייבן וואָס צו לייענען נאָך דער הילע נאָך. איז אויף דעם פֿאָדערבלאַט געווען אויסגעמאָלן אַן אינדיאַנער, אָדער אַ מענטש וואָס האַלט אין שיסן, אַ גאַלאָפּירנדיקער רייטער, אַ זעגל־שיף, איז אים דאָס בוך געווען צום האַרצן. אין ביכלעך מיט אַזעלכע הילעס, האָט ראָבערט געוואוסט, דערציילט זיך, ווי מען שיסט איינע אויף די אַנדערע, ווי מען יאָגט זיך נאָך רויבער, ווי מען גייט אויף יאַגד, ווי מען קעמפֿט מיט מענטשן־פֿרעסער. ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע ביכלעך און זיך אָנגעלייענט מיט זיי ווי אַ פּויק.

בײַסלעכווייז איז ראָבערטן מיאוס געוואָרן צו לייענען אַזעלכע באָבע־מעשׂות. זיי זיינען ענלעך איינע צו די אַנדערע. ווי נאָר ער פֿלעגט אָנהייבן לייענען אַזאַ געשיכטע, האָט ער שוין געוואוסט דעם סוף. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַנדערע ביכער, מער אינטערע־סאַנטע. ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי מען געפֿינט זיי. עס איז ניט געווען ביי וועמען צו פֿרעגן. זיינע חברים האָבן ניט געלייענט קיין ביכער. דער טאַטע — זיין קאָפּ איז געווען אין שאָפּ.

קומט צו דער קרעמער מיט אַ בעזעמל געמאַכט פֿון פֿעדערן און שטויבנדיק די פּאָליצעס כאַפּט ער אַ קוק אויף ראָבערטן.

— וואָס בלעטערסטו, ראָבערט?

—אַ בוך, מר. פֿריד.

— כ׳ווייס אַז אַ בוך, ניט קיין פֿיש. איך פֿרעג, וואָס פֿאַר אַ בוך בלעטערסטו ?

— אַ מאָדנע ביכל, מר. פֿריד. עס רופֿט זיך : „באַוועגלעכע בילדער פֿון הימל״.

דער קרעמער האָט אויפֿגעהערט שטויבן די פּאָליצעס, אונטערגעלייגט די האַנט אונטערן מאָרדע און געזאָגט :

—ראָבערט, לייג אַוועק דאָס ביכל, ס׳איז ניט פֿאַר דיר. אין דעם ביכל זיינען ניטאָ קיין אינדיאַנער, ניטאָ קיין „קאַו־באָיעס״, מען שיסט ניט, מען לויפֿט ניט, מען יאָגט ניט...

— מיר זיינען שוין נמאס געוואָרן יענע ביכלעך, וואו מען האַלט אין איין שיסן, אין איין לויפֿן, אין איין יאָגן זיך, — האָט ער געענטפֿערט.

— אויב אַזוי, האָט דער קרעמער אַרויסגעזאָגט צופֿרידן, טאָ נעם טאַקע „די באַוועגלעכע בילדער פֿון הימל״. עס וועט דיר שטאַרק געפֿעלן ווערן.

אָבער ראָבערט האָט דאָס ביכל ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען. ער איז לייכט דורכגעקראָכן דאָס ערשטע קאַפּיטל. ס׳איז געווען אַ שיין קאַפּיטל. דאָרט האָט זיך דערציילט אַ מעשה וועגן צוויי ברידערלעך פּיטער און פּאָול און זייער שוועסטער בעטי.

אַ זומער פֿאַרנאַכט. די צוויי ברידערלעך און דאָס שוועסטערל בעטי זיינען געגאַנגען פֿון וואַלד אַהיים. צוגעקומען צו דער לאַנקע נאָכן גאָרטן פֿון זייער הויז, האָבן זיי דערזען אַ צויבער־רינג — אַ צירקל פֿון בלאָע וואַלד־בוימלעך, אינמיטן דעם צירקל אַ שוואָם. אויף דער שוואָם איז געזעסן פּאָוק דאָס וואַלד־שדל און געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו ? — האָבן די קינדער געפֿרעגט.

— איך לאַך פֿון אייך. איר זענט נאַראָנים, — האָט פּאָוק געענטפֿערט, — טוט נאָר אַ קוק אויפֿן הימל.

די קינדער האָבן אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל. זיי האָבן געזען אַ לבנה — אַ דינינק פּאַסיקל אויסגעבויגן ווי אַ סערפּ מיט די שפּיצן צו מערב.

שטערן אין הימל

— נו וואָס זעט איר דאָרט אויפן הימל, חכמים מיינע?

— מיר זעען אַ לבנה, — האָבן געענטפערט די קינדער.

—אַ לבנה, אַ סכנה, — האָט פּאָוק זיי איבערגעקרימט, — אַ לבנה, געמאַכט פון קעז, באַשפּרינקלט מיט זאַלץ, באַשאָטן מיט פעפער... איר הערט נאָר, איך וועל אייך פרעגן אַ רעטעניש.

— פרעג.

— פאַרוואָס איז די לבנה פריער דין ווי אַ שנירל, דערנאָך ווערט זי גרעסער און גרעסער, ביז זי ווערט קיילעכדיק ווי אַ ראָד און נאָכדעם ווערט זי ווידער דין און דינער — און אַלץ אין איין חודש?

— טאַקע פאַרוואָס? — האָבן די קינדער געפרעגט.

— אַזוי? איר ווילט טאַקע וויסן, אַט טאַקע אַזוי, שטייענדיק אויף איין פוס? ניין, פאַרשט, זוכט!

— מסתמא ווייסטו אַליין ניט דעם ענטפער אויף דיין רעטע-ניש, — האָבן די קינדער געזאָגט.

— איך ווייס שוין גאָר דעם ענטפער, איר נאַרישע קעלבלעך,

— האָט דאָס קליין מענטשעלע געענטפערט, — איך בין פּאָוק, דאָס וואַלד שרעטעלע. איך געפין זיך אין יעדן צויבער-רינג, איך בין דאָרט וואו איינער שטייט און וואונדערט זיך. אַז מען וואונדערט זיך פרעגט מען פראַגעס. אַז מען פרעגט פראַגעס, זוכט מען ענטפערס. אַז מען זוכט ענטפערס, געפינט מען. איך בין די פרייד פון אויסגע-פינען זאַכן. איך בין געזעסן ביי קאָלאָמבוסן אויפן אַקסל ווען ער איז געשטאַנען אויפן דאַך פון זיין שיף, געקוקט און געקוקט ביז ער האָט דערזען לאַנד. איך בין געזעסן ביי גאַלילייען אויפן ברעם, ווען ער האָט געקוקט דורך זיין טעלעסקאָפּ. איך בין געווען וואַך אין יענער נאַכט מיט עדיסאָנען ווען ער האָט געציילט די ברען-שטונדן פון דעם ערשטן גלי-לעמפּל. יע, איך בין געווען וואַך מיט עדיסאָנען... און איר חברה גייט איצט אַהיים. ווען איר וועט אויסגעפינען דעם ענטפער אויף מיין פראַגע, וועל איך זיך צו אייך ווידער ווייזן.

און דאָס קאַרליקל איז פאַרשוואונדן.

די קינדער זיינען אוועק אהיים און אָנגעהויבן פרעגן וועגן דער לבנה...

אין די אַנדערע קאַפּיטלען, ווערט דערציילט, ווי אַזוי די קינדער האָבן אויסגעפונען דעם ענטפער אויף פּאָוקס פראַגע. ווי נאָר זיי האָבן אויסגעפונען דעם ענטפער, האָבן זיי דערזען פּאָוקן — אַ קליין מענטשעלע, אָנגעטאָן אין גרינס, מיט שפּיצן־פאַרדרייטע שיך און אַ מיצעלע מיט גלעקלעך. ער האָט זיך געשווינגלט אויף אַ צווייג פון אַן עפּל־בוים. געלאַכט און געפרעגט נייע פראַגעס. די קינדער האָבן ווידער געזוכט ענטפערס. זיי האָבן געמאָסטן, גע־רעכנט, געמאַכט עקספּערימענטן מיט אַ לאַמטערנע, אַ באַל, אַ צירקל. ראָבערט האָט דאָס שוין ניט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט אויפגעכאַפּט דאָ און דאָרט גרינגע בלעטלעך, האָט ער זיי איבער־געלייענט. אים זיינען אויך געפעלן געוואָרן איניקע בילדער אין בוך, אָבער נישט אַלע. ער האָט געזען אַ בילד פון פּלאַנעט סאַטורן מיט אַ רינג אַרום אים און אַכט לבנות דרייען זיך אין אַ ראָד. ער האָט געזען בילדער פון די פּלאַנעטן מאַרס, ווענוס, מערקורי. אונטער יעדן בילד איז געווען אָנגעצייכנט ווי אַזוי מען קאָן זען די פּלאַנעטן, וואו זיי געפינען זיך. דאָס איז ראָבערטן שוין געווען שווער צו באַנעמען. אים איז נאָר געפעלן געווען די נאָכשריפט צו יעדן קאַפּיטל. ווי פּאָוק באַווייזט זיך צו די קינדער, שמייכלט און זאָגט:

— שרעקט זיך ניט, קינדער, פאַר קיין פראַגעס, ציטערט ניט אויב איר געפינט אים אַן ענטפער וואָס איז אַנדערש ווי דער, וואָס מען האָט אייך פריער דערציילט. איר דאַרפט נאָר מורא האָבן, ווען איר וועט אויסגעפינען אַז צוויי מאָל זיבן איז זעכצן...

ראָבערט האָט געוואָלט אָפּטראָגן דאָס ביכל צוריק צום קרע־מער. אָבער יעדעס מאָל האָט זיך אים געדוכט אַז ער זעט פּאָוקן אין צויבער־רינג און דאָס שדל לאַכט:

— אַזוי, דו ווילסט טאַקע וויסן, אָט טאַקע אַזוי, שטייענדיק אויף איין פוס? ניין, פאַרש, זוך פריער.

ראָבערט האָט אָנגעהויבן זיך פאַרקלייבן אויף ליידיקע פּלעצער,

מיט אַ שטעקל געגומען מאַכן אין זאַמד פיגורן, דיאַגראַמען. ער האָט פּאַרפּאַטשקעט די ווענט אין קיך, די טראָטואַרן פון גאַס און ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דאָס ביכל.

ס׳איז געווען אַ שטיקנדיקער זומער־אָוונט. אַלע איינוואוינער פון עלן סטריט האָבן זיך געפונען אין דרויסן. מען איז געזעסן אויף די „סטופּס״ — טרעפּ ביים טיר — אויף קעסטלעך. אויף די אָפענע פענצטער. מען האָט געכאַפּט פרישע לופט. ראָבערטס טאַטע־מאַמע און דאָס קליינע ברודערל האָבן פאַרכאַפּט אַ גוטן פּלאַץ גלייך לעבן אַריינגאַנג פון קעלער — אויף צוויי לאַנגע קעסטלעך זיינען זיי געזעסן און געפאָכעט זיך מיט ציטונגען — זיך געקילט. ראָבערט איז געזעסן אויפן טראָטואַר און איבערגעצייכנט מיט קרייד די דיאַגראַמען. דאָס קלענערע ברודערל האָט זיך געשפּילט מיט אַ קעצל.

די מאַמע האָט געגענעצט.

— שוין צייט צו גיין שלאָפן.

— יאָ, ס׳איז שוין שפּעט, — האָט דער פאָטער געענטפערט,

— ס׳גלוסט זיך אָבער ניט גיין שלאָפן אין די פאַרשטיקטע צימערן.

— ווייסטו וואָס, — האָט די מאַמע געזאָגט, — נעם די צוויי אינגלעך און גיי אַרויף אויפן דאַך. ס׳איז דאָרטן קיל, אַ מחיה. עס בלאָזט אַ ווינטל פון איסט ריווער.

— טאָקע אַן איינפאַל, — האָט דער פאָטער געענטפערט, — ס׳וועט פאַר דיר און די איבעריקע קינדער זיין גראַמער אין די צימערן, ס׳וועט ניט זיין אַזוי שטיקנדיק.

***

ראָבערט, זיין פאָטער און דאָס קלענערע ברודערל זיינען ניט געווען די איינציקע וואָס האָבן געוואָלט שלאָפן אויפן דאַך. אַ האַלב טענעמענט־הויז האָט זיך דאָרטן צעלייגט.

ראָבערט און זיין פאָטער האָבן געפונען אַ ווינקל לעבן הויכן קוימען. זיי האָבן פאַרשפּרייט די קאָלדרע, אוועקגעלייגט די קישנס,

אויסגעטאָן די שיך און זאָקן, אַראָפּגענומען די רעקלעך, האַלב-אָנגעטאָנענע האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן.

אויפן דאַך איז שטיל. עס הערט זיך נאָר אַ דומפּער רויש פון אונטן, פון גאַס. דער הימל איז טיף אויסגעשטערנט. ראָבערטס פּאָטער האָט איינגעדרימלט. דאָס אינגל איז אָבער געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל און זיך געוווּנדערט:

— איך האָב גאָרניט געוווּסט אַז עס זיינען דאָ אַזויפיל שטערן אין הימל. ווי אַזוי קאָן מען אונטערשיידן איין שטערן פון אַנדערן. זיי זעען אויס גלייך. וואו געפינט זיך דאָ דער צפון-שטערן?

די שטערן האָבן געפינקלט. ראָבערט האָט געקוקט און געקוקט אויף די פינקלענדיקע שטערן און זיך אַלץ געוווּנדערט.

די שטערן קוקן אויס אַזוי קליין און דאָך זיינען זיי גרויס, אַזוי גרויס ווי אונדזער ערד, נאָך גרעסער. מאָדנע, וואָס טוט זיך דאָרטן איצט, ווי קוקט אויס סאַטורן מיט זיינע אַכט לבנות?

— ווילסטו וויסן? — האָט זיך געהערט אַ שטים גלייך לעבן ראָבערטס רעכטן אויער.

ראָבערט האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ. זע נאָר, זע, פּאָוק! עס שטייט דאָס קליינע מענטשעלע, אָנגעטאָן אין גרינס, און לאַכט.

ראָבערט האָט אָנגעהויבן רייבן די אויגן.

— וואָס רייבסטו די אויגן, ראָבערט, וועסט נאָך בלינד ווערן.

— איך גלויב ניט מיינע אויגן, פּאָוק. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט נאָר אַ משל.

— אַט זעסטו דאָך מיך אַ לעבעדיקן.

— עט, ס'איז אַ ליגן, ס'איז אַ חלום.

— יאָ אַ חלום, ניט אַ חלום, — האָט דאָס קליינע מענטשעלע געלאַכט, — דו ווילסט דאָך זען וואָס עס טוט זיך אויף די שטערן. קום.

שטערן אין הימל

— ווי אזוי קענען מיר אַרויפגיין אויף אַ שטערן? — האָט ראָבערט געזאָגט.

— איך וועל דיך נעמען אויף מיינע פּלייצעס.

— כאַ, כאַ, — האָט זיך ראָבערט צעלאַכט, — דו וועסט מיך נעמען אויף דיינע פּלייצעס. מיין מיטלסטער פינגער איז גרעסער ווי דו אינגאַנצן.

— האָב קיין מורא ניט, פּאָוק קאָן אַלץ. קוק און זע!

דאָס מענטשעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן און ס'איז געוואָרן פון אים אַ גרויסער שיינער אָדלער מיט צוויי מעכטיקע פליגל.

— אָ, ביסט שוין געוואָרן גאָר אַן אָדלער, — האָט ראָבערט געזאָגט, — איצט איז עס זיכער אַ חלום.

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי פאַר חלומות? — האָט פּאָוק געזאָגט, — אַ דאגה האָסטו. אפשר איז נאָך בעסער, אַז עס איז אַ חלום. אין אַ חלום קאָן אַלץ טרעפן... קום!

דער אָדלער האָט פונאַנדערגעלאָזן די פליגל. עס האָט זיך דערהערט אַ שטילער רויש ווי אַ מאָטאָר וואָלט געאַרבעט. דער אָדלער און ראָבערט האָבן אָנגעהויבן פליען העכער און העכער.

די הייזער, די גאַסן האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן. אַלץ אונטן איז געוואָרן קליין, קלענער. נאָך אַ ווײַלע — און די גאַנצע ערד האָט אויסגעזען ניט מער ווי אַ שוואַרץ פינטעלע. זיי האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און — דאָס שוואַרצע פינטעלע האָט אָנגעהויבן שיינען אין דער פינצטערניש.

— איז דאָס שיינענדיקע פינטעלע אונדזער ערד? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— יאָ, — האָט דער אָדלער געענטפערט.

— איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז אונדזער ערד קען שיינען ווי אַ שטערן, — האָט ראָבערט געזאָגט.

— ס'זיינען פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס דו ווייסט ניט, — האָט פּאָוק געענטפערט.

— וועסט מיך אויסלערנען, — האָט ראָבערט באַלד אָפּגע־ענטפערט.

זיי זיינען געפלויגן ווייטער, העכער, נאָך העכער... זיבן זונען זיינען מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען. זונען פון אַלע זייטן. ניט ווי אויף דער ערד, וואו נאָר איין זון שיינט. דאָ האָבן זונען געשיינט אַרום און אַרום, און ס׳זיינען ניט געווען קיין שאָטנס.

ראָבערט האָט געקוקט, געוואונדערט זיך און געשוויגן.

זיי זיינען געפלויגן העכער און העכער. אין דער בלויער לופט האָט זיך גענומען אַרויסשיילן אַ קיילעכדיקע זאַך, זי האָט אויס־געזען ווי אַ נייע ערד.

נעענטער און נעענטער זיינען זיי געפלויגן צו דער נייער ערד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן בערג, פעלדער, וועלדער. זיי זיינען צוגעקומען האַרט צו דעם נייעם לאַנד. דער אָדלער מיט ראָבערטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ הויכן באַרג. דער אָדלער איז געוואָרן צוריק אַ קליין מענטשעלע. ראָבערט האָט זיך אַרומגעקוקט, ניט קיין זיבן זונען האָבן געשיינט, נאָר פערצן. די ביימער זיינען געווען דריי מאָל העכער ווי די ביימער אויף דער ערד. די בלומען — פאַרביקער. אַלץ איז געווען שענער ווי אונטן. ער האָט שטיל געפרעגט:

— וואו זיינען מיר?

— אויף דיין שטערן, — האָט פּאָוק געענטפערט.

— וואָס מיינסטו, מיין שטערן? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— הער, — האָט פּאָוק געזאָגט, — יעדעס קינד, ווען עס ווערט געבוירן, ווערט מיט אים געבוירן אַ שטערן. דער שטערן איז וויסט און לער. קיין בוים, קיין גראָז, קיין פויגל, קיין טייך געפינט זיך ניט אויף אים. ווען דאָס קינד הייבט אָן רעדן, איז פון יעדן וואָרט וואָס עס רעדט אַרויס ווערט עפּעס אויפן שטערן געשאַפן. זאָגט עס „הויז״ — ווערט אַ הויז אויפן שטערן, זאָגט עס „בוים״ — וואַקסט אויס אַ בוים, און אַזוי ווערט אָנגעפילט דער שטערן מיט הייזער, ביימער, פויגלען, חיות, טייכן, בערג און טאָלן. אַלץ וואָס

שטערן אין הימל

דאָס קינד טראַכט, אַלץ וואָס אַט דאָס קינד רעדט אַרויס, ווערט געשאַפן אויפן שטערן.

— אַלץ? — פרעגט ראָבערט.

— יאָ, אַלץ.

— אַפילו שלעכטע זאַכן? — פרעגט ראָבערט.

— יאָ, שלעכטע זאַכן אויך. קיין זאַך ווערט ניט פאַרלאָרן אין אונדזער וועלט. קום, איך וועל דיר עפּעס ווייזן.

פּאָוק האָט גענומען ראָבערטן ביים האַנט און אים געפירט איבערן שטערן. ער האָט אים געבראַכט אין אַ גרויסן, ברייטן טאָל. דער טאָל איז אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג און אָנגעפּראַפּט מיט באַשעפענישן. ער האָט געזען דאָרטן מאָדנע זאַכן: ציפערן אין געשטאַלט פון מענטשן שפּאַצירן אַרום. אַנדערע ציפערן זיינען גלייך ווי סטרונעס און אַנדערע זיינען קרומע, לאָמע, גייען אַרום הינקענדיק, מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ראָבערט געפרעגט פאַרוואונדערט.

— דאָס זיינען דיינע ציפערן, — האָט פּאָוק געענטפערט, — דאָס זיינען די לעקציעס וואָס דו האָסט געמאַכט. אַז דו האָסט געטאָן דיין היים־אַרבעט ריין און גוט, זיינען אַרויסגעקומען גלייכע שיינע געשטאַלטן, ווען דו האָסט זיך געאײַלט, געמאַכט די היים־אַרבעט מיט גרייזן, זיינען געשאַפן געוואָרן קרומע, לאָמע, פאַרקריפּלטע באַשעפענישן.

— און וואָס איז דאָס? — האָט ראָבערט געפרעגט. פאַרביי אים זיינען דורכגעגאַנגען שעפסן מיט דריי פיס, פערד אָן קאָפּיטעס, אָקסן אָן הערנער, בהמות אָן עקן, אויטאָמאָבילן אָן רעדער, הייזער אָן פענצטער,ביימער אָן צווייגן, קינדער מיט איין פוס.

— דאָס זיינען ווערטער, וואָס דו האָסט ניט ריכטיק אַרויס־גערעדט, — האָט פּאָוק געענטפערט, — זיי וועלן פאַרבלייבן אַזוי אויף זייער גאַנץ לעבן. געדענק, קיין זאַך ווערט ניט פאַרלאָרן אויף דער וועלט. וואָס איינער טוט, וואָס איינער טראַכט, לאָזט ער ערגעץ וואו איבער אַ צייכן. איך קען דיר ווייזן זאַכן וואָס זיינען

געשאַפן געוואָרן פון אַלע שלעכטע רייד וואָס דו האָסט גערעדט, פון אַלע שפּיצלעך, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן.

— איך וויל עס ניט זען, איך וויל עס ניט זען, — האָט ראָבערט זיך געבעטן.

— גוט, — האָט פּאַוק געזאָגט, — איך וועל דיר צוליב טאָן. אָבער איך וויל דו זאָלסט געדענקען, אַז עס זיינען פאַראַן שטערן וואָס אויף זיי איז ניטאָ קיין איין גאַנצע זאַך. שטערן, וואָס זיינען פול מיט שלאַנגען, עקדישן, פּיפערנאָטערס, האַלב-צעוואָרפענע הייזער, הינט מיט איין פוס, אויטאָמאָבילן אָן מאָטאָרן. קיין איין ניט-פאַר-קריפּלט געשטאַלט געפינט זיך ניט דאָרטן און די שטערן וויינען אויף זייער גורל.

— קאָנען שטערן וויינען? — האָט ראָבערט געפרעגט פאַר-וואונדערט.

— ניט ווי מענטשן, — האָט דאָס שדל געענטפערט, — זיי גיסן ניט קיין טרערן. אָבער — האָסטו געזען אַמאָל ביינאַכט ווי שטערן פינקלען? דאָס וויינען זיי אויף זייער גורל.

— ווען איך וועל זען אַן אויסגעשטערנטן הימל, — האָט ראָבערט געזאָגט, — וועל איך זיך צוקוקן און זען וויפל שטערן פינקלען — וויינען אויף זייער גורל.

— דערצייל עס דיינע חברים, — האָט געזאָגט דאָס שדל.

— זיי וועלן מיר ניט גלויבן, — האָט ראָבערט געזאָגט, — זיי וועלן פון מיר לאַכן. נאָר נאַראָנים און פּיצלעך קינדער גלויבן אין מלאכים, שדים און קאַרליקעס.

— דערצייל עס זיי ווי אַ שיינע מעשה. מעשות האָבן זיי ליב, — האָט פּאַוק געזאָגט.

— מיר זיינען דאָך אָבער אויף אַ שטערן, מיליאָנען מייל פון עלן סטריט, — האָט געזאָגט ראָבערט, — ביז מיר וועלן צוריקקומען וועלן זיי שוין זיין דערוואַקסענע מענטשן.

— קום מיט מיר, — האָט פּאַוק געזאָגט.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ הויכן באַרג. אויפן באַרג איז געווען

א גרויסער שטיין. פּאָק האָט אָנגענומען ראָבערטן ביים האַנט און אַרויפגעפלויגן אויפן שטיין.

— איצט, — זאָגט פּאָק, — טו אַ קוק אונטן. זעסט דאָרטן דאָס שוואַרץ פּינטעלע? דאָס איז די ערד. קוק זיך גוט צו, וועסטו זען עלן סטריט.

— איך זע ניט, — האָט ראָבערט געזאָגט.

פּאָק האָט אַ שמייכל געטאָן: — דו זעסט ניט? אָט וועל איך דיר ווייזן. גיב מיר דיין האַנט.

ראָבערט האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט. פּאָק האָט אָנגענומען ראָבערטס האַנט און האָט אים אַ שלעפּ געטאָן, אַ צי געטאָן און אים אַראָפּגעוואָרפן פון שטיין. ראָבערט האָט אָנגעהויבן פאַלן, נידעריעקר, נידעריקער. אָט באַלד קלאַפּט ער זיך אָן אָן דער ערד און ווערט צעשאָטן אויף שטיקלעך. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט געעפנט די אויגן, ערשט, ער ליגט אויף זיין געלעגער אויפן דאַך לעבן קוימען און די רעכטע האַנט ליגט ביי אים אויפן האַרצן.

עס האָט גענומען ראָבערטן אַ היפּשע ווײַלע ביז ער האָט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

— פוי, אַ מאָדנער חלום!

ער האָט געשמייכלט — ס'איז אָבער אַ שיינע מעשה, מען דאַרף עס מאָרגן דערציילן דער חברה.

אויף מאָרגן האָט ראָבערט טאַקע דערציילט זיין חברה די מעשה און ס'איז געקומען צו אַ געשלעג.

קאַפּיטל פינף

דאָס געוועט

ראָבערט איז געזעסן מיט מייקלען אין האָל (אין פאָדער-הויז), גלייך לעבן די שטיגן, און געשפּילט זיך אין „מאַמבלי פּעג". מייקל האָט געוואָרפן דאָס מעסערל און ראָבערט האָט גערעדט, דערציילט אים זיין חלום. עטלעכע מאָל האָט מייקל פאַרלאָרן, ראָבערט האָט עס ניט באַמערקט, אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיין דערציילן. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַ חלום. ער האָט אַליין אָנגעהויבן גלויבן אַז פּאָוק לעבט און אַז דאָס קליינע טייוועלע האָט אים טאַקע געוויזן וואונדער. מייקל האָט זיך געשפּילט מיטן מעסערל און געשוויגן. ווען ראָבערט האָט זיך גאָר שטאַרק צע-היצט, האָט מייקל נאָר אַרויסגעברומט איין וואָרט:

— „פּאָני!" (מאָדנע).

ראָבערט האָט ניט באַמערקט דעם שפּאָטישן שמייכל אויף מייקלס ליפּן. אָבער אין אָוונט האָט די שאַיקע באַגעגנט ראָבערטן מיט אַ הוק און אַ ליאַרעם:

— „העלאָו, מיסטער סטאַר!"

ראָבערט האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס עס האָט געטראָפן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מייקלען. דאָס געשלעג האָט לאַנג ניט געדויערט. חברה האָט געמוזט צוגעבן, אַז ראָבערט האָט בעסער געגעבן. אַז עס איז געוואָרן שלום און מען האָט זיך געגעבן די הענט, האָט דזשאָן אַ קלאַפּ געטאָן ראָבערטן איבערן פּלייצע און געזאָגט:

— אָלרייט, מיסטער סטאַר, האָסט געוואונען.

ראָבערט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דזשאַנען און האָט אים

צעקלאַפּט. אַז מען האָט זיך געדאַרפט געבן די הענט נאָכן געשלעג, האָט חברה ווידער אויסגעשריען:

— „מיסטער סטאַר איז אָלרייט".

דאָס צונעמעניש האָט זיך צוגעקלעפּט.

ראָבערט האָט אין אַ קורצער צייט אַרום זיך צוגעוואוינט צום נאָמען. וואָס אַרט אים, זאָל זיין מיסטער סטאַר. אָבער די צרה איז — חברה האָט אויפגעהערט פאָלגן. די „גענג" האָט זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן; אַז מען רייצט זיך מיטן פירער, וואָס קאָן מען שוין אויפטאָן?

ראָבערט האָט געטראַכט, אַז מען מוז עפּעס ווייזן דער חברה אַ קונץ, אַז מען זאָל פאַרגעסן אָן דער מעשה מיטן שטערן.

ס'איז אַלץ ניט געווען מיט וואָס זיך אויסצוצייכענען פאַר די יינגלעך. ס'האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און מיט ראָבערטן האָט געקלונגען גאַנץ ניו יאָרק.

ראָבערט האָט איינמאָל, האַלב אויף געלעכטער, אַ זאָג געטאָן:

— חברה, כ'וועל אייך ווייזן אַ קונץ.

— וואָס וועסטו אונדז ווייזן? — פרעגט דזשאָן.

— איך וועל ווייזן אַ קונץ — און אַרויסנעמען ביכער פון ביבליאָטעק.

— וואָס? וועסט אַרויסגנבענען ביכער פון ביבליאָטעק? — האָבן אַלע געפרעגט אין איין אָטעם.

— ניט אַרויסגנבענען, — האָט ראָבערט געענטפערט, — נאָר אַרויסנעמען ביכער אויף אַ קאַרטל.

— דיין טאַטע וועט פאַר דיר איינלייגן פינף דאָלאַר?

— וואו וועט מיין טאַטע נעמען פינף דאָלאַר? — האָט ראָבערט געענטפערט.

— האָסט אַ פעטער וואָס איז אין ביזנעס, וועט ער פאַר דיר גוט-זאָגן?

— ניין, מיין פעטער וואוינט אין די בראָנקס. און ווען ער וואָלט געוואוינט דאָ, וואָלט ער סיי-ווי מיר ניט געטרויט.

— נו, ניט גנבענען און אָן אַ גוט-זייגער, ווי זשע וועסטו קריגן ביכער פון ביבליאָטעק?

— דאָס איז די קונץ.

— אָ, ס'איז גלאַט אַזוי געבעבעט, — זאָגט מייקל.

— ווילסטו זיך וועטן? — טוט אַ ברום ראָבערט.

— איך וועט זיך, — האָט מייקל געענטפערט.

— גוט, עס איז אַ געוועט אין פינף און צוואַנציק „מאַרבלס". לאָמיר עס איינלייגן ביי סעמין.

זיי האָבן איינגעלייגט די „מאַרבלס" ביי סעמין.

אַלע פיר מיטאַמאָל: מייקל, דזשאָן, סעמי און ראָבערט האָבן אַריינגעמאַרשירט אין ביבליאָטעק. סעמי איז געווען אַזוי אויפגע-רעגט, אַז ער האָט ניט באַמערקט, אַז די בענדלעך פון זיינע שיך זיינען ביי אים אַפּגעבונדן. מייקל איז געווען צעטראָגן און האָט יעדע מינוט אַ שאַר געטאָן זיינע האָר אַרויף. דזשאָן איז געווען אַזוי צערייצט, אַז ער האָט געקייט גומי שנעל, שנעל. דאָס מויל האָט געמאָלן ווי אַ מיל. אײן ראָבערט איז געווען רואיק.

מייקל, דזשאָן און סעמי האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין דער קינדער-אָפּטיילונג. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום די פּאָליצעס, כלומרשט געזוכט ביכער צום לייענען אין דער אמתן האָבן זיי נאָכגעקוקט ראָבערטן.

ראָבערט איז צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעקאַרן און געזאָגט:

— איך וויל אַרויסנעמען ביכער פון ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעקאַרן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, אַ שאָקל גע-טאָן מיטן קאָפּ: — גוט. — זי איז צוגעגאַנגען צו אַ טישקעסטל, אַרויסגענומען אַ קאַרטל און געפרעגט:

— דיין נאָמען?

— ראָבערט גינגאָלד.

— דעם טאַטנס נאָמען?

— אייראָן גינגאָלד.

— מיט וואָס באַשעפטיגט זיך דיין טאַטע?

— נייט הויזן, — האָט ראָבערט געענטפערט.

די ביבליאָטעקאַרן האָט די ענטפערס פאַרשריבן אויף אַ קאַרטל. ראָבערט האָט געקוקט אויף דעם מיידל און זיך געוואונדערט: אַ מאָדנער קאָפּ האָר. די וואָרצלען זיינען גרוי און וואָס ווייטער פון דער הויט ווערן די האָר גאָלדיקער. דאָס מיידל האָט אויך אַ מאָדנע נאָז — אַ לאַנגע, אַ גלייכע נאָז, קוקט אויס ווי אַ שנאָבל פון אַ פויגל. די אויגן-גלעזער האַלטן זיך ביי איר ניט אויף דער נאָז. יעדע ווײַלע כאַפּט דאָס מיידל קונציק אַראָפּ די גלעזער און פאַרשטייפט זיי. פון ביידע זייטן נאָז זיינען ביי איר געוואָרן רויטע סימנים פון שטענדיק זיך פאָרען מיט די אויגן-גלעזער. ראָבערט האָט אויך באַמערקט אַז אין איין אויג ביי דעם מיידל איז פאַראַן אַ ברוינער פינטל, וואָס פאַרנעמט אַ האַלב שוואַרצאַפּל. דאָס אַנדערע אויג איז אינגאַנצן בלוי, העל בלוי.

שטייט ראָבערט און טראַכט: אַ מאָדנע מיידל, קוקט אויס ווי זי וואָלט אַראָפּגענידערט פון דעם שטערן, וועגן וועלכן ער האָט געחלומט ביינאַכט, איינע פון די מאָדנע באַשעעפענישן, וואָס ער האָט דאָרטן געזען.

דאָס מיידל האָט זיך צעבייזערט:

— ראָבערט גינגאָלד, דו שלאָפסט? איך האָב שוין דיך דריי מאָל געפרעגט, ווער איז דיין גוט-זאָגער, און דו ענטפערסט ניט.

ראָבערט האָט זיך טאַקע ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גע-ענטפערט:

— איך האָב ניט קיין גוט-זאָגער.

— וועט דיין טאַטע איינלייגן פאַר דיר פינף דאָלאַר?

— פינף דאָלאַר איז אַ סך געלט, מיין טאַטע האָט עס ניט.

— קאָנסטו ניט אַרויסנעמען קיין ביכער, — האָט געענטפערט די ביבליאָטעקאַרן, — מען מוז האָבן אַ גוט-זאָגער, אָדער פינף דאָלאַר, אויב מען וויל אַרויסנעמען ביכער פון ביבליאָטעק.

— איך בין ניט קיין גנב, — האָט ראָבערט געענטפערט אָנגע־בלאָזן, — איך גיב מיין וואָרט, אַז איך וועל די ביכער צוריקברענגען. אַז איך זאָג עפּעס צו, מעג מען מיר גלויבן.

— ס'איז קעגן די רעגלען, — האָט דאָס מיידל געענטפערט קורץ און צעריסן דאָס קאַרטל, — ווילסטו לייענען ? לייען דאָ, אין ביבליאָ־טעק.

— איך קען דאָ ניט זיצן אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט, — האָט ראָבערט געענטפערט, — איך וויל זיך שפּילן אין גאַס. אַז איך וועל נעמען ביכער אַהיים, וועל איך קאָנען לייענען אין אָוונט.

— „נעקסט", — האָט דאָס מיידל אַרויסגערופן, ניט ענטפערנ־דיק ראָבערטן.

אַ דיקע פרוי האָט גענומען אָפּשטופּן ראָבערטן פון זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אָבער אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אָן דעם שרייב־טיש און אויסגעשריען :

— וואָס שטופּט איר זיך ? איך וויל אַרויסנעמען ביכער אויף אַ קאַרטל.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו קאָנסט ניט אַרויסנעמען קיין ביכער אָן אַ גוט־זאָגער, — האָט געענטפערט די ביבליאָטעקאַרן.

— גיט איר מיר ניט קיין ביכער אויף אַ קאַרטל, וועל איך נעמען אָן אַ קאַרטל, — האָט ראָבערט געזאָגט מיט כעס.

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין מיט אָן אָפן מויל. זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און אויסגערופן הויך :

— נעקסט !

דאָס גראָבע ווייבל האָט אָפּגעשטופּט ראָבערטן פון שרייב־טיש.

ראָבערט איז אַריין אין קינדער־אָפּטיילונג. דאָס מיידל האָט צוגערופן די הויפּט־פאַרוואַלטערן און איר דערציילט, אַז אָט יענער יינגל מיט די שוואַרצע האָר — אָט דער, וואָס זיינע לאָקן קריכן אים אין די אויגן — האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט גנבענען ביכער. מען דאַרף האַלטן אַן אויג אויף אים.

— מען דאַרף אים טאַקע היטן, — האָט די הויפּט־פּאַרוואַלטערן צוגעשטימט.

ראָבערט האָט אויף איינער פון די פּאָליצעס געפונען אַ בוך מיטן נאָמען „אַ ווייסע גאָמבע״ — פון דזשעק לאָנדאָן — אַ מעשה פון אַ הונט. ער האָט אַרויסגענומען דאָס בוך און עס אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט. ער האָט ווייטער געזוכט צווישן די פּאָליצעס און געפונען נאָך אַ בוך, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן — „די שוואַרצע שיינ־הייט״ — אַ מעשה וועגן אַ פערד. ער האָט גענומען די צוויי ביכער אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט גיין.

סעמי, דזשאָן און מייקל האָבן דערזען, ווי ראָבערט לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, זיינען זיי אים נאָכגעלאָפן און געבליבן שטיין לעבן דער דרויסנדיקער טיר. ראָבערט האָט זיך געשטעלט אין דער ריי, וואָס דאַרף דורכגיין פאַרביי דער ביבליאָטעקאַרן.

ס׳איז געקומען זיין נעקסט. די ביבליאָטעקאַרן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן: — זע נאָר! דאָס יינגל האַלט צוויי ביכלעך אונטערן אָרעם. ער האָט געהאַלטן וואָרט, גענומען ביכער אָן אַ קאַרטל. זי האָט אַרויסגעקוויטשעט דערשראָקן:

— מיס מור! מיס מור!

פריילן מור, די הויפּט־פּאַרוואַלטערן, איז צוגעלאָפן און געפרעגט צעשראָקן:

— וואָס איז געשען, וואָס איז געשען?

די ביבליאָטעקאַרן האָט גשלונגען איר אייגן שפּייעכץ און האַסטיק גערעדט:

— זעט נאָר, ער האָט טאַקע גענומען ביכער. אָט שטייט ער דאָך, אָט דאָ!

די הויפּט־פּאַרוואַלטערן האָט צוגענומען ביי ראָבערטן די צוויי ביכער און רואיק געפרעגט:

— וואָס האָסטו געוואָלט טאָן מיט די צוויי ביכער?

— נעמען אַהיים, — האָט ראָבערט רואיק געענטפערט.

— דו האָסט דאָך ניט קיין קאַרטל, — האָט די פאַרוואַלטערן געזאָגט, — און אָן אַ קאַרטל קאָן מען ניט אַרויסנעמען קיין ביכער.

— איך האָב איר געזאָגט, האָט ראָבערט אָנגעהויבן, — אַז איך וועל...

— מיס מור, מיס מור, — האָט די ביבליאָטעקאַרן אַרויסגעקווי־טשעט, — טוט נאָר אַ קוק לעבן טיר, דאָרט שטייען די איבעריקע פון דער חברה.

סעמי, מײַקל און דזשאָן האָבן דערזען, אַז די ביבליאָטעקאַרן ווייזט אויף זיי אָן מיטן פינגער, זיינען זיי אַרויסגעלאָפן אין גאַס.

— אַזוי, — האָט אַרויסגערעדט די פאַרוואַלטערן מיט פאַר־דרוס, — דו האָסט געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע „גענג" (אַ שייקע). ס'קאָן זיין, אַז זיי האָבן אַרויסגעטראָגן ביכער פון דאַנען. איך וועל דיך דאָ פאַרהאַלטן.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און אַרויסגע־רעדט:

— שיקט צו אַ פּאָליסמאַן. דאָס רעדט מיס מור, פון „פּאָבליק לייברערי" נומער זעכצן.

ראָבערט איז געשטאַנען און געוואַרט מיט פאַרביסענע ליפּן.

דער פּאָליציימאַן איז געקומען און פאַרנומען ראָבערטן מיט די צוויי ביכער.

חברה איז געקומען צולויפן און דערציילט ראָבערטס מאַמען וואָס עס האָט געטראָפן אין ביבליאָטעק. ראָבערטס מאַמע האָט זיך צעוויינט. עס האָבן אויך אָנגעהויבן וויינען די צוויי קלענערע קינדער. דאָס געוויין פון די קינדער האָט זי צערייצט, האָט זי זיי גענומען שלאָגן. זיי האָבן זיך שטאַרקער צעוויינט. די מאַמע האָט זיך צעשריען מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— וואָס ווילט איר פון מיר, גזלנים? הערט אויף וויינען און רייסן פון מיר שטיקער. הערט אויף וויינען, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן!

נאָך איידער זי האָט זיך באַרואיקט, איז געקומען אַ פּאָליציימאַן רופן ראָבערטס פֿאָטער אָדער מוטער אין געריכט. זי איז אַוועק מיטן פּאָליציימאַן.

— וואָס וויינט איר אַזוי, — האָט ער איר געזאָגט גייענדיק, שרעקט זיך ניט. וואָס וויינט איר, וואָס? שיקט צו אימיצן צו לואי די דיוק און דערציילט אים די מעשה. ער קען זיך מיט אַלע ריכטער. ער וועט שוין עם צורעכט מאַכן. ער האָט ליב צו טאָן אַ טובה.

ראָבערטס מאַמע איז געקומען אין געריכט, ווען די ביבליאָטעקאַרן האָט געהאַלטן ביים ענדיקן איר עדות זאָגן. דער ריכטער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ריכטער־מאַנטל, האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט און רואיק אויסגעהערט. די ביבליאָטעקאַרן האָט גערעדט שנעל און הנאה געהאַט פון איר אייגענעם קול:

— אַ גאַנצע חברה איז געקומען מיט אים. נאָך דריי זיינען מיט אים געווען. זיי זיינען אַנטלאָפן. אים אָבער האָבן מיר געפּאַקט ביי דער האַנט.

דער ריכטער האָט געקוקט אויף דעם בייזן מיידל און געפרעגט:

— זאָגט מיר נאָר, פריילין, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן?

ניין, הער ריכטער, ער איז געשטאַנען רואיק, ווי ניט אים מיינט מען.

— און די ביכער האָט ער באַהאַלטן? — האָט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— ניין, ער האָט זיי געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— גענוג, פריילין, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — איצט, ראָבערט גינגאָלד, קום דו אַרויף. זעץ זיך אויפן עדות־שטול.

ראָבערט האָט געפאָלגט.

— שווער, אַז דו וועסט זאָגן דעם אמת, — האָט דער ריכטער באַפוילן.

ראָבערט האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און געשוואָרן, אַז ער וועט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, ניט אַנדערש נאָר דעם אמת. דאַן האָט דער ריכטער אים געפרעגט:

— האָסטו גענומען די ביכער?

— גענומען, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— ווייסטו, אַז מען טאָר ניט גנבענען?

— איך האָב ניט געגנבעט. איך בין ניט אַרויס פון ביבליאָטעק אפילו.

דער ריכטער האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיך: ס'איז אַ גערעכטע טענה. ער האָט אָבער געפרעגט:

— זאָג זשע מיר, זוני, ווען זיי וואָלטן דיך ניט באַמערקט, וואָלסטו זיך אַרויסגערוקט פון ביבליאָטעק פּונקט אַזוי ווי דיינע חברים?

ראָבערט האָט געענטפערט:

— ניין, איך האָב זיך ניט געוואָלט אַרויסגנבענען פון ביבליאָ-טעק. איך האָב געוואַרט ביז עס וועט קומען צו מיין ריי.

— פאַרשטיי איך שוין גאָרניט, וואָס דו האָסט געוואָלט, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — האָסט דאָך געוואוסט, אַז מען וועט דיר ניט געבן קיין ביכער אָן אַ קאַרטל. איז צוליב וואָס האָסטו געוואַרט אין דער ריי? און דערקלער מיר, פאַרוואָס זיינען דיינע חברים אַנטלאָפן, אויב זיי האָבן ניט געגנבעט קיין ביכער?

האָט ראָבערט געענטפערט:

— מיינע חברים זיינען אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן. איך האָב זיך מיט זיי געוועט, אַז מען וועט מיר געבן ביכער אָן אַ גוט-זאָגער אָדער אָן איינלייגן פינף דאָלאַר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען איבערצייגן די ביבליאָטעקאַרן, אַז איך וויל שטאַרק לייענען ביכער, אַט אַזוי שטאַרק ווי לינקאָלן האָט געוואָלט לייענען, וועט זי מיר געטרויען. איך האָב אויסגעקליבן די ביכער צו ווייזן איר, אַז איך וויל שטאַרק לייענען. איך האָב די ביכער ניט באַהאַלטן, איך האָב איר נאָר געוואָלט ווייזן, אַז די צוויי ביכער

געפעלן מיר און איך וויל זיי שטאַרק לייענען. האָט זי גענומען שרייען אַז איך האָב געבראַכט אַ „גענג״ און אָנגעוויזן אויף מיינע חברים, וואָס האָבן געוואָלט זען, וואָס עס וועט זיין. זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן. איך האָב זיך ניט דערשראָקן. איך בין געבליבן שטיין.

— האָט מען דיך אַרעסטירט?

— יאָ.

— האָסטו זיך דערשראָקן, ווען מען האָט דיך אַרעסטירט?

— ניין. איך האָב געוואוסט, אַז מען וועט מיך ברענגען פאַר אַ ריכטער און אַ ריכטער איז אַ קלוגער. ער וועט איינזען, אַז איך וויל שטאַרק לייענען. אויב ער וועט זיין אַ גוטער, וועט ער מיר אַרויסהעלפן און גוט-זאָגן פאַר מיר.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער אין געריכט. דער ריכטער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— נו, פאַרפאַלן, איך וועל דיך ניט אַנטוישן און זיין אַ שלעכטער. איך וועל פאַר דיר גוט-זאָגן און איך באַפריי דיך פון דער קלאַגע.

— אָבער ער האָט דאָך פאַרט גענומען ביכער, — האָט די ביבליאָטעקאַרן געטענהט, ווי אַזוי קאָנט איר אים לאָזן פריי?

— איר, פריילין, גייט אַהיים און באַרואיקט זיך, — האָט דער ריכטער געענטפערט מיט אַ שמייכל, — און וויסן זאָלט איר אַז איך האָב פיינט, אַז מען לערנט מיך ווי צו פירן אַ פּראָצעס.

דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ פּלעסקעריי. דעם ריכטער איז געפעלן געוואָרן, וואָס דאָס פּובליקום איז מיט אים צופרידן, האָט ער זיך אַריינגעזעצט טיפער אין דער ווייכער ריכטער-שטול, און אָנגעהויבן:

— אָט דאָס ייִנגל, ראָבערט גינגאָלד, האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך פאַר אונדזער שטאָט. מיט זיין קינדערשער איינגעשפּאַרטקייט האָט ער אונדז אָנגעוויזן אויף זייער אַ שלעכטער זאַך — דעם איינפיר פון גוט-זאָגעריי אין די ביבליאָטעקן און פון איינלייגן פינף דאָלאַר, אויב מען האָט ניט קיין גוט-זאָגער. ביבליאָטעקן דאַרפן זיין פריי

פאַר אַלעמען. מען דאַרף אַ בירגער גלויבן אויפן וואָרט. מיין רע־קאָמענדאַציע צו די ביבליאָטעקן איז, אַז עס איז גענוג מען זאָל שיקן דורך פּאָסט אַ בריוו צום אַפּליקאַנט, אים אָנזאָגן אַז זיין אַפּלי־קאַציע פאַר אַ קאַרטל איז אָנגענומען געוואָרן. אויב דאָס בריוול קומט ניט צוריק, איז אַ סימן אַז דער אַפּליקאַנט האָט אָנגעגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס און מען מעג אים אַרויסגעבן ביכער.

אויף מאָרגן זיינען אַלע צייטונגען פול געווען מיט דעם ריכ־טערס רעדע און דער מעשה מיט ראָבערטס אַרעסט.

פון דאַן אָן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די גוט־זאָגעריי אָדער דאָס איינלייגן פון פינף דאָלאַר אין די ביבליאָטעקן. ניו יאָרק האָט אָנגענומען דעם ריכטערס רעקאָמענדאַציע.

לואי דער דיוק, דער באַוואוסטער איסט־סייד אַדוואָקאַט, האָט דערציילט, אַז דאָס האָט ער פריער איבערגערעדט מיטן ריכטער, דערפאַר האָט עס דער ריכטער געהאַט אַזויפיל איינזעעניש מיט ראָ־בערטן. צי עס איז געווען אמת צי ניט ווייסט קיינער ניט. מען ווייסט אָבער יאָ, אַז לואי האָט זיך ליב צו באַרימען.



קאַפּיטל זעקס

לואי דער דיוק

סעמי און מייקל האָבן זיך געשלאָגן. ראָבערט איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך צוגעקוקט. ער איז אָנגעקומען אינמיטן. אין אַ געשלעג טאָר מען זיך ניט מישן. אַלע ווייסן עס. מען דאַרף נאָר זען אַז די שלעגער זאָלן ניט ברעכן די רעגלען פון ספּאָרט — ניט שלאָגן ווען דער קעגנער איז געפאַלן און ליגט אויף דער ערד; ניט שלאָגן אונטערן גאַרטל און ניט בריקען מיט די פיס. אָבער אַריינמישן זיך אין געשלעג אָדער פרעגן פאַרוואָס מען שלאָגט זיך, טאָר מען ניט. ס'איז ניט שיין.

די יינגלעך האָבן זיך געשלאָגן לאַנג. מייקל איז בייגעקומען סעמין. סעמי האָט עס אַליין צוגעגעבן. די קינדער האָבן זיך אַרומגעווישט די פאַרשוויצטע פּנימער און מייקל האָט סאָפּענדיק געזאָגט:

— איצט, סעמי, גיב אָפּ ראָבערטן די מאַרבלס.

— דאָס ניט, — האָט סעמי געענטפערט.

— האָב איך דיך ניט בייגעקומען? — האָט מייקל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— בייגעקומען, — האָט סעמי צוגעגעבן, אָבער איך מוז זען אָפּהיטן אייער אָפּמאַך. האָסטו ניט אָפּגעמאַכט מיט ראָבערטן, אַז ער זאָל אַרויסנעמען ביכער אָן איינלייגן פינף דאָלאַר און אָן אַ גוט-זאָגער?

יאָ, אַן אמת, אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט.

— האָט ראָבערט פאַרלאָרן, — האָט סעמי געענטפערט, ראָבערט האָט ניט אַרויסגענומען ביכער אָן אַ גוט-זאָגער. דער ריכטער האָט פאַר אים גוטגעזאָגט.

— אַזוי, דאָס קריגט איר זיך איבער מיר ? — האָט ראָבערט זיך אַ שפּאַר געטאָן, — דו, סעמי, זאָגסט אַז איך האָבן פאַרלאָרן דעם געוועט. איך האָב געקראָגן אַ גוט־זאָגער. נו, לאָמיר זען, צי דו קענסט קריגן אַזאַ גוט־זאָגער, ווי איך האָב געקראָגן, אַ ריכטער פון קרימינאַל־געריכט.

— נו, גיב איך צו, אַז דו ביסט אַ בריה, — האָט סעמי געזאָגט, — אָבער פאַרלאָרן האָסטו פאַרט. האָסט אָפּגעמאַכט, אַרויסנעמען ביכער אָן אַ גוט־זאָגער און האָסט געמוזט קריגן אַ גוט־זאָגער.

— איך וועל דיר באַלד געבן אַ גוט־זאָגער אין נאָז, — האָט זיך ראָבערט צעקאָכט.

— גיב אין נאָז צי אין פּלייצע, האָסטו אַלץ פאַרלאָרן דעם געוועט ,פרעג וועמען דו ווילסט.

— איך דאַרף קיינעם ניט פרעגן, — האָט ראָבערט געענטפערט מיט כעס, — איך קאָן מיין שטעטל אַליין באַשטיין. איך וועל דיר ווייזן. נעם אַראָפּ דאָס רעקל.

— אָ, לאָז אים צורו, ראָבערט, — האָט מייקל געזאָגט, ס'איז קיין קונץ ניט איצט זיך שלאָגן מיט אים. איך בין אים נאָר־וואָס בייגעקומען. ער איז אויסגעמאַטערט.

— אָבער ער האָט אַ גרויס מויל, שוין אַביסעלע צו גרויס...

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אַריינגערוקט צווישן די יינגלעך און אָנגענומען ראָבערטן ביים אָרבל און געפרעגט:

דאָס ביסטו ראָבערט ?

— וואָס איז דען ?

— איז דאָס דיין שייקע ?

— און אַז מיינע, איז וואָס ?

— איז וואָס ? איז דאָס ! איך פרעג ביי דיר אַ פראַגע, ענטפערסטו מיר מיט אַ פראַגע. פע, אַ שלעכטע געוואוינהייט, — האָט דער יונגערמאַן אַ שמייכל געטאָן.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז איך בין ראָבערט ?

— איך האָב דיך געזען אין „קאָורט" (געריכט), איך בין דאָרטן געווען מיט לואי דער דיוק. ער וויל טאַקע זען דיין גאַנצע „גענג".

— אויף וואָס דאַרף ער אונדז האָבן? — האָט זיך די גאַנצע שייקע אַ רוק געטאָן צום יונגנמאַן.

— שרייט איינציקווייז, בראַווע יונגען, — האָט דער יונגערמאַן געטרייסלט מיט זיין געדיכטן קאָפּ האָר און געלאַכט, — איך וויל, איר זאָלט באַלד וויסן, אַז איך מיש זיך ניט אין דעם דיוקס געשעפטן. איך אַרבעט נאָר פאַר אים, אָבער איך באַלעבאַטעווע איבער אים ניט.

— איז ווען וויל ער אונדז זען?

— אָט טאַקע איצט. קומט.

די חברה האָט זיך געלאָזט גיין נאָכן יונגנמאַן.

***

לואי האָט אויפגענומען די יינגלעך גאַנץ ברייטלעך. ער האָט אַראָפּגעשיקט דעם געהילף אַרויפברענגען „אייז-קרים" מיט סאָדע-וואַסער, שאָקאָלאַד, נים, קיילעכדיקע האַרטע צוקערקעלעך, אויף צו-צובייסן, און געצוקערטע עפּל. ער האָט מיט זיי מיטגעגעסן. ער האָט אָנגעפּאַקט אַ פול מויל מיט אייז-קרים און צווישן שלינגען גערעדט:

— עסט, חברה, עסט, לאָזט זיך וואוילגיין. מיר'ן ריידן נאָכן עסן.

חברה איז אָבער געווען אַזוי נייגעריק צו וויסן צוליב וואָס לואי האָט זיי גערופן, אַז זיי איז ניט איינגעגאַנגען די נאַשערייען. זיי האָבן געשלונגען דעם אייז-קרים ווי עס וואָלט געווען געמאַכט פון וואַטע. ס'האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז עס וועט קיימאָל קיין סוף ניט נעמען צום עסן.

קאָנטיק, אַז לואי האָט זיך אויך ניט געקאָנט דערוואַרטן ביז חברה וועט מיט אַלץ פאַרטיק ווערן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג טיש, פאַררויכערט אַ גראָבן ציגאַר, צוגעלייגט די שפּיץ-פינגער פון ביידע הענט איינע צו די אַנדערע און אָנגעהויבן:

— זייענדיק נעכטן אין קאָורט צוליב ראָבערטן, איז מיר איינ־געפאַלן אַ גוטער געדאַנק. ס'איז מיר איינגעפאַלן אָרגאַניזירן אַ קלוב פון מאַרבל־שפּילער (מירמערנע קייקעלעך שפּילער). איר פאַרשטייט, מיקס „דעמאָקראַטיק קלוב" האָט שוין אַ מאַרבל קאָ־מאַנדע (טים) פון יאָרן. פאַרוואָס זאָל דער „היברו דעמאָקראַטיק קלוב" אויך ניט האָבן אַזאַ קאָמאַנדע? דאַרפן טאַקע נאָר די מיקים (די איירישע) זיך אויסצייכענען אין ספּאָרט? נישקשה, מיר יידן קאָנען זיי ווייזן ווער עלטער איז.

— גערעכט, — האָט די חברה צוגעבאַמקעט.

— מיר דאַרפן זיך באַלד אָנהויבן איבן, — האָט לואי ווייטער גערעדט, — מיר האָבן נאָך גענוג צייט זיך צוצוגרייטן צום טורנאַ־מענט. אַלץ וואָס איך וויל פון אייך איצט איז, אַז איר זאָלט מיר געבן אייערע נעמען. איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. איך וועל צו־שטעלן אַן אינסטרוקטאָר, איך וועל איינריכטן פאַר אייך אַ גוטן פּלאַץ פאַר די איבונגען. לאָזט עס איבער צו מיר. איך וועל שוין אַלץ פאַרזאָרגן. שטימט איר צו?

— געוויס, — האָבן אַלע צוזאַמען אויסגערופן.

— איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, ראָבערט, — האָט לואי געזאָגט, — דו ביסט אַ געשיקטער יונג. זע, ברענג דיין שייקע מאָרגן אַהער אין אָפיס, פּונקט פיר אַזייגער.

— איך וועל זי ברענגען.

— איז גוט. מאָרגן הייבן מיר אָן.

***

ווי נאָר די יינגלעך האָבן פאַרלאָזן דעם קאַבינעט, האָט לואי אַריינגערופן זיין געהילף און אים געהייסן געפינען סטיוו קאָנלי.

— געדענק זשע, ברענג אים אַהער אַ ניכטערן. זאָג דעם „באָם", אַז אויב ער וועט זיך אָנשיכורן איינמאָל אין די קומענדיקע צוויי חדשים, וועל איך אים צוריקשיקן אין „רעפאָרמאַטאָרי", פון וואַנען

לואי דער דיוק

איך האָב אים אַרויסגענומען. דער אויסוואורף קען גוט טרענירן מאַרבל־שפּילער. ער איז דאָך אַליין געווען צוויי מאָל טשעמפּיאָן פון ניו יאָרק. זאָל ער זיך נאָר האַלטן ניכטער, וועט אים געלינגען אויסטרענירן פאַר מיר אַ טשעמפּיאָן. זע, געפין אים. איך האָב גאָר גרויסע פּלענער.

דער יונג האָט פאַרלאָזן דעם אָפּיס.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

קאַפּיטל זיבן

ראָבערטס פּאָטער

אַלע יאָר, אין אָנהייב פרילינג, ווערט אין יעדן שטאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן געהאַלטן אַ מאַרבל-טורניר. דערנאָך, אין סוף פרילינג, קומט פאָר דער אינטערשטאַטן טורניר.

אין ניו יאָרק ווערט דער טורניר געפּייערט אויף גאָר אַ שיינעם אופן, אין סענטראַל פּאַרק. עס קומט אַ גרויסער עולם. עס קומען גלאַט אַזוי נייגעריקע, אויך פאָרטרעטער פון קינדער-קלובן און יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. ס'קומען רעפּאָרטערס פון צייטונגען און פאָטאָגראַפיסטן פון מואווים (קינאָ). דער „קאָמישאָנער" פון די פּאַרקן עפנט דעם געווינט מיט אַ רעדע, דערנאָך נעמט מען בילדער פאַר די צייטונגען. דער זיגער קריגט אַ זילבערנעם בעכער און ווערט דערקלערט פאַר טשעמפּיאָן פון שטאַט ניו יאָרק. דער טשעמפּיאָן ווערט נאָכדעם געשיקט צום אינטערשטאַטן טורניר.

לואי דער דיוק וואָלט זייער געוואָלט אַז ראָבערט זאָל היי-יאָר געווינען די טשעמפּיאָנשיפּ. ס'וואָלט געווען אַ גוטע רעקאָמענדאַציע פאַר לואי דער דיוק. זיין נאָמען וואָלט געווען אין אַלע צייטונגען: „לואי דער דיוק, פּאָרזיצער פון „היברו דעמאָקראַטיק קלוב" געפינט אויס אַ „טשעמפּיאָן". עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אין עטלעכע צייטונגען וואָלט געווען געדרוקט אַ בילד וואו ער און דער טשעמפּיאָן גיבן זיך איינער דעם אַנדערן די הענט.

אַז זיין נאָמען זאָל זיין אין אַלע צייטונגען און אפשר זיין בילד אויך, איז אַ גרויסע זאַך ביי לואין אין די אויגן. לואי האָט ליב רעקלאַמע. ער וויל אַז מען זאָל ריידן פון אים. ער וויל אַז מען זאָל אים באַוואונדערן. וואָס מער מענטשן עס וואָלטן אים באַ-

וואונדערן, אַלץ אַ גרעסערער פּאָליטישער פירער וועט ער ווערן און דערפאַר בלייבט ביי אים, אַז אין אָנהייב זומער זאָל ער אַריינגעבן אַ ספר־תורה אין שול. ניט ער וועט אַריינגעבן די ספר־תורה נאָר דער גאַנצער „היברו דעמאָקראַטיק קלוב" וועט עס טאָן.

דער קלוב איז לואי. לואי האָט געגרינדעט דעם קלוב צו ווייזן די גרויסע „פּאָליטישנס" אַז ער לואי קאָן קריגן די אידישע שטימען. מען דאַרף אָבער זען מאַכן דעם קלוב פּאָפּולער צווישן יידן. אַריינ־געבן אַ ספר־תורה איז אַ גוטער מיטל דערצו. יידן וועלן זען, אַז די דעמאָקראַטן זיינען ניט ווי די סאָציאַליסטן. די דעמאָקראַטן האָבן ליב „דזשודאַאיזם" יידישקייט, זיי זיינען גוטע יידן.

ער וועט ווייזן דער „איסט סייד" וואָס לואי קאָן אויפטאָן. ער וועט איינלאַדן צו דער צערעמאָניע פון „סיום התורה" ריכטער, קאָ־מיסאַרן, אָלדערמען, אַסעמבלימען, הויכע שטאָט־אָנגעשטעלטע און די פירער פון טעמעני. ווער וועט וואַגן ניט צו קומען צו דער פייערונג פון אַ סיום התורה? מען וועט פירן די ספר־תורה פון די קלוב־צימערן אין שול מיט מוזיק. די ספר־תורה וועט מען טראָגן אונטער אַ חופה. פון ביידע זייטן חופה וועט מען טראָגן די יידישע און אַמעריקאַנער פאָנען. און ווען ראָבערט זאָל ווערן מאַרבל־טשעמ־פּיאָן פון גאַנץ אַמעריקע, וואָלט לואי געוואַגט איינלאַדן אפילו דעם מעיאָר פון שטאָט צו דער צערעמאָניע. די צייטונגען וואָלטן דרוקן גרויסע קעפּ:

„מעיאָר פון ניו יאָרק און טשעמפּיאָן מאַרבל־שפּילער פון גאַנץ אַמעריקע קומען צו דער סיום־צערעמאָניע פון „היברו דעמאָקראַטיק קלוב".

און לואי דער דיוק חלומט:

מען וועט פירן די תורה פון קלוב אין שול. ביים ראָג פון דער שול וועלן יידן מיט לאַנגע בערד וואַרטן מיט די אַלטע ספר־תורות פון שול. די אַלטע תורות, הייסט עס, וועלן אַרוים באַגעגענען זייער נייע שוועסטער. אַלע הויכע פּאָליטישנס וועלן זיכער וועלן זיין אויף אַזאַ בילד. ער וועט צעשטעלן די הויכע פּאָליטישע פירער פון ביידע

זייטן חופּה. ער מיט ראָבערטן װעלן שטיין פֿון פֿאָרנט. ראָבערט מיט דער אידישער פֿאָן און ער לואי מיט זיין הוט אין האַנט. ניין. עס טויג ניט. מע טאָר ניט שטיין אָן אַ היטל, און אין אַ הוט קומט פֿון אים אַרויס אַ שלעכט בילד. אָבער ס׳מאַכט ניט אויס. ער װעט טראָגן אַ צילינדער.

אַזוי חלומט לואי דער דיוק און ער נעמט זיך צוגרייטן ראָבערטן צו דעם טורניר.

די ערשטע זאַך קריגט לואי אַ װאונדערלעכן שפּיל־פּלאַץ. אַ רואיק שטיל פּלאַץ, אָפּגעזונדערט פֿון טומל פֿון גאַס און פֿון פרעמדע אויגן — אויף אַ דאַך פֿון איינעם פֿון באַרקאַנס הייזער, טאַקע אויף עלן סטריט. ער האָט דעם דאַך הויך אַרומגעצאַמט, אים אויסגעפּלאַסטערט מיט צעמענט. אינמיטן דעם צעמענט אויסגעקלעפּט אַ צען פוסיקן צירקל פֿון רויטן ליים. אינמיטן דעם צירקל געמאַכט אַ װייסן קרייץ — דער פּלאַץ פֿאַר די מאַרבלס. דאָרטן האָט לואי געמאַכט פּראָבע מיט זיין חברה.

דער אינסטרוקטאָר איז טאַקע געװען סטיװ קאָנלי, דער װאָס איז געװען דריי מאָל נאָכאַנאַנד טשעמפּיאָן פֿון ניו יאָרק.

אַלע פֿינף פֿון דער שייקע האָבן זיך גענומען גרייטן צום טורניר. באַלד אָבער האָט די „גענג” געמוזט צוגעבן אַז ראָבערט איז דער פלינקסטער. ראָבערט האָט געקאָנט אַרויסקלאַפּן מיט איין שאָס זעקס אָדער זיבן מאַרבלס. איינמאָל אַ נאָכמיטאָג האָט ראָבערט מיט איין „שיסער” אַרויסגעקלאַפּט פֿון צירקל איינע נאָך די אַנדערע הונדערט מיט צוויי מאַרבלס, איידער דער שיסער האָט זיך אַרויסגעקייקלט פֿון צירקל. מייקל, דער נעקסטער נאָך ראָבערטן, האָט אַרויסגעקלאַפּט פֿון צירקל איינע נאָך די אַנדערע נאָר פערציק מאַרבלס, איידער דער „שיסער” האָט זיך אַרויסגעקייקלט פֿון צירקל.

אויף דיװיזשאָן סטריט האָט זיך „מיקס דעמאָקראַטיק קלוב” אויך געגרייט זיך צום טורניר. „מיקים דעמאָקראַטיק קלוב” האָט טאַקע געװאונען לעצטן יאָר די טשעמפּיאָנשיפּ. לואי האָט זיך אָבער ניט געשראָקן פֿאַר מיקים שפּילער. ער האָט געװאוסט אַז ראָבערט

קאָן זיי בייקומען. ער האָט אָבער אויך געוואוסט אַז „מיקים דעמאָ־קראַטיק קלוב" וויל ניט אויפגעבן זיין הערשאַפט איבער דער איסט־סייד. מיקי קוקט זייער קרום אויף לואיס קלוב. און מיקי ווייסט, אַז אויב לואיס קלוב וועט געווינען די טשעמפּיאָנשיפּ וועט דאַן דער קלוב ווערן זייער פּאָפּולער אויף דער איסט־סייד. מען טאָר עס ניט דערלאָזן. און לואי האָט זיך געשראָקן. ער ווייסט אַז ביי מיקין איז רעכט צוצושיקן אַ פּאָר יינגלעך און אַזוי צעקלאַפּן ראָבערטן, אַז ער זאָל קיין כוח ניט האָבן גיין צום טורניר. האָט לואי אָנגעזאָגט דער שייקע, מען זאָל היטן ראָבערטן. און אַז זי פלעגט גיין פון שול איז ראָבערט געגאַנגען אינמיטן. פון איין זייט דזשאָן, פון דער צווייטער זייט מייקל, פון פאָרנט דייוויד און סעם פון הינטן. אין אָנהייב האָט ראָבערט זיך געקרימט. דערנאָך אָבער האָט ער זיך געגרויסט: אַלע ווייסן אַז אַ טשעמפּיאָן דאַרף מען אָפּהיטן.

אַ וואָך פאַרן טורניר האָט באַרקאַן באַזוכט לואיס שפּיל־פּלאַץ אויפן דאַך. ראָבערט איז געשטאַנען אויף די קני און מיטן שיסער־מאַרבל קונציק אַרויסגעקלאַפּט די מאַרבלס פון צירקל. ראָבערט האָט אַזוי געקאָנט מאַניפּולירן אַז דער „שיסער" איז שטענדיק געבליבן וואו ער, ראָבערט, האָט געוואָלט.

לואי איז געשטאַנען מיטן צונג אין באַק און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן. באַרקאַן איז געשטאַנען אָן אַ זייט — די „דוירבי" אויפן קאָרק, איין אויג האַלב־צוגעמאַכט און געשוויגן.

— נו, — האָט לואי זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן, — איר זעט, מיסטער באַרקאַן, אַ יינגעלע?

— אַן אַמעריקאַנער לויפערל, — האָט באַרקאַן רואיק געענטפערט, — אַלע אַמעריקאַנער לויפערלעך קאָנען שפּילן אין באַל און אין מאַרבלס.

— אָבער ניט ווי אָט דער ראָבערט!

— איז ער אַ גרעסערער לויפער, — האָט באַרקאַן געענטפערט.

— וואָס רעדט איר, מיסטער באַרקאַן? וואָס רעדט איר? — האָט לואי זיך געכאַפּט, — ראָבערט איז אַ וואונדערלעך יינגל. ער

איז דער בעסטער אין זיין קלאַס, און איך זאָג אייך, אַז ווען איך וועל אַרויסקומען מיט אים צום טורניר וועט קאָכן ניו יאָרק. ער וועט אַלע, אַלע זיינע קאָנקורענטן צעקלאַפּן איינס און צוויי. ער וועט נאָך זיין ביי מיר טשעמפּיאָן פון גאַנץ אַמעריקע.

— זייער שיין, זייער שיין, לואי, — האָט באַרקאָן געענטפערט.

— איך זע, דו האָסט אַ שאַרף אויג. דו ווייסט ווי אַזוי צו מאַכן זיך באַרימט. אָבער זאָג נאָר מיר, גרויסער געשעפטסמאַן, איך זע אַז ראָבערט טראָגט ביי דיר אַ סוועטער מיט די בוכשטאַבן H. D. C. און פאַרטיק, מער ניט. דאָס טויג ניט.

— וואָס נאָך האָב איך געקאָנט אָנניייען אויפן סוועטער?

— פּאַרשטייסט, — האָט באַרקאָן געענטפערט ווי אַ געניטער געשעפטסמאַן, — אונטער די ערשטע בוכשטאַבן פון „היברו דעמאָקראַטיק קלוב” ניי אָן אַ מגן דוד. זאָל מען וויסן, אַז ראָבערט איז אַ ייד. קומט פון אַ יידישן דעמאָקראַטישן קלוב. די יידישע צייטונגען וועלן עס פאַרצוקערן. אַ קלייניקייט — אַ מגן דוד! וועסט ציען אַ „קראַוד” (אָן עולם)..

— גערעכט, מיסטער באַרקאָן, גערעכט, אַ גוטער איינפאַל.

— און נאָך עפּעס, לואי, דו האָסט אַ גוטן מאַרבל-קלאַפּער. אָבער דו דאַרפסט זען טאָן עפּעס פאַר גאָט אויך.

— וואָס דאַרף איך טאָן פאַר גאָט?

— זע דיין טשעמפּיאָן זאָל כאָטש טראָגן אַ טלית-קטן.

— איך וועל אים קויפן אַ טלית-קטן. ער וועט נאָך ביי מיר זאָגן אַ „פּרייער” (אַ תפילה) איידער ער גייט צום טורניר.

— ס'וועט אים גאָרניט שאַטן און ס'איז גוט פאַר „ביזנעס” אויך. די יידישע צייטונגען וועלן עס צעלייגן אויף טעלערלעך: — טשעמפּיאָן, אַמעריקאַנער געבאָרענער יינגל טראָגט אַ טלית-קטן, און דאַוונט איידער ער גייט צום טורניר. די וועסט ציען אַ „קראַוד”! (אָן עולם).

לואי האָט דעם זעלביקן טאָג געקויפט ראָבערטן אַ טלית-קטן.

***

ראָבערטס פּאָטער

מיסטער גינגאָלד, ראָבערטס פּאָטער, האָט זעלטן ווען געזען זיין זון. ווען גינגאָלד גייט אַוועק צו דער ארבעט, שלאָפט נאָך ראָבערט. אין אָוונט איז מיסטער גינגאָלד שטענדיק פאַרנומען מיט פאַרזאַמלונגען און יוניאָן־אַרבעט. ראָבערט האָט זיך געהאָדעוועט אין גאַס, געקומען אַהיים נאָר איבערשלאָפן און אָפּעסן.

ס'האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט אַז גראָד יענעם נאָכמיטאָג האָט ראָבערטס פאָטער ניט געאַרבעט. ראָבערט האָט אים דערזעט זיצנדיק אין שאָקל־שטול און לייענענדיק די „אַרבעטער־צייטונג".

—העלאָ, פּאָפּ!

— העלאָ, ראָבערט! וואַרט נאָר אַ ווײַלע, לאָמיך דיך אָנקוקן. האָסט אַ וואַקס געטאָן. מיר דוכט, אַז איך האָב דיך ניט געזען שוין אַ דריי וואָכן. וואָס מאַכסטו?

—איך בין אָלרײַט.

— נו, אָלרײַט, איז אָלרײַט. אָבער מיט וואָס איז דײַן „גענג" איצט פאַרנומען? שוין אוים האַרקאָווים „דראָג־סטאָר"?

— דו ווייסט גאָר ניט, פּאָפּ? איך טרעניר זיך דאָך איצט פאַר דעם מאַרבל־טורניר. איך וועל זיין טשעמפּיאָן, טשעמפּיאָן מאַרבל־שיסער פון גאַנץ אַמעריקע.

— אַזוי? טשעמפּיאָן מאַרבל־שיסער!

— שור (זיכער).

— ווער האָט עם אַנטדעקט דעם נײַעם טשעמפּיאָן?

— לואי דער דיוק.

— אָ, דער נײַער פּאָליטישן, אָט דער וואָס האָט געגרינדעט דעם „היברו דעמאָקראַטיק קלוב"?

— יאָפּ!

— האָסט זיך מיט אים באַקאַנט ווען מען האָט דיך אַרעסטירט אין לייברערי (ביבליאָטעק)?

— יאָפּ!

— פּע, הער אויף יאָפּן, יאָפּ, יאָפּ.

— אָלרײַט, פּאָפּסי. יעס סער!

— דאָס קלינגט בעסער. זאָג מיר נאָר ווען וועט עס זיין דער טורניר?

— נעקסטע וואָך. נאָכדעם וועט מען מאַכן אין קלוב אַ... אַ... „טאָרע".

— וואָס וועט מען מאַכן?

— אַ טאָרע, אַ טאָרע — דאָס וואָס שטייט אין סינאַגאָגע!

— אַ, אַ סיום התורה!

— דאַטסרייט, דאַטסרייט. איך וועל טראָגן דעם יידישן פלאַג.

— מאַרבלס, ראָבערט, מעגסטו שפּילן. צום סיום התורה וועסטו אָבער ביי מיר ניט גיין.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ווערן אַן אַרויסהעלפער צו לואי דעם דיוקס ביליקע „פּאָליטיקס".

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ראָבערטס מאַמע:

— זע נאָר, זע, מיין סאָציאַליסט האָט זיך שוין צעקאָכט. טאָמער קומט זיך דאָס יינגל צוזאַמען מיט פיינע מענטשן, דערלאָזט דער „טאַטקע" ניט.

— האָסט שוין אָנגעהויבן, — האָט מיסטער גינגאָלד אַ זאָג געטאָן אויפגערעגט.

— יאָ, איך האָב שוין אָנגעהויבן, — האָט די מאַמע געענטפערט, — איך וויל ניט אַז מיין זון זאָל אָפּפינצטערן זיינע יאָרן אין שאָפּ. איך וויל, ער זאָל זיין אַ מענטש.

— איך ווייס, איך ווייס, דו וואָלסט געוואָלט אַז ער זאָל ווערן אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַט ווי דיין ברודער איז. עפּענען אַ שאַפּקעלע, לאָזן אַ פּאָר שקלאַפן אַרבעטן פאַר אים.

— אוודאי וואָלט איך וועלן. מיין ברודערס ווייב וואוינט ניט אין עלן סטריט אין דריי פאַרשטיקטע רומקעלעך (צימערלעך). זי וואוינט אין בראָנזוויל.

ראָבערט האָט געוואוסט אַז אַ קריגעריי צווישן טאַטע-מאַמע

קאָן זיך פּאַרציען אויף שטונדן־לאַנג, האָט ער זיך שטיל אַרויסגע־רוקט פון הויז און איז אַוועק אין גאַס.

אין אָוונט איז ראָבערט געגאַנגען צום שפּיל־פּלאַץ אַ טרויעריקער. דער טאַטע האָט אים באַפוילן אויסצוטאָן דעם טלית־קטן. אַז לואי וועט עס אויסגעפינען, וועט זיין צרות. מען מוז עפּעס צוטראַכטן אַ תירוץ.

ער איז צוגעקומען אַזוי פאַרטראַכט צום הויז און האָט דערזען אַ רעדל מענטשן. דער טראָטואַר איז געווען פאַרוואָרפן מיט די שטוב־זאַכן פון אַן אַרויסגעוואָרפענער פאַמיליע. אַלץ איז געלעגן אין אומאָרדענונג: פיר אַלטע אָפּגעריבענע שטולן, אַ צעפאָרענער עס־צימער־טיש און אַ ווייס קיך־טישל. צוויי געלע מעטאַלענע בעט־לעך, אַ טאַבורעט, אַ שאָקל־שטול און אַ בעזים. צוויי ליטאָגראַפישע בילדער, איינגעפּאַסט אין שוואַרצע רעמלעך. איין בילד פון פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט, ווי ער רייט אויף אַ פערד אין דער שפּיץ פון זיינע „ראָף ריידערס". רוזוועלט פליט אויפן פערד, אין איין האַנט אַן אַנטבלויזטע שווערד, אין דער אַנדערער האַנט אַ רעוואָלווער. די לייצעס האָט דער מאַליער אינגאַנצן פאַרגעסן. אונטן איז אויפ־געשריבן: „רוזוועלט אַטאַקירט סאַן זשואַן באַרג לעבן סאַנטיעגאָ". דאָס צווייטע בילד: קאַרל מאַרקס, אין קאָלירן. קאַרל מאַרקס שטייט אויסגעמאָלט מיט אַ פּאָר רויטע באַקן, שטרענגע אויגן און אַ לאַנגער רבנישער באָרד. קאָלדרעס, קישנס, אַ פּערענע און צוויי שמוציקע מאַטראַצן — זיינען געווען צונויפגעוואָרפן אין אַ קופּע. אויבן איבער דער קופּע איז געשטאַנען אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריקל. לעבן דער קופּע אויפן קיך־טישל — אַ טעלער.

מען האָט גערעדט, געטומלט און געוואָרפן מטבעות אין טעלער. אין דעם טומל פון רייד און קלאַפּן פון מטבעות האָט ראָבערטס פּאָטער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ שטול און אָנגעהויבן אַדרעסירן דעם עולם:

— קוקט און זעט! זעט, אַזויפיל גרויסע הייזער אַרום אונדז און עס פעלט אַ וואוינונג פאַר אַן אָרעמער אַרבעטער־פאַמיליע.

ווער האָט אָט די הייזער געבויט? מיר, אַרבעטער. ווער האָט די טראָטואַרן געפּלאַסטערט? מיר, אַרבעטער. מיר האָבן אויסגעלייגט די טראָטואַרן, עס זאָל זיין וואוהין אונדז אַרויסצוואַרפן...

ראָבערטס פאָטער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

— איר שטייט אַלע אַרום די בעבעכעס און שווייגט; איר וואַרפט גראָשנס אין טעלער. איר באַנעמט ניט די שאַנד און חרפּה פון — —

ראָבערטס פאָטער האָט ניט געענדיקט דעם זאַץ. אימיצער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שמאַטע גלייך אים אין פּנים אַריין. באַלד האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי:

— דו שמוציקער סאָציאַליסט, אויב עס געפעלט דיר ניט אַמע-ריקע, פאַרוואָס פאָרסטו ניט צוריק קיין רוסלאַנד?

דער עולם האָט אַ הירזשע געטאָן פון הנאה.

ראָבערטס פאָטער האָט אַ וויש געטאָן זיין פּנים מיט אַ טאַשן-טיכל און ווייטער גערעדט:

— איך רייד צו אייך ווי צו ציוויליזירטע מענטשן. איך וויל אייך אויפקלערן, ווייזן אייך, ווער עס איז אייער שונא און איר לאַכט פון מיר?

— בו, בו, בו! — האָט זיך דערהערט פון עולם. אַנדערע שטימען האָבן זיך גענומען הערן:

— לאָזט איםריידן, איר, אַמעריקאַנער לויפערס.

מיטאַמאָל האָט זיך אַ יינגל צוגעגנבעט צו מיסטער גינגאָלדן און קונציק פאַרטשעפּעט אַ פּיסל פון שטול. די שטול האָט זיך אַ וויג געטאָן און מיסטער גינגאָלד האָט זיך אויסגעצויגן גלייך אויף דער קופּע הויז-זאַכן.

דער עולם האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. ראָבערט איז אַנטלאָפן. ער האָט ביטער גערעדט צו זיך:

דזשי, אַלע לאַכן פון אים. פאַרוואָס איז ער אַנדערש פון אַלעמען? וואָס וועט זאָגן די „גענג"? אַלע וועלן זיך רייצן: „ראָבערטס פּאָפּ איז איי רעד" (ראָבערטס פאָטער איז אַ רויטער).

**
*

ראָבערט איז געקומען אַהיים שפּעט. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיטן טאַטן. אָבער ס'איז אים ניט געלונגען. ער האָט געטראָפן דעם טאַטן און די מאַמען אין קיך. דער טאַטע איז געזעסן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין אַ בוך. דער שטערן איז געווען פאַר־באַנדאַזשירט. אויף דעם באַנדאַזש האָט זיך געזען אַ בלוט־פלעק. די מאַמע האָט געצירעוועט אַ זאָק.

ראָבערט האָט אַ בורטשע געטאָן: „גוט אָוונט". די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן און שלעפעריק געגענעצט: — זעסט ווי שפּעט דו ביסט געקומען. מיר זיינען געזעסן און געוואַרט אויף דיר. דו וועסט שלאָפן מיטן טאַטן. אין דיין בעטל שלאָפן די קלענסטע צוויי קינדער פון דער אַרויסגעשטעלטער פאַמיליע. מאָרגן וועט מען געפינען פאַר זיי אַ וואוינונג.

ראָבערט האָט ניט געענטפערט. ער האָט גענומען אַ גלאָז מילך, עם אויסגעטרונקען און אַליין געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן צום דיל — ניט געוואָלט קוקן אויפן טאַטן.

אַ ברוגזער איז ראָבערט אַריין אין שלאָפצימער. מיסטער גינ־גלאַד האָט געקוקט אויפן זון און גאָרנישט ניט געזאָגט. שווייגנדיק האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן. אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָט מיסטער גינגאָלד דערהערט ווי ראָבערט וויינט שטיל אין זיך...

— דו וויינסט, ראָבערט?

— איך וויין ניט.

— אָבער דאָס קישן איז נאַס.

— מיין שטערן איז פאַרשוויצט.

— דיין שטערן איז דאָך טרוקן.

— אָבער איך וויין ניט.

— איצט אין דעם מאָמענט וויינסטו ניט. פריער האָסטו גע־וויינט. פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

ראָבערט האָט פאַרביסן די ליפּן און ניט געענטפערט.

— נו, ווילסט ניט זאָגן דיין אייגענעם טאַטן, וואָס עס קוועטשט דיך אויפן הארצן?

— און אַז איך וועל דיר זאָגן, איז וואָס? וועסטו מיך דען הערן? דער מאַמען הערסטו דען?

— אָהאָ, דאָס גאָר, — האָט דער פאָטער ארויסגערעדט.

— אוודאי איז די מאַמע גערעכט, — האָט ראָבערט געענטפערט, — וואָס האָסטו זיך געשטעלט אינמיטן גאַס רעדן און אַלע זאָלן לאַכן פון דיר? דער לענדלאָרד האָט געמעגט ארויסשטעלן די פאַמיליע פאַר ניט צאָלן קיין רענט (דירה-געלט). ס'איז דאָך זיין הויז.

— וואָסי, ער האָט עס אַליין אויסגעבויט? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ער האָט עס געקויפט פאַר זיין געלט.

— וואו האָט ער גענומען אַזויפיל געלט?

— ער האָט פאַרדינט.

— פאַרוואָס האָט ער, דער לענדלאָרד, פאַרדינט אַזויפיל געלט און די אַרבעטער-פאַמיליע שטאַרבט פון הונגער?

— ווייל ער איז אַ לענדלאָרד, איז ער קלוג.

— און אַז מען איז קלוג, איז וואָס? מעג מען אַלץ טאָן? געדענקסטו מיט אַ פאָר וואָכן צוריק האָבן קאַסע-איינברעכער ארויסגענומען הונדערט טויזנט דאָלאַר פון אַ באַנק. ס'איז געווען אַ קונציק שטיקל אַרבעט. נו, פונדעסטוועגן אַז מען האָט זיי געכאַפט האָט מען זיי פאַרשיקט אויף שיינע עטלעכע יאָר.

— דאָס איז געווען גנבה.

— לעבן אויף יענעמס פראַצע איז אויך גנבה. וואָס הייסט זיין אַ באַלעבאָס אין אַ שאַפ? אַ באַלעבאָס אין אַ שאַפ איז דער, וואָס נעמט צו פון די אַרבעטער אַלץ וואָס זיי שאַפן און גיט זיי וויפל עס לאָזט זיך. זיי פאַרדינען צען דאָלאַר און ער גיט זיי פיר. די זעקס דאָלאַר אונטערשייד רופט זיך פראָפיט. דער אמתער נאָמען איז רויבעריי.

— אָבער ווי וועט זיך האַלטן די וועלט אָן פראָפיטן?

— די וועלט וועט זיך שוין גאָר גוט האַלטן אָן פּראָפיטן. מען וועט ניט אַרבעטן כדי אימיצער זאָל מאַכן געלט. מען וועט אַר־בעטן אַז יעדערער זאָל האָבן אויף זיינע באַדערפעענישן.

— איך פאַרשטיי ניט.

— איך ווייס, ס'איז דיר שווער צו פאַרשטיין. דו האָסט דער־וויל אַ גרינג לעבן. מיין גאַנץ לעבן אַרבעט איך פאַר יענעם. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק, ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר.

— פון צוועלף יאָר אָן?

— יאָ, איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען איך בין אָנגעקו־מען אויף דער שוועבעלעך־פאַבריק. איך געדענק ווי היינט דעם טאָג וואָס איך בין געגאַנגען פאַרשרייבן זיך אין דער פאַבריק. מעגסט עס טאַקע הערן, ראָבערט.

איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד. מיין טאַטע איז געווען אַ מלמד. זיינע אויגן זיינען אָבער אים קאַליע געוואָרן, האָט ער פאַרלאָרן זיין קנעלונג. די מאַמע האָט אָנגעהויבן באַקן בייגל, פאַרדינען צום לעבן. אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געשפייזט מיט ברויט און ציבעלע. אַ שטיקל הערינג איז געווען אַ יום־טוב. אויף שבת פלעגט די מאַמע קויפן אַ פונט ביליקע פלייש. מיר פלעגן קייען דאָס פלייש לאַנג, האַלטן עס אויפן צונג, פילן דעם געשמאַק דערפון, אָט פונקט ווי דו האַלסט אַ צוקערקע אין מויל.

אין יענער צייט האָט זיך געעפנט אין דער נאָענטסטער גרויסער שטאָט אַ שוועבעלעך־פאַבריק. ס'איז געוואָרן אַ פרייד אין שטעטל — אַ קלייניקייט, אַ פאַבריק! מען וועט קאָנען אַרבעטן אויף דער פאַבריק און פאַרדינען געלט. אַלע אָרימעלייט אין שטעטל האָבן זיך געצייט ברייטע קעשענעס, נאָר ביי אונדז אין הויז האָט מען זיך ניט געפרייט. איך בין געווען דאָס עלטסטע יינגל — צוועלף יאָר אַלט. מיין שוועסטער העניע איז געווען אַ יאָר עלטער פון

מיר. די איבעריקע קינדער זיינען געווען נאָך גאָר עופּהלעך, ווען פון אונדז וועט מען אָננעמען אויפן פאַבריק?

אָבער ס׳איז אונדז באַשערט געווען אַ גליק. אין איין אָפּטיילונג — אין דער אָפּטיילונג, וואו מען פּאַקט די שוועבעלעך — האָט מען אָנגענומען נאָר קינדער. פאַרשטייסט, ס׳קאָסט ביליקער צו באַשעפטיקן קינדער. ביי אונדז אין הויז איז געוואָרן אַ שמחה, מיר וועלן קענען אָנקומען אויף דער פאַבריק.

מען האָט מיך און מיין שוועסטער טאַקע אָנגענומען. איך געדענק דעם טאָג וואָס מיר האָבן זיך פאַרשריבן. ס׳איז געווען אַ זונטיק. אַ זומערדיקער טאָג. די מאַמע האָט אונדז אויפגעוועקט אַזייגער דריי פּאַרטאָג — די זון איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען. מיכל באַלעגאָלע האָט אונדז גענומען מיט דער פור אין שטאָט. מיט אַ געוויינלעכן באַלעגאָלע נעמט צו פאָרן אין שטאָט אַ צוויי שטונדן. מיכל האָט געפירט אַ פולן וואָגן מיט מעל, האָט עס ביי אים גענומען באַלד פיר שטונדן.

מיר זיינען אָנגעקומען אין שטאָט טויט-מיד. מיין שוועסטער און איך זיינען געגאַנגען דעם גאַנצן וועג צופוס. מיכל האָט געהאַט אַזאַ אָנגעפּאַקטן וואָגן, אַז עס איז ניט געווען וואו זיך צו זעצן. ער האָט אונדז נאָר דערלויבט אַוועקלייגן אויפן וואָגן אונדזער טאָרבע מיט סוכאַרעס — געטריקנטע שטיקער ברויט, און די גאָמעלקעס — טרוקענע דריי-עקיקע קעזלעך, אונדזער עסן, וואָס די מאַמע האָט אונדז געגעבן אויף אַ גאַנצער וואָך.

מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער פאַבריק און זיך געשטעלט אין דער ריי. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן שטונדן-לאַנג. מיר זיינען געשטאַנען לעבן אַ הויכן פּאַרקן.

דער פּאַרקן איז געווען געמאַכט פון אייזערנע שטאַכעטן. אויף יענער זייט שטאַכעטן — אַ וואונדער-שיינער שפּאַציר-גאָרטן. הויכע, געדיכטע בלעטערדיקע ביימער. אויסגעפּלאַסטערטע סטעזשקעס, צווישן גרינע קורץ-אָפּגעשניטענע גראָזן. קינדער, אָנגעטאָן אין ווייסן, האָבן זיך געשפּילט אין פּילקע (באָל) אָדער רייפן. צוויי פּאָנ-

טאַנען האָבן געשלאָגן מיט וואַסער. דער גאָרטן איז געווען שאָטנדיק און קיל. די קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געשפּילט, זיינען געווען זאַט און צופרידן. מיר, די קינדער אין ריי, זיינען געווען פאַר־שמאַכט, אויסגעמאַטערט פון היץ און געשלונגען די אייגענע פאַר־טריקנטע צינגער.

איך האָב געזען אין גאָרטן אַ מיידעלע אין מיין שוועסטערס עלטער. אָנגעטאָן איז דאָס מיידעלע געווען אין אַ ווייס באַטיסטן קליידל און אַ גרויסן שטרויענעם הוט. זי האָט אויסגעקוקט שיין און זומערדיק, און לעבן מיר איז געשטאַנען מיין שוועסטערל און געכליפּעט:

— ברוך, איך וועל באַלד אומפאַלן. איך קאָן ניט שטיין מער אויף די פיס.

איך האָב איר ניט געענטפערט. איך האָב מורא געהאַט איך זאָל זיך אַליין ניט צעוויינען. און אַ יינגל בין איך געווען אַ שטאָלצער, אַ פאַרביסענער, פיינט געהאַט אימיצער זאָל זען מיינע טרערן.

ענדלעך איז אָנגעקומען די ריי צו אונדז. מען האָט אונדז פאַר־שריבן און אָנגענומען אין פאַבריק. באַלד נאָכן פאַרשרייבן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין אַ גרויסן שפּייכלער וואו מיר האָבן גע־דאַרפט שלאָפן.

ברייטע פּאָלאַטקעס, איינע איבער די אַנדערע. אויף די פּאָ־לאַטקעס, זעק אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי־שעניקעס. אַ דינע קאָלדרע. אַ קליינער זעקל, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי — אַ קישעלע צוקאָפּנס. דער שפּייכלער איז אינמיטן געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ דין ווענטל, וואָס האָט דאָס גאַנצע הויז צעטיילט אויף צוויי — אַ שלאָפצימער פאַר די יינגלעך און אַ שלאָפצימער פאַר די מיידלעך. ניט קיין טיש, ניט קיין באַנק און ניט קיין שאַפעס פאַר די קליידער. יעדער האָט געדאַרפט האַלטן זיינע זאַכן אין אַ זאַק לעבן זיך אויף דער פּאָלאַטקע.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין שפּייכלער, זיינען מיר געווען טויט־הונגעריק און דורשטיק. מיר האָבן אָבער ניט געגעסן. געווען

צו מיד. מיר האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלט וואַסער און אַוועק־געפאַלן שלאָפן ווי געהרגעטע.

מען האָט אונדז אויפגעוועקט פאַרנאַכט. עס איז געקומען אַ יידל מיט אַ רויטלעך בערדל, אָנגעטאָן אין אַ ריפּסענער קאַפּאָטע, מיט אַ זיידענעם גאַרטל. ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— חברה, לאָמיר דאַווענען מנחה.

איך בין געווען זייער אַ פרומער, האָב איך הנאה געהאַט, וואָס מען האָט געדאַוונט מנחה מיט אַ מנין. איך האָב געדאַוונט מיט הארץ און זיך גוט אויסגעוויינט.

אויף מאָרגן האָט מען אונדז אויפגעוועקט זעקס פאַרטאָג. זיבן אַזייגער זיינען מיר געווען ביי דער אַרבעט.

די פאַבריק האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון אַ געוועזענער קאַטוילישער קירך. גרויע ווענט. הויכע פענצטער פון קאָלירטן גלאָז. שטענדיק איז געווען האַלב־פינצטער. אין העלסטן זומער־טאָג האָט מען געדאַרפט ברענען לאָמפּן. שפּעט נאָכמיטאָג פלעגן זיך אַריינגנבענען אַ פּאָר זונען־שטראַלן דורך אַ שויב פון אַ קליין פענצטערל, וואָס איז געווען אויבן לעבן סטעליע. די זונען־שטראַלן פלעגן מיך דערמאָנען אַז אין דרויסן איז אַ העלער זומער־טאָג. ניט ווייט פון פאַבריק איז אַ גאָרטן אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן. אין גאָרטן שפּילן זיך קינדער. דאָרטן שפּילט זיך אַ מיידעלע אין מיין שוועסטערס עלטער. דאָס מיידעלע איז אָנגעטאָן אין אַ ווייס באַטיסטן קליידל. דאָס מיידל קוקט אוים זומערדיק און קיל. איר איז פריילעך און גוט, און לעבן מיר שטייט מיין שוועסטער און פּאַקט שוועבעלעך אין קעסטלעך.

אָפט פלעג איך כאַפּן אַ טורקע פון אויפזעער: — העי, וואָס חלומסט דאָרטן. דו האַלסט אָפּ די אַרבעט. די וואָס זיינען לעבן די באַנדעראָלן וועלן נישט האָבן וואָס צו טאָן, וואָס מיינסטו, מען וועט וואַרטן אויף דיר?

געוואָרפן די אַרבעט האָבן מיר ווען ס׳איז געווען שוין גוט פינצטער. מנחה פלעגן מיר ניט דאַווענען. צו איבעררייסן

די אַרבעט אויף צו דאַווענען מנחה איז דעם באַלעבאָס ניט איינגעפאַלן. אָבער ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט צו דאַווענען מעריב, פלעגט דאָס רויטע יידל, מיט דער ריפּסענער קאַפּאָטע, מאַכן אַ מנין נאָך דער אַרבעט. מיר האָבן זיך געמאַכט, אַז מיר דאַווענען, געשאָקלט מיט די ליפּן, אָבער מיר זיינען געווען מיד, צו מיד אפילו זיך אָפּזאָגן פון מנין.

טאָג-איין, טאָג-אויס, אין דער האַלבער טונקלקייט, זיינען מיר געשטאַנען ביי די וואַרשטאַטן און געאַרבעט פערצן שעה אַ מעסלעס (מעת-לעת). ווי שווער מיר האָבן ניט געאַרבעט האָבן מיר קיינמאָל ניט פאַרדינט מער ווי פינף-און-צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג. מיר האָבן זיך געקאָנט אַרויסיאָגן די נשמה, האָבן מיר מער ניט פאַרדינט, כאָטש מיר האָבן געאַרבעט פון שטיק. דער מייסטער האָט געהאַט אַ גוטן פאַרטל, האָט ער געזען, אַז מיר האָבן אויסגעאַרבעט מער, האָט ער בראַקירט פּעקלעך. פאַר „צעשעדיקטע" אַרבעט צאָלט מען ניט.

אַ וואָך איבער אַ וואָך פלעגן מיר גיין אויף שבת אַהיים. די שבתים, ווען מיר פלעגן פאַרבלייבן אויפן פאַבריק, האָט דאָס רויטע יידל געמאַכט אַ מנין און מען האָט געדאַוונט מיט אַ חזן און משוררים. דער כאָר איז באַשטאַנען פון אונדז יינגלעך-אַרבעטער.

אָבער וואָס ווייטער אַלץ שווערער איז דעם יידן אָנגעקומען אונדז האַלטן לעבן זיך. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אויף אונדז.

ס׳האָבן זיך גענומען ווייזן צווישן אונדז יונגעלייטלעך פון דער פרעמד. די יונגעלייטלעך זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע רוסישע העמדלעך מיט רויטע גאַרטעלעך. די קוטאַסן פון די גאַרטלען פאַרבונדן אָן אַ זייט. אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק אָנגעטאָן אויף לאַנגע האָר. אַט די יונגעלייטלעך האָבן זיך אַ נעם געטאָן אונדז אָנגעהויבן „אויפצוקלערן".

זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז די רייכע אָן די אַרבעטער קאָנען גאָרנישט ניט טאָן. די רייכע האָבן די מאַכט ווייל די אַרבעטער זיינען נאַראָנים. וואָס וועלן די רייכע טאָן ווען די אַרבעטער וועלן זיך

אָפּזאָגן אַרבעטן אויף די פֿאַבריקן, פּירן אייזנבאַנען, גראָבן קוילן, האַקן האָלץ, בויען הייזער, פֿאַרזייען פֿעלדער?

די באַלעבאַטים האָבן אויך ניט געשוויגן. דער ייד מיט דער ריפּסענער קאַפּאָטע האָט אונדז געסטראַשעט און געשטראָפֿט.

אָבער די יונגעלייטלעך האָבן אונדז ניט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן אונדז געגעבן לייענען ביכלעך געדרוקט אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. די ביכלעך זיינען געווען ניט לעגאַלע — מען האָט זיי ניט געטאָרט דרוקן, און אַז מען האָט איינעם געכאַפּט מיט אַזאַ ביכל האָט מען אים אַריינגעזעצט אין טורמע. די ביכלעך האָט מען געדרוקט אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, אַזוי אַז מען זאָל זיי קאָנען באַהאַלטן און לייכט איבערשיקן פֿון איין אָרט אין אַן אַנדערן.

און אַז אַ סך צווישן אונדז זיינען שוין געוואָרן אויפֿגעקלערט, האָט מען דערקלערט אַ סטרייק. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דריי הויפּט־פֿאָדערונגען: די ערשטע פֿאָדערונג — צען שעה אַ טאָג אַרבעט. די צווייטע פֿאָדערונג — אַ קאָמיטעט פֿון אַרבעטער זאָל האָבן די אויפֿזיכט אויף איבערקוקן די פּאַרטיקע אַרבעט און זאָל באַשטימען וואָס איז יאָ בראַק און וואָס ניט. די דריטע פֿאָדערונג — אַ העכערונג אין שכירות.

דער סטרייק איז געבראָכן געוואָרן זייער שנעל. צופֿיל הונ־געריקע זיינען געווען גרייט צו פֿאַרנעמען אונדזער פּלאַץ.

די אַרבעט אין דער פֿאַבריק איז געוואָרן נאָך שווערער. מיין שוועסטער און איך זיינען עלטער געוואָרן, האָט מען אונדז אַריבער־געפֿירט אין אַן אַנדער אָפּטיילונג — אין דער אָפּטיילונג וואו מען גרייט צו שוועבל פֿאַר די שוועבעלעך.

די שטונדן זיינען געווען לאַנגע. די היגיעניש באַדינגונגען — שוידערלעכע, און העניע, מיין שוועסטערל, האָט אָנגעהויבן קרענקען. זי האָט אָנגעהויבן הוסטן. די אַרבעט האָט זי אָבער ניט געקאָנט וואַרפֿן. האָט זי געהוסט און געאַרבעט, געליטן און געשוויגן.

זי האָט אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. זי האָט קיינעם דערפֿון ניט דערציילט. איך געדענק נאָר אַן אָוונט ווען איך בין מיט איר

אָוועק שפּאַצירן לעבן טייך. די גאַנצע שטאָט איז שוין געשלאָפן. דער טייך איז רואיק געפלאָסן. די לבנה האָט באַלויכטן דאָס וואַסער, און מען האָט געקאָנט זען ווי יונגען און מיידלעך שיפלען זיך אויף דעם זילבערנעם גלאַטן טייך. גאַנץ אָפט האָט זיך געהערט אַ געזאַנג פון די שיפלעך. מיר האָבן געשפּאַצירט שפּעט, ווייל העניע האָט ניט געקאָנט שלאָפן. איר איז אָבער נאָך ערגער געוואָרן — די פייכטקייט פון טייך־נעפּל האָט גערייצט איר הוסט, האָבן מיר זיך געזעצט אויף אַ באַנק. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף מיין אַקסל. איך האָב אָוועקגעלייגט מיין האַנט אויף איר שטערן. איר קאָפּ איז געווען היים. זי האָט געפיבערט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז איינגעשלאָפן. איך האָב געטראַכט:

ווי גוט וואָלט געווען ווען העניע פאָרט איצט אַהיים. זי וואָלט געגאַנגען אַלע טאָג אין וואַלד, גערוט אין אַ העמאַק צווישן די סאָסנע־ביימער, אַריינגעאָטעמט די קילע געזונטע לופט אין אירע לונגען און געזונט געוואָרן.

איך וויים, אַז עס זיינען נאַרישע געדאַנקען. אָבער איך קאָן זיך פון זיי ניט באַפרייען. איך טראַכט אַלץ וועגן וואַלד, וועגן דער היים, וועגן העניען און דרעמל איין. איך זע אין חלום אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן אין אַ באַטיסטן קליידל, לויפט אַרום אין וואַלד. אַ פריילעכע, אַ געזונטע און אַ גליקלעכע. איך שריי אויס מיט פרייד: העניע, ווי קומסטו אַהער? און ווי שיין דו ביסט, שוועסטער מיינע, זע, דו הוסט שוין מער ניט.

דאָס מיידל צעלאַכט זיך: איך בין ניט העניע.

איך טו אַ קוק, ס׳איז גאָר דאָס מיידל, וואָס איך האָב געזען מיט דריי יאָר צוריק, שפּילנדיק זיך אין גאָרטן, וואָס איז געווען אַרומ־געצאַמט מיט די אייזערנע שטאַכעטן.

איך טו זיך אַ טרייסל. איך כאַפּ זיך אויף. העניע שלאָפט ניט. זי רעדט שטיל צו מיר:

— זעסט, ברודער, ס׳איז ערשט אָנהייב מאַי און אונזער באַלע־באָס הויז איז שוין פאַרשלאָסן. ער האָט פאַרנומען די גאַנצע

פאַמיליע און איז אַוועקגעפאָרן, טאַקע צו אונדז אין שטעטל אויף דאַטשע, אין סאַסנאָוון וואַלד. די מאַמע שטעלט צו דער פאַמיליע בייגל אַלע טאָג. מיר אַרבעטן דאָ און ער צאָלט דער מאַמען מיט אונדזער געלט, מיט אונדזער פּראַצע. ברוך, כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זיין איצט אין דער היים.

זי צעוויינט זיך שטיל. איך טרייסט זי:

— שאַ, שוועסטער, ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן איבערנעמען די פאַבריקן און מיר׳ן אַרבעטן פאַר אַלעמען, ניט נאָר זעטיקן די אַפּעטיטן פון די רייכע. קראַנקע אַרבעטער וועלן מיר שיקן אויף וואַקאַציע, זיי זאָלן קומען צו זיך. אַלע זומער־פּלעצער און פּאַרקן וועלן זיין אונדזערע. אַלץ וואָס מיר בויען און שאַפן, וועט זיין פאַר די וואָס אַרבעטן.

מיין שוועסטער האָט שטיל געענטפערט:

— איך וועל ניט דערלעבן די צייט, ברודער, דו אפשר יאָ. טאַ געדענק, אַז עס וועט קומען אַ יום־טוב און מען וועט גיין מיט פאָנען איבער די גאַסן, געזאַנג אויף די ליפּן און פרייד אין האַרצן, זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דיין שוועסטער העניען, יונג איז זי געשטאָרבן, אויסגעשפּיגן די לונגען אין פאַבריק.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, שוועסטער, האָב איך געענטפערט, — דיין הוסט איז ניט געפערלעך, ס׳וועט דיר בעסער ווערן.

— טרייסט מיך ניט מיט קיין ליגנס, ברוך, איך ווייס וואו איך האַלט.

און זי האָט טאַקע לאַנג ניט געלעבט.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט רעוואָלוציאָנערער אַר־בעט. מען האָט מיך אַרעסטירט און פאַרשיקט נאָך סיביר. איך בין אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

דאָ אין פרייען לאַנד האָב איך דערזען אַז ס׳איז די זעלביקע וועלט. מען לעבט דאָ אויך אויפן אַרבעטערס רעכענונג. זעסטו אין גאַס אַ שיינעם אויטאָמאָביל? אימיצער האָט דערפאַר ניט דערעסן. זעסטו אַ שיין קלייד? אימיצער איז דערפאַר ניט דערשלאָפן. זעסטו

פּאַלאַצן, שיינע הייזער — אַרבעטער האָבן אויף דעם זייערע לונגען אויסגעשפּיגן — אַ וועלט וואָס עקזיסטירט אויף אימיצנס אומגליק... אַזאַ וועלט טויג ניט...

— פאַרשטייסטו עס, ראָבערט?

— ניט אינגאַנצן, פּאַפּ. האָסט אַ בילד פון דער מומע העניע?

— ניין, וואו האָבן מיר געקאָנט קריגן געלט אויף נעמען פאָטאָגראַפיעס?

— איז פון איר גאָרניט געבליבן קיין אָנדענק?

—ערגעץ וואו אַ בערגל ערד.

שטיל האָבן גערעדט פאָטער און זון. אָבער זייער שעפּטשען האָט אין דער נאַכטיקער שטילקייט געשטערט אַלעמענס שלאָף. באַלד האָט זיך דערהערט דער מאַמעס שטים:

— וואָס האָט איר זיך דאָרטן אַזוי צערעדט? ס׳איז דאָך שוין באַלד צוויי אַזייגער.

טאַטע און זון זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. ראָבערט איז באַלד איינגעשלאָפן. אים האָט זיך געחלומט אַ מאָדנער חלום:

אַ ברייט פעלד צעטיילט אויף צוויי גלייכע טיילן. איין טייל איז שטענדיק גרוי, פאַרוואָלקנט. קיין ברעקל ליכט. די לופט איז פול מיט רויך פון פאַבריקן און די ערד איז בלאָטיק, פול מיט אָפּפאַל פון מאַשינען. אַלץ איז אָפּגעלאָזן. מענטשן אַרבעטן ווי בינען, אויסגעשמירטע, אויסגעמאַטערטע קריכן זיי אַרום. זיי פירן אָן די פאַבריקן, זיי אַרבעטן אויף די מאַשינען; פלאַנצןביימער, זייען קאָרן, בויען הייזער און נייען קליידער. אויף דער אַנדערער טייל איז ליכטיק. גראָז, בלומען, ביימער, קוסטעס, אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן. געציילטע מענטשן שפּאַצירן אַרום איבער די אויסגעפּלאַסטערטע סטעזשקעס. רואיקע, ציכטיקע, זאַטע. גייט אַרום אַ מענטש מיט הענט אין די קעשענעס, טוט אַ גענעץ און רופט אויס: — עס לאַנגווייליקט מיך אין מיין פּאַלאַץ, איך וויל נאָך אַ פּאַלאַץ מיט אַ פאָנטאַן פון פאָרנט.

— אָט באַלד, אָט באַלד, — ענטפערט אַ שטים פון נעפּלדיקן האַלבן פעלד. אָט וועלן מיר עס פאַרטיק מאַכן.

שטאַרקער, שווערער הויבט אָן אַ גרופּע מענטשן אַרבעטן. צענדליקער, הונדערטער מענטשן אַרבעטן אויף יעדן איינעם, וואָס גייט אַרום ליידיק.

ראָבערט קוקט זיך צו. ער זעט באַלד אַ געשטאַלט צווישן די נעפּלען. דאָס געשטאַלט רעדט:

— איר אַלע פאַרהאָרעוועטע, פאַרמאַטערטע, זעט איר אויף וואָס און פאַר וועמען איר אַרבעט?

עס הערט זיך אַ געלעכטער פון דער מאַסע.

דאָס געשטאַלט רעדט ווייטער: — איר זעט ניט דאָ אין נעפּל. קוקט זיך אַבער צו אויף יענער זייט פעלד, וועט איר זען אויף וועמען.

— זאָל ער לאָזן אַרבעטן, — הערן זיך שטימען.

— זאָל ער גיין פון וואַנען ער איז געקומען, — הערן זיך אַנדערע שטימען.

הענט הויבן זיך קעגן געשטאַלט. באַלד וועלן זיי אים באַפאַלן. ראָבערט קוקט זיך צו, ער זעט דאָס געשטאַלט איז דער טאַטע. ס׳איז דעם טאַטנס פּנים. און דער טאַטע שרעקט זיך ניט. ער שטייט צווישן די צאָרנדיקע אויפגעהויבענע הענט און שטורעמט:

— איך וועל אייך ברענגען גליק. איך וועל אייך ברענגען אַ ניי לעבן. איך וועל אייך עפענען די אויגן צו זען אַ נייע וועלט, אַ ליכטיקע וועלט.

שטיינער ווייזן זיך אין די אויפגעהויבענע הענט. ראָבערט לאָזט זיך צום טאַטן אים העלפן — — — ער כאַפּט זיך אויף.

ער קוקט זיך אַרום. ס׳איז שוין טאָג. דער טאַטע איז פאַר־טיק מיטן פרישטיק. ער איז גרייט צו גיין אין שאַפּ.

— גוד־ביי, פּאַפּסי, — זאָגט ראָבערט אַ לאַכנדיקער.

— שלאָפסט גאָר ניט? — פרעגט דער טאַטע פאַרוואונדערט.

— ניין. כ׳האָב געהאַט אַ מאָדנעם חלום.

— שלאָף איין, ס'איז נאָך פרי.

— אָלרייט.

ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געלעגן ביז ס'איז געווען צייט צו גיין אין שול.

***

ער איז געגאַנגען אין שול איבער די זעלביקע גאַסן ווי אַלע־מאָל, אָבער יעדע זאַך האָט אים אויסגעקוקט אַנדערש. אויף יעדן אויטאָמאָביל, אויף יעדן אויסגעפּוצטן מאַן האָט ער ביי זיך געפרעגט:

— ווער איז ניט דערשלאָפן דאָס צו שאַפן? ווער האָט ניט דערעסן דאָס צו פּראָדוצירן? ס'קאָן זיין אַז אימיצער ערגעץ ווייט, און עס קאָן זיין אַז אימיצער דאָ אויף דער צווייטער גאַס.

אַ צוויי טעג שפּעטער, אין אַן אָוונט, איז ראָבערט געגאַנגען מיט מייקלען צו לואיסעם אַפּים. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ראָג פון עסעקס און האוסטאָן סטריט, האָבן זיי דערזען אַ גרויסן עולם. ס'איז געווען אַ גאַסן־פאַרזאַמלונג פון דער בעקער־יוניאָן. דער רעד־נער האָט דערציילט וועגן די לאַנגע שטונדן, וואָס די בעקער מוזן אַרבעטן. ער האָט געשילדערט די שמוציקע קעלערס, וואו די בע־קערייען געפינען זיך. ער האָט גערעדט וועגן די קליינע שכירות, וואָס די אַרבעטער קריגן.

דער רעדנער האָט אַפּעלירט צום עולם, אַז מען זאָל קויפן ברויט נאָר מיטן „יוניאָן־לייבל".

ווען דער רעדנער האָט זיך דערוואָרעמט, האָט ראָבערט דער־זען „דזשימי רעד פּעים" זיך שטופּן צווישן עולם. אַלע אויף דער איסט־סייד האָבן געוואוסט, אַז דזשימי איז דער הויפּט פון דער „עסעקס סטריט גענג". ביי דזשימען אַריינצושטעכן אימיצן אַ מעסער אין זייט איז אַ שפּילכל.

ראָבערט האָט פאַרשטאַנען, צו־וואָס דזשימי שטופּט זיך אַזוי צווישן עולם. דזשימי וויל אָפּברעכן די פאַרזאַמלונג. אימיצער

האָט אים גוט באַצאָלט דערפאַר. דזשימי איז ניט דער מענטש וואָס טוט „אַרבעט" אומזיסט.

ראָבערט האָט זיך אַ קער געטאָן צו מייקלען און געפרעגט:

— דו האָסט דיין „לעסאָו" שטריק מיט דיר?

— יאָ.

— גיב אים מיר.

— אויף וואָס דאַרפסטו אים?

— קוק און שווייג.

ראָבערט האָט גענומען דעם שטריק פון מייקן און זיך געלאָזן פון דער אַנדערער זייט צום רעדנער.

שנעלער פאַר דזשימין האָט ער זיך צוגעשטופּט צו דער פּלאַט־פאָרמע און דעם עק פון שטריק וואו עס געפינט זיך דער שלייף אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. דעם אַנדערן עק פון שטריק האָט ער געהאַלטן אין האַנט.

„דזשימי רעד פעים" איז צוגעגאַנגען צו דער פּלאַטפאָרמע און אָנגעהויבן האַלב־שיכורלעך:

— דו „שמוציקער גרינהאָרן". קיין זאַך געפעלט דיר ניט אין אַמעריקע. און אַז דו אַרבעטסט אין אַ שמוציקן קעלער, איז וואָס? גיי דיר פון וואַנען דו ביסט געקומען.

דזשימי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום רעדנער.

דאָ האָט אָבער עפּעס פּאַסירט, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין.

דזשימי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי גרויס ער איז געווען.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ שטופּעריי. מען האָט שיר ניט צע־טראָטן דעם געגנסטער אויף טויט. ער איז אָפּגעלעגן היפּשע עט־לעכע וואָכן אין שפּיטאָל, און האָט אַלץ געוואָלט וויסן, ווער האָט אַריינגעכאַפּט זיין פוס אין אַ „לעסאָו".

אָבער אַ חוץ ראָבערטן און מייקלען האָט עס קיינער ניט גע־וואוסט, און זיי האָבן קיינעם ניט דערציילט.

קאַפּיטל אַכט

דער טשעמפּיאָן

אין דעם יאָר, ווען ראָבערט האָט אָנטייל גענומען אין דער טור־ניר, איז רעקלאָו געווען מעיאָר פון ניו יאָרק. אין די יונגע יאָרן איז רעקלאָו געווען אַ וואָדעוויל־אַקטיאָר, און ער איז געבליבן טיף אין האַרצן אַן אַקטיאָר אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט ליב געהאַט מאַכן פּאַראַדן, גרויסאַרטיקע ספּעקטאַקלען. זיין אויפנעמען מיט פּאָמפּ וויכטיקע געסט, אויף די טרעפּ פון „סיטי־האָל", האָט געהאַט אַ נאָמען אין גאָר דער וועלט. ער איז געווען פול אין אַלע רעסטאָ־ראַנען, האָט בייגעוואוינט אַלע באָקסער־געפעכטן, קיינמאָל ניט פאַרפעלט קיין וויכטיקע טעאַטער־אונטערנעמונג. וואו ס'איז נאָר געווען אַ געוועט צווישן ספּאָרט־קאָמאַנדעס, האָט מען געזען דעם מעיאָר.

די פּאָליטישע שונאים פון מעיאָר האָבן געזאָגט, אַז ער גיט אָוועק מער צייט אויף ספּאָרט ווי אויף פאַרוואַלטן די שטאָט. זיי זיינען געווען גערעכט און ער האָט געהאַט אַ מיאוסן סוף. ער האָט געמוזט רעזיגנירן. אָבער פריער איז ער געווען דער ליבלינג ביי דער באַפעלקערונג. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, שטענדיק ספּאָרטיש אָנגעטאָן. אַלעמאָל מיט אַ שמייכל, תמיד גרייט מיט אַ ווערטל — איז ער פון דער באַפעלקערונג אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און הורא־געשרייען, וואו נאָר ער האָט זיך באַוויזן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער מעיאָר האָט ניט דורכגעלאָזן דעם מאַרבל־טורניר. צוליבן מעיאָר זיינען געקומען צום טורניר הויכע שטאָט־באַאַמטע. וואו נאָר גרויסע נאָטאַבעלן זיינען דאָ רעפּאָרטערס

פון צייטונגען, צוליב אַזאַ טומל האָט מען שוין אָרגאַניזירט אַ גאָר שיינעם ספּעקטאַקל.

די שפּיל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קוני איילאַנד, ניט ווייט פון „העף־מון האָטעל". אויף דעם זאַמדיקן ים־ברעג האָט מען אויסגעגאָסן פון אַספאַלט אַ צוואַנציק פוסיגן רינג. אין דעם אַספאַלט האָט מען אויסגעפּלאַסטערט אַ קלענערן רינג צען פוס די גרויס.

די אָנטיילנעמער זיינען געקומען פון צוויי־און־צוואַנציק שטעט. ניו יאָרק האָט געשיקט פינף קאַנדידאַטן, איין קאַנדידאַט פון יעדער באָראָ. (ניו יאָרק איז, ווי באַוואוסט, צעטיילט אין פינף שטאָט־טיילן: מאַנהעטן, בראָנקס, ברוקלין, קווינס און ריטשמאָנד).

די קאַנדידאַטן אָנטיילנעמער זיינען ניט צוגעקומען גלייך צום „העף־מון האָטעל". זיי האָבן געלאַנדט אויף אַכטער גאַס, אין קוני איילאַנד, גלייך לעבן באָרד־וואָק (שפּאַציר־פּלאַץ לעבן ים).

די קינדער האָט מען געבראַכט אין אַ ספּעציעל־אויסגעפּוצטן אָמניבוס, פון אָמניבוס האָט מען זיי צעזעצט אין שטרויענע שטופּ־שטולן. לעבן יעדער שטול איז געשטאַנען אַ נעגער — אַ שטופּער. דער נעגער איז געווען אויסגעפּוצט אין רויטע הויזן מיט בלויען לאַמפּאַסן, אַ ווייס רעקל, אַ ברוינעם צילינדער און ווייסע הענטשקעס. די שטולן זיינען געווען דעקאָרירט מיט אַמעריקאַנער פלאַגן.

די שטאָטישע מוזיק־קאַפּעליע איז געגאַנגען פאָראויס. די לעבנס־רעטער פון קוני איילענדער ים־ברעג האָבן אַרומגערינגלט די שטולן אַלס ערן־וואַך. דער מעיאָר איז געגאַנגען אין שפּיץ פון פּאַראַד, נאָך אים — דער פּרעזידענט פון ברוקלין באָראָ. ווען דער פּאַראַד האָט זיך דערנענטערט צום רינג איז דער פּאָליציי־אָרקעסטער אַרויסגע־קומען אַנטקעגן. ביידע קאַפּעליעס האָבן זיך באַגעגנט, זיך אָפּגע־שטעלט און אויסגעשפּילט פריער דאָס ליד „סיידוואָקס אָוו ניו יאָרק" (טראָטואַרן פון ניו יאָרק), דערנאָך דעם מעיאָר רעקלאַמס אייגן ליד: „וויל יו לאָוו מי אין דיסעמבער עז יו לאָווד מי אין מעי".

„וועסטו מיך ליב האָבן אין דעצעמבער
ווי דו האָסט מיך ליב געהאַט אין מאַי?

דער טשעמפּיאָן

די צייטונגס־פאָטאָגראַפערס האָבן געקלאַפּט מיט די אַפּאַראַטן. די קינאָ־מאַשיניסטן האָבן געדרייט די הענטלעך פון די מאַשינען. דער מעיאָר האָט גענומען אַ פּאָר מירמעלעך אין האַנט, אויסגעקליבן אַ גוטן שיסער, זיך געשטעלט אויף איין קני און געמאַכט דאָס ערשטע אייגל — ער האָט אַרויסגעקלאַפּט פינף מירמעלעך און דער „שיסער" איז געבליבן אין רינג. דער עולם האָט אַפּלאָדירט. דער מעיאָר האָט זיך גראַציעז פאַרנויגט — מעשה אַקטיאָר, ווייטער זיך געשטעלט אויף אַ קני און אַרויסגעשאָסן מיט אַ מירמעלע. דער „שיסער" האָט ניט אַרויסגעקלאַפּט קיין איין מאַרבל. דאָ האָט זיך דער מעיאָר אַ וויצל געטאָן:

— איך האָב אומישנע פאַרלאָרן. איך וויל ניט ווערן טשעמפּיאָן מאַרבל־שפּילער. האָבן איין טשעמפּיאָן־טיטל איז גענוג. איר אַלע ווייסט דאָך אַז איך בין דער טשעמפּיאָן מעיאָר פון אַמעריקע. מיין פריינט, מיסטער קאָהן, דער פּרעזידענט פון ברוקלין באָראָ, זאָגט מיר, אַז ביי יידן אין תלמוד איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז קיינער טאָר ניט טראָגן קיין צוויי קרוינען. איין קרוין איז גענוג. באַנוגן איך זיך מיט דער קרוין פון טשעמפּיאָן מעיאָר פון אַמעריקע.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט די חכמה און דער מעיאָר האָט זיך ווייטער גראַציעז פאַרנויגט.

די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

צום ערשטן איז געקומען דער אָפּשפּיל. מען האָט צעטיילט די פיר־און־צוואַנציק יינגלעך אין זעקס קאָמאַנדעס. די זעקס געווינער האָבן דערנאָכדעם פאָרמירט אַ באַזונדערע קאָמאַנדע. די לעצטע דריי געווינער וועלן געווינען די פּריזן: דריטער, צווייטער און ערשטער. דער וואָס וועט געווינען דעם ערשטן פּריז, איז דער טשעמפּיאָן.

די לעצטע צוויי זיינען געבליבן ראָבערט און פּיראָן — פּאָראַ־יאָריקער טשעמפּיאָן; פּיראָן פון מיקס דעמאָקראַטישן קלוב. ראָבערטן איז ניט אָנגעקומען גרינג בלייבן איינער פון די

לעצטע. באַלד פון אָנהייב שפּיל האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף אַן אומגעריכטער שוועריקייט — דעם ווינט.

דער ווינט אויפן שפּיל-פּלאַץ איז געווען זייער שטאַרק. דער טאָג איז טאַקע געווען אַ שיינער, אַ זוניקער, אָבער זייער אַ ווינטיקער. ראָבערט האָט זיך דאָך געאיבט אויף אַן אַרומגעצאַמטן פּלאַץ, וואו ער איז קיינמאָל ניט געשטערט געוואָרן פון ווינט. די ערשטע עטלעכע מאָל האָט ראָבערט אַרויסגעקלאַפּט זייער ווייניק מירמעלעך. דער ווינט האָט פאַרקלענערט דעם אימפּעט פון ראָבערטס מאַרבל אַרויסשיסער. דער „שיסער" איז אָבער צוליבן ווינט שטענדיק אויך געבליבן ליגן אין רינג. האָט ראָבערט געהאַט די געלעגנהייט ווייטער פּרובירן. אויך די איבעריקע, מיטן אויסנאַם פון פּיראָנען, זיינען ניט געוואוינט געווען צו שפּילן אין אַ ווינטיקן פּלאַץ. איז ראָבערט געבליבן פון די צוויי לעצטע. ער האָט זיך געדאַרפט פאַרמעסטן מיט פּיראָנען.

פּיראָן האָט יאָ געוואוסט ווי צו שפּילן אין אַ ווינטיקן פּלאַץ. מיט אַ יאָר צוריק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער אינטערשטאַטן שפּיל אין אַטלאַנטיק „סיטי". פּיראָן האָט טאַקע פאַרלאָרן, דערפאַר אָבער האָט ער זיך דערנאָך געאיבט אין פּלעצער וואו ס'איז געווען ווינטיק. און עס האָט אויסגעקוקט ווי פּיראָן וועט האָבן אַ גרינגן זיג.

ראָבערט און פּיראָן האָבן געדאַרפט שפּילן זיבן קאָנען. ביים פינפטן קאָן האָט פּיראָן שוין געהאַט אויף זיין קאָנטע זעקס-און-אַכציק מאַרבלס. די העכסטע צאָל וואָס ראָבערט האָט איצט אַרויסגעקלאַפּט אין איין קאָן איז געווען עלף מאַרבלס. עס האָט אויסגעקוקט, אַז פּיראָנען וועט געלינגען אין די זיבן קאָנען אַרויסקלאַפּן מער ווי הונדערט מאַרבלס, אַ צאָל וואָס ראָבערט וועט קיינמאָל ניט קאָנען דעריאָגן. פּיראָן האָט זיך נאָכן פינפטן קאָן געפילט זיכער, און איידער ער האָט אָנגעהויבן דעם זעקסטן קאָן האָט ער זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אַ מירמערל. ער האָט עס אַ וואָרף געטאָן אין דער הויך און אויפגעכאַפּט מיט דער האַנט. עטלעכע מאָל אַזוי. מיטאַמאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער ווינט און פּיראָן האָט

ניט אויפגעכאַפּט מיט דער האַנט דאָס מירמערל. פּיראָן האָט אויפ־געהויבן דעם אָראָפּגעפאַלענעם מאַרבל און שוין געוואָלט ווייטער אָנגיין מיט דער שפּיל, אָבער דאָ איז צוגעלאָפן לואי דער דיוק און אויסגערופן צום רעפערי (בורר):

— איך פּראָטעסטיר, פּיראָן דאַרף אַרויספאַלן פון שפּיל.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט דער בורר.

— ווייל פון פּיראָנס האַנט איז אַרויסגעפאַלן דאָס מירמערל און ער האָט ניט געזאָגט: „ניט ווילנדיק".

— אָן אמת טאַקע, מר. דיוק, — האָט דער בורר געענטפערט, — אָבער ס'איז דאָך ניט געווען אין שפּיל.

— דער כיטרער שווינדלער, — האָט פּיראָן אויסגעשריען, — ער ווייסט אַז זיין ראָבערט קאָן מיך ניט אָניאָגן, טשעפעט ער זיך צו מיר.

— שטיל, פּיראָן, — האָט דער בורר געזאָגט, — מען רעדט צו דיר ניט. דו טאָרסט זיך ניט מישן.

— איך מעג אָבער זאָגן דעם אמת, צי מען פרעגט מיך צי ניט. לואי איז אַ זשוליק. פרעגט מיסטער מיקין.

— „דיסקוואַליפיצירט" — האָט דער בורר געזאָגט מיט כעס.

— איך דיסקוואַליפיציר פּיראָנען צוליב זיין ניט פּאַסיקן אויפפיר. די כללים פון מאַרבל־שפּיל זאָגן אַז אויפפיר אין שפּיל איז וויכטיק. איך באַשטראָף אים מיט צוואַנציק מאַרבלס. איך גיב אים קרעדיט נאָר פאַר זעקס־און־זעכציק.

מיקי האָט פּראָטעסטירט צום מעיאָר:

— יור אָנאָר (אייער הויכקייט), — האָט מיקי געטענהט, — ס'איז איינפאַכע רויבעריי. פּיראָן האָט דאָך שוין געהאַט די טשעמ־פּיאָנשיפּ פאַרפאַקט און פאַרנייט ביי זיך אין קעשענע.

— צום באַדויערן, מיקי, — האָט דער מעיאָר געענטפערט, — קאָן איך זיך ניט אַריינמישן. די כללים פון מאַרבל־שפּיל זאָגן גאַנץ קלאָר, אַז די אַנטשיידונגען פון בורר זיינען ענדגילטיק. פאַרפאַלן,

לאָמיר האָפן, אַז ראָבערט וועט ניט מאַכן קיין זעקס-און-זעכציק אייגלעך.

אָבער ראָבערט האָט געמאַכט צוויי-און-זיבעציק אייגלעך.

מען האָט ראָבערטן דערקלערט פאַרן טשעמפּיאָן. פּיראָן האָט געוואונען דעם צווייטן פּריז.

לואי דער דיוק איז געווען אויפן זיבעטן הימל. דריי גרויסע פאַרמיטאָג-צייטונגען האָבן געדרוקט אַ בילד ווי ער, לואי, שטייט מיט ראָבערטן, דעם מעיאָר, דעם פּרעזידענט פון ברוקלין באָראָ, דעם הויפּט פון פּאָליציי און דעם פּרעזידענט פון שטאָט-ראָט. לואין איז אָבער ניט שטאַרק געפעלן געווען וואָס ראָבערט שטייט עפּעס אַ זויערער. אַ טשעמפּיאָן דאַרף האָבן אַ שמייכל אויפן פּנים און דאָ שטייט ראָבערט ווי ער וואָלט איינגעשלונגען אַ לעבעדיקע זשאַבע. ער האָט געהאָפט, אַז קיינער וועט עס ניט באַמערקן, און אַליין איינס קאָן ער, לואי, ווייזן אַלעמען דאָס בילד און זיך באַרימען: נאַ, זעט מיט וועמען איך חבר זיך. מיינט ניט אַז איך בין עפּעס אַבי ווער.

אין אָוונט האָט לואי געבראַכט ראָבערטן אַהיים. ער האָט צוגעפירט ראָבערטן אין אַ טעקסי.

ראָבערטס פאָטער איז נאָר-וואָס געקומען פון דער אַרבעט. ער איז געשטאַנעןביים קראַן און זיך איינגעוואַשן. לואי האָט אָן עפן געטאָן האַסטיק די טיר און אויסגערופן:

— נאָט, אָט האָב איך אייך געבראַכט דעם טשעמפּיאָן.

ראָבערטס פאָטער האָט געריבן דאָס פּנים מיטן האַנטוך און גערעדט:

— אַזוי, טאַקע געוואָרן טשעמפּיאָן מאַרבל-קלאַפּער.

— יאָ, — האָט ראָבערט געענטפערט.

דער פאָטער, מיסטער גינגאָלד, האָט אַוועקגעלייגט דעם האַנטוך און אַ קוק געטאָן אויפן זון — מאָדנע עפּעס, דער טשעמפּיאָן איז גאָרניט באַגייסטערט. ביידע, פאָטער און זון, האָבן זיך אָנגעקוקט און געשוויגן.

די מוטער האָט זיך אַריינגעמישט:

— זיין אַ טשעמפּיאָן איז עפּעס אַ גרויסע זאַך?

לואי דער דיוק האָט געמאָלן ווי אַ מיל און אין זיין מאָדנעם יידיש גערעדט צו פרוי גינגאָלד:

— וואָס רעדט איר, מרס. גינגאָלד, שור (זיכער) איז עס אַ גרויסע זאַך. „איט איז דהי ביגעסט טהינג אין דהי וואָירלד פאָר הים". (ס'איז די גרעסטע זאַך אין דער וועלט פאַר אים) עפּעס אַ קלייניקייט, טשעמפּיאָן פון ניו יאָרק סטייט. „יעס, מעם, טשעמפּיאָן אָוו דהי עמפּייער סטייט"! (יעס, מאַדאַם טשעמפּיאָן פון דעם הויפּט־שטאַט — אַזוי רופט מען ניו יאָרק דעם גרעסטן שטאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן). „און ליסן טו מי" (הערט זיך איין), ער וועט ביי מיר זיין, „יעס סער און יעס מעם, טשעמפּיאָן אָוו דהי יונייטעד סטייט" (יאָ מיין הער, יאָ מאַדאַם, ער וועט זיין ביי מיר טשעמפּיאָן פון גאַנץ פאַראייניקטע שטאַטן) אַט ווי איך בין אַ דזשו (ייד).

— ווי אַזוי וועט ער עס שוין ביי אייך ווערן טשעמפּיאָן פון גאַנץ אַמעריקע? — האָט ראָבערטס פאָטער געפרעגט.

— ער פאָרט דאָך מיט מיר קיין וואַשינגטאָן, — האָט לואי געענטפערט, — איבערמאָרגן פאָרט ער מיט מיר.

— מען דאַרף דאָך פריער פרעגן ראָבערטן, צי ער וויל פאָרן, — האָט מיסטער גינגאָלד געזאָגט.

— וואָס דאַרף מען אים פרעגן, — האָט שוין לואי אָנגעהויבן רעדן דורכאויס ענגליש, — אוודאי וועט ער פאָרן. וועלכער יינגל וואָלט עס ניט געוואָלט פאָרן? זיי וועלן דאָרט האָבן אַ סך פאַר־גענינגן, מיר'ן זיי פריער ווייזן אַלע וואונדער פון דער שטאָט — מיר'ן זיי פירן צום וואַשינגטאָן־מאָנומענט, אין סענאַט, אין קאָנגרעס, אין דער געביידע פון געלט־גיסעריי. דער פּרעזידענט וועט זיי אויפ־נעמען און געבן יעדן איינעם די האַנט. און נאָך דעם טורניר וועלן מיר האָבן אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. און פאַרשטייט זיך, אַז ראָבערט וועט זיצן אויבן־אָן, ווייל ער וועט זיין דער טשעמפּיאָן.

איך, לואי דער דיוק, זאָג עס. איך האָב פּאַר אים דאָך געוואונען דעם ערשטן פּריז. ניט איך, ראָבערט? ניט אמת?

— אָן אמת, — האָט ראָבערט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ טרויעריק.

— אָבער ווי קאָן ער פּאָרן איבערמאָרגן? ער דאַרף דאָך גיין אין סקול, — האָט די מוטער געזאָגט.

— זאָרגט ניט, — האָט לואי געזאָגט, — איך וועל עס שוין באַזאָרגן, און מען וועט אים געבן אַ זיי־געזונט, אַז עס וועט קנאַקן!

— וויי איז מיר, — האָט די מוטער געגעבן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט אין די זייטן, — ער האָט דאָך ניט קיין לייטישן אָנצוג אין וואָס צו פּאָרן קיין וואַשינגטאָן.

— איך וועל אים קויפן אַן אָנצוג, — האָט לואי געזאָגט, — שוין איינמאָל אַן אָנצוג.

— קנאַקט ניט אַזויפיל, מיסטער לואי, איך וועל אים אַליין קויפן אַן אָנצוג, — האָט דער פּאָטער געענטפערט, — וואָס פּאַר אַ קויפער זענט איר?

— ס'מאַכט ניט, איך וועל מאַכן גענוג פון זיין טשעמפּיאָנשיפּ. פאַרשטייט, דאָס איז מיין ערשטער אַרויספאָר צו ווערן אַ גרויסער פּאָליטישן. איר וועט זען, איך וועל נאָך זיין אַ קאָנגרעסמאַן.

— וועט טאַקע ניט טויגן, מיסטער לואי, — האָט דער פּאָטער געענטפערט מיט שפּאַס.

— וואָסי, מיט וואָס בין איך ערגער פון מעקריוווי?

— ווער זאָגט עס אייך, אַז מעקריוווי טויג? — האָט דער טאַטע געזאָגט, — אָבער אַן אָנצוג, מיסטער לואי, וועל איך אים אַליין קויפן...

— ווי איר ווילט. איך וואָלט אים געקויפט גאָר אַ גוטן אָנצוג. ער איז עס ווערט.

— ער וועט טראָגן וואָס איך וועל אים קויפן, מיסטער לואי, — מיינע קינדער וועל איך אַליין באַקליידן.

— אָלרייט. אָבער געדענקט, איבערמאָרגן צען אַזייגער דאַרף ער זיין ביי דער פּענסילווייניע סטאַנציע.
— אויב ער וועט וועלן, וועט ער זיין.
— איך וועל קומען נאָך אים.
—איז דאָך אוודאי גוט.
— גוד־נאַיט (אַ גוטע נאַכט).
— גוד־נאַיט!

***

שפּעטער אין אָוונט איז מיסטער גינגאָלד אַראָפּ מיט ראָבערטן קויפן אַן אַנצוג. דער פאָטער האָט גלייכגילטיק באַמערקט:
— עפּעס ביסטו מיר ניט איבעריקס באַגייסטערט, ראָבערט, וואָס דו האָסט געוואונען די טשעמפּיאָנשאַפט.
— ניין, — האָט ראָבערט געענטפערט אַנגעבלאָזן.
— פאַרוואָס?
— ווייל דער ערשטער פּריז קומט פּיראָנען.
— איז פאַרוואָס האָט מען דיך דערקלערט פאַרן טשעמפּיאָן?
— ס'איז לואיסעס אַ שפּיצל.
און ראָבערט האָט דערציילט דעם טאַטן די גאַנצע מעשה.
נו, אויב אַזוי פאָר ניט קיין וואַשינגטאָן — און פאַרטיק. ווער נויט דיך? אַז דו וועסט ניט פאָרן, וועט פּיראָן פאָרן.
— ווי קאָן איך זיך אָפּזאָגן צו פאָרן? מען וועט דאָך לאַכן פון מיר. געזעצלעך בין איך טשעמפּיאָן. דאָס בעסטע וואָלט גע־ווען ווען דו לאָזט מיך ניט פאָרן.
— דאָס ניט, זוני.
— פאַרוואָס ניט?
— ווייל יעדער מענטש דאַרף זיך אַליין העלפן. דו ביסט איצט אין אַ קלעם, דריי זיך אַרויס. איך וויל ניט דו זאָלסט זיך באַהאַלטן הינטער מיינע פּלייצעס. איך האָב דיר ניט געהייסן חברן זיך מיט לואין. האָסט זיך געחברט און ער האָט דיך פאַרפירט אין אַ בלאָטע. איצט קריך אַרויס אַליין.

ראָבערט האָט געפילט ווי עפּעס אַ קנויל שטעלט זיך אים אין האַלד. באַלד וועט ער זיך צעוויינען. ער האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און פאַרשטייפט די האַנט אין אַ קולאַק — איך וועל זיך אַרויסדרייען פון לואיסן — האָט ער אין זיך גערעדט.

***

אויף מאָרגן פרי, ווען ראָבערט איז צוגעקומען צו דער שול, האָט אים די „גענג" באַגעגנט מיט אַ הורא. מייקל האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן שול-פּלויט, האָט קונציק אַריינגעשטעלטביידע פיס צווישן די שטאַכעטן און אין דער פּאָזע פון אַ פּאָרזיצער האָט ער געפירט מיט די הענט און אויסגערופן:

— ווער איז ביי אונדז דער גרעסטער העלד?

די הונדערטער קינדער האָבן געענטפערט:

— ראָבערט, ראָבערט, ראָבערט!

מייקל האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, איינגעשטילט די קינדער און ווייטער אויסגעזונגען:

— און ווער האָט געשפּילט די בעסטע שפּיל, און געוואונען דעם ערשטן פּריז?

— ראָבערט, ראָבערט, ראָבערט, — האָבן די קינדער געענטפערט.

— אַר, אָ, בי, אי, אַר, טי.

— ראָבערט! ראָבערט! ראָבערט!

די קינדער האָבן ניט געזען ווי דער פּרינציפּאַל (דירעקטאָר) און די לערער פון שול זיינען געשטאַנען אין די פענצטער און אָנגעקוואָלן.

דאָס גלעקל האָט געקלונגען. די קינדער האָבן זיך צעשטעלט אין רייען. אָנשטאָט אין די קלאַסן האָבן די לערער געפירט די קינדער אין אַלגעמיינעם פאַרזאַמלונגס-זאַל.

אויף דער בינע זיינען געווען אויסגעזעצט אַלע לערער, דער פּרינציפּאַל און לואי דער דיוק. ראָבערטן האָט מען אַוועקגעזעצט אינמיטן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. צום ערשטן האָט גע-

רעדט דער פּרינציפּאַל, דערנאָך דער געהילף. דער לעצטער האָט גערעדט לויט דער דיוק. ער האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע, גענוצט לאַנגע ווערטער און האָט פאַרענדיקט מיט היץ און פייער:

— קיינער, קיינער טאָר ניט זאָגן, אַז איך גיב זיך אונטער. מען דאַרף קעמפן ביז דער לעצטער מינוט. דער זיג מוז קומען צו די וואָס אַרבעטן און גלויבן אין זיך. קיינער דאַרף ניט זיין צופרידן מיט קלייניקייטן, אַז מען שפּאַנט צו דעם וואָגן צו אַ שטערן, שטייגט מען הויך. אָט זעט ראָבערטן. ער האָט געאַרבעט שווער, כאָטש ער האָט געזען אַז זיין קעגנער האָט די אויבערהאַנט, האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. איז ער טאַקע געוואָרן דער טשעמפּיאָן פון שטאָט ניו יאָרק, און איך זאָג אייך, אַז ער וועט ווערן טשעמפּיאָן פון גאַנץ אַמעריקע, ווייל ער איז דער בעסטער, גרעסטער, פלינקסטער מאַרבל-שפּילער. לאָמיר אַלע אינאיינעם אויסרופן אויפן קול דריי מאָל:

— ראָבערט!

— ראָבערט!

— ראָבערט!

ראָבערט איז געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע ווי אַ באַגראָבענער — אַ באַי! ווי ער קנאַקט עס איין ליגן נאָכן אַנדערן. „דער גרעסטער, בעסטער, פלינקסטער!" — פלינק ווי אַ בער. איך האָב אויסגענאַרט די טשעמפּיאָנשיפּ פון פיראָנען.

נאָך ערגער האָט געפילט ראָבערט ביי זיך אין קלאַס. דאָס צימער איז געווען זייער שיין דעקאָרירט. מיס האַנסאָן, די לערערן, האָט אַוועקגעזעצט ראָבערטן אויף אַ שטול לעבן טאָוול, אין פראָנט פון אַלע קינדער.

זי האָט געהייסן מייקלען דעקלאַמירן אַ ספּעציעל פאַרפאַסטע ליד, און נאָך יעדער סטראָפע האָבן די קינדער אויסגערופן מיט פרייד:

— ראָבערט, ראָבערט, ראָבערט!

נאָכדעם האָט מיס האַנסאָן געהאַלטן אַ רעדע און געלויבט ראָבערטן אין הימל אַריין.

די גאַנצע צייט, וואָס מיס האַנסאָן האָט גערעדט, האָט ראָבערט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט אויסצושרייען:

— ס'איז אַ ליגן, מיס האַנסאָן, ס'איז אַ ליגן. איך האָב ניט געוואונען דעם ערשטן פּריז.

ער האָט אָבער געביסן די ליפּן און געשוויגן. ווען מיס האַנסאָן האָט אים אויפגערופן עפּעס צו זאָגן פאַרן קלאַס, האָט זיך ראָבערט ניט אויפגעשטעלט. ער איז געבליבן זיצן בלייך ווי קאַלך און געענטפערט:

— איך קאָן ניט, מיס האַנסאָן, איך קאָן ניט.

— וואָס קאָנסטו ניט? ראָבערט.

— איך קאָן ניט ריידן, — האָט ראָבערט געענטפערט מיט שרעק.

— מאַך זיך ניט צום נאַר, — האָט מיס האַנסאָן געזאָגט, — שרעק זיך ניט. שטעל זיך לעבן טאָוול און הויב אָן רעדן. רעד ניט מיט קיין געהויבענע ווערטער. דערצייל פּראָסט ווי אַזוי דו האָסט געוואונען די טשעמפּיאָנשיפּ.

— איך קאָן ניט, איך קאָן ניט, איך קאָן ניט, — האָט ראָבערט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

אין קלאַס-צימער איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. ראָבערט האָט זיך דערשראָקן און פאַרשעמט פאַר זיין געוויין. וואָס מער ער האָט זיך געשראָקן און געשעמט זיך, אַלץ העכער האָט ער געוויינט.

— וואָס איז געשען? — האָט די לערערן געפרעגט אַ צעשראָקענע.

ראָבערט האָט דעם אמת ניט געקאָנט דערציילן. ער האָט געמוזט געפינען אַ תירוץ. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— דער בויך טוט מיר וויי.

— גרויסע שמערצן? — האָט די לערערן געפרעגט.

— אָט דאָ, אָט דאָ, — האָט ראָבערט אָנגעוויזן אויף דער רעכטער זייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זיין שוועסטערל איז

געווען קראַנק אויף „אַפּענדיסיטיס”, איז דער ווייטיק געווען אין דער רעכטער זייט. ס׳איז אים איצט צונויף געקומען.

— אַזוי, גרויסע שמערצן אין דער רעכטער זייט. בעסער גיי אַהיים, — האָט די לערערן געזאָגט.

— איך קאָן ניט, — האָט ראָבערט אַרויסגעזאָגט ניט ווילנדיק.

— גוט, מיר׳ן דיך אָפּפירן אין אַ טעקסי.

***

אין הויז איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל. מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. איידער דער דאָקטאָר איז געקומען, איז אָנגעקומען לואי דער דיוק.

דער דאָקטאָר האָט עקזאַמינירט ראָבערטן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, דוכט זיך, ס׳איז ניטאָ קיין סימן פון אַפּענדיסיטיס. אָבער דאָס יינגל שפּרינגט אויף ביזן סטעליע ווי מען רירט זיך צו צו דער רעכטער זייט פון בויך, און דאָס איז גאָר אַ שלעכטער סימן.

— דער דאָקטאָר האָט דערקלערט לואין:

— ס׳איז אַ מאָדנער פאַל. מען קאָן דערווייל נאָך גאָרניט וויסן. אַלץ וואָס מען קאָן טאָן, איז אָנשטעלן אַ באַרמהערציקע שוועסטער (אַ נוירס) און גוט אַכטונג געבן אויפן יינגל.

— וועט ער קאָנען מאָרגן פאָרן קיין וואַשינגטאָן ? — האָט לואי געפרעגט.

— ווער ווייסט, מעגלעך אַז יאָ. ס׳איז אָבער ניט כדאי איינצושטעלן.

— מיר׳ן זען, מיר׳ן זען, — האָט לואי געענטפערט פלינק, — קומט אין אַ שטונדע אַרום. איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט איינלאַדן דעם גרעסטן ספּעציאַליסט אין ניו יאָרק.

אָבער אפילו דער ספּעציאַליסט האָט זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין ראָבערטס קראַנקהייט. ער האָט באַפוילן: זאָל די נוירס גוט אַכטונג געבן און לאָזן אים, דעם ספּעציאַליסט, וויסן אויב די טעמפּעראַטור הויבט זיך.

די טעמפּעראַטור האָט זיך ניט געהויבן, ראָבערט האָט אָבער אַלץ געקרעכצט. לואי איז ניט אָפּגעטראָטן פון הויז.

אין אָוונט, ווען דער פאָטער איז געקומען פון דער אַרבעט, איז ער אַריינגעלאָפן אַ צעשראָקענער צו ראָבערטן, דאָס יינגל האָט אַ וואונק געטאָן צום טאַטן, אַז די נוירס זאָל אַרויסגיין.

אַז די נוירס איז אַרויס, האָט ראָבערט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געמאַכטער וויינענדיקער שטים:

— ס'קאָן זיין, אַז איך בין ערנסט קראַנק און מען וועט מיך דאַרפן נעמען אין שפּיטאָל, און לואי וויל, איך זאָל מאָרגן פאָרן קיין וואַשינגטאָן.

— משוגע אויף טויט, — האָט דער פאָטער געענטפערט.

— אוודאי משוגע, — האָט ראָבערט געענטפערט, — איך וועל ניט פאָרן.

— פאָרסטו ניט, און גענוג.

— איצט בייג זיך איין און איך וועל דיר עפּעס דערציילן אַ סוד.

דער פאָטער האָט זיך איינגעבויגן און ראָבערט האָט אים אַריינגערוימט אין אויער:

— דער קראַנקער איז טויט-הונגעריק! אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן.

— איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן, — האָט ראָבערטס פאָטער געענטפערט.

און מיסטער גינגאָלד האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אַריינגעשמוגלט צוויי סענדוויטשעס צו ראָבערטן און געזאָגט צו לואין מיטן האַרבן וואָרט, אַז ראָבערט פאָרט ניט קיין וואַשינגטאָן.

און ראָבערט איז געבליבן אין דער היים.



קאַפּיטל נײַן.

אַן אומגליק

מיסטער גינגאָלד, ראָבערטס פֿאָטער, האָט געהאַט אַ גאַסט, זיין ברודער מאָרים פֿון אָשאָשעק, פּענסילווייניע. זיינען די צוויי ברי־דער געזעסן אַרום ווייסן פּאָרצעלייענעם טיש אין קיך, געטרונקען טיי און גערעדט. האָט געזאָגט דער ברודער:

— איך פֿרעג דיך צום לעצטן מאָל. ווועסטו מיך לאָזן אַדאָפּ־טירן ראָבערטן?

— ניין.

דער ברודער האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— איך האָב אַלץ געטראַכט אפשר וועסטו נאָכגעבן. ס'איז אַזוי אומעטיק אין הויז אָן קינדער. זינט אייבי איז געשטאָרבן, איז אַ שטילקייט אַריינגעקראָכן אין הויז, און אַרויסגעטריבן דעם קינדער־טומל און רויש פֿון שטיפֿערייען. ניטאָ קיין ליכטיקע מינוט אין הויז. פֿאַר דריי יאָרן, באַלד ווי דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָסטו צוגעשיקט ראָבערטן אויף אַ פּאָר וואָכן צו מיר. געדענקסט? פֿון דאַן אָן קאָן איך דיין יינגל ניט פֿאַרגעסן. ער איז אַזאַ לעבעדיקער, אַזאַ פֿריילעכער און קלוגער. דאָס שטעטל איז געוועזן אויף. דו האָסט פֿיר קינדער און איך בין געבליבן אַליין ווי אַ שטיין, לאָז מיר אָפּ ראָבערטן.

ראָבערטס פֿאָטער האָט געענטפֿערט:

— אַ מענטש האָט צען פֿינגער. זאָג אים ער זאָל איין פֿינגער אָפּשניידן. ניין איז גענוג. און דו בעטסט ניט קיין פֿינגער, דו בעטסט די רעכטע האַנט — ראָבערטן! איך האָב, זאָגסטו, נאָך

דריי קינדער אויסער ראָבערטן. אמת, איך האָב נאָך דריי קינדער און אַלע זײַנען זײ שײן, קלוג, געראָטן. אָבער ראָבערט איז אַנדערש פון די איבעריקע קינדער. דוכט זיך, אַלע זײַנען זײ פון די זעלביקע טאַטע־מאַמע, אָבער ראָבערט האָט זיך אויסגעצייכנט מער װי די אַנדערע. געדענקסט די עפּל־ביימער ביי אונדזער פּעטער אין סאָד? ס׳האָט פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז אויף דעם זעלביקן עפּל־בוים איז איין עפּל אויסגעװאַקסן גרעסער, זאַפטיקער, װײניקער פון אַלע איבעריקע עפּל. דאָס זעלביקע האָט געטראָפן מיט ראָבערטן. ער האָט אין זיך דעם זיידנס קלוגשאַפט, דעם טאַטנס אויפריכטיקייט, דער מאַמעס שײן־רעדן און דעם פּעטער ביינושעס זיכרון און איינפאַל. זײַן געװוּאַגקייט און אויסגעהאַלטנקייט, דאָס זעסטו, װײס איך ניט פון װעמען ער האָט געירשנט.

— געװאַגטקייט און איינגעשפּאַרטקייט, אָדער װי דו רופסט עס, אויסגעהאַלטנקייט, האָט ער געירשנט פון דיר. דו האָסט געװאַגט אין דײַן רעװאָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד. און װאָס עס איז שײך איינגעשפּאַרטקייט, דוכט זיך, אַז דו שפּאַרסט זיך איין װעט דיך קיינער ניט קאָנען רירן פון אָרט. אָבער זאָג מיר נאָר, האָסט ניט אַביסל איבערגעטריבן ראָבערטס מוט און אַנטשלאָסנקייט?

— איבערגעטריבן? — האָט דער פאָטער געענטפערט, — דו קאָנסט ניט ראָבערטן. געדענקסט די מעשה אין דער ביבליאָטעק? װאָסער יינגל װאָלט געװאַגט אַזױ רעדן פאַר אַ ריכטער? היינט זײַן איינפאַל מיט דער ליי־ביבליאָטעק? און װיפל יינגלעך װאָלטן געהאַנדלט אַזױ מוטיק אין אַזאַ זאַך װי טשעמפּיאָנשפּיל? און אַזױ מיט אַלע אַנדערע מעלות זײַנע. װען ער איז נאָך געװען אַ פּיצעלע, אַ בייבי, איז ער שוין געװען נייגעריק צו װיסן, װאוהין עס לויפט אַװעק דער עלעװייטעד. פון זײַן לערנען אין „סקול” איז דאָך אָפּ־גערעדט. ברענגט די בעסטע צייכנס. איך האַלט ניט שטאַרק פון גוטע צייכנס אין שול. ס׳איז ניט קיין חסרון, אַז אַ קינד ברענגט די בעסטע צייכנס פון סקול, אָבער דאָס באַװייזט נאָך ניט אַז ס׳איז אַן אויסערגעװיינטלעך קינד. װיכטיקער איז אַ קינדס נייגעריקייט,

זיין דורשט צו וויסן, זיין איינזאַפּן אין זיך דאָס געלערנטע. אַט הער אַ מעשה:

— אַנומלטן גיי איך פאַרביי, אויף דער פערטער עוועניו, אַ געשעפט פון אַלטע ביכער. ווען איך גיי פאַרביי אַזאַ געשעפט מוז איך זיך אָפּשטעלן. איך זוך מציאות. וואַרף איך דורך די ביכער און באַמערק, אַ היפּש בוך מיטן נאָמען „זשין לאַפּיט, דער פּיראַט״. טראַכט איך, ס׳וועט זיין אַ גוט בוך פאַר ראָבערטן. איינגאַנצן קאָסט עס אַ קוואָדער. ברענג איך דאָס ביכל אַהיים. ראָבערט טוט אַ בלעטער דאָס ביכל, פאַלט אויף מיר אַרויף און נעמט מיך קושן:

— אַ, פּאַפּסי! דו ביסט זים ווי צוקער און געשמאַק ווי אייז־קרים. איך האָב אַלעמאָל געוואָלט וויסן מער וועגן אָט דעם זשין לאַפּיט. אין געשיכטע־בוך שטייט ניט מער ווי אַז דער פּיראַט זשין לאַפּיט האָט געהאָלפן דזשעקסאָנען פאַרטיידיקן ניו אָרלינס. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס עפּעס מיטאַמאָל וועט אַ פּיראַט העלפן דזשעקסאָנען? און מיט וואָס איז דאָס געווען וויכטיק פאַר דזשעקסאָנען קריגן די הילף פון אַ פּיראַט? איך האָב געזוכט אין אַ סך לערן־ביכער און ניט געקאָנט געפינען. איצט האָסטו מיר געבראַכט אַ גאַנץ בוך וועגן לאַפּיט.

איך בין געבליבן געפּלעפט. איך האַלט זיך, אַז איך קאָן אַמע־ריקאַנער געשיכטע, און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט וועגן זשין לאַפּיט. שווייג איך. איך טראַכט, נו מילא, איך האָב טאַקע נעלייענט אַמעריקאַנער געשיכטע, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט שלאַכטן. אפשר איז אָט דער זשין לאַפּיט טאַקע אַ באַוואוסטער העלד? בין איך ניט פויל און פרעג זעקס יינגלעך (פיר פון זיי שוין אין דעם דריטן יאָר האַי־סקול) ווער איז געווען זשין לאַפּיט? קיינער האָט פון אים ניט געהערט.

דאָס איז ראָבערט, ברודער לעבן. ניט נאָר האָט ער אַ זיכרון, נאָר ער וויל פאַרשטיין דעם עיקר פון יעדער געשעעניש. איך זאָג דיר, איך האָב ניט איבערגעטריבן. דו קאָנסט ניט דאָס יינגל. ער וואַקסט אַלרייט!

האָט דער פעטער געענטפערט:

— אויב ראָבערט איז טאַקע אַזאַ אויסערגעוויינטלעך יינגל, דאַרף ער האָבן אַ בעסערע היים. זע נאָר אין וואָס פאַר אַ פינצטערע, ענגע צימערן דו וואוינסט. און די גאַס? אַ שמוץ, דערטרונקען צו ווערן. אַ טומל טויב צו ווערן. היינט דיינע שכנים! ניטאָ וואָס צו רעדן, ראָבערט קאָן דאָ קריגן גוטע חברים. ער קאָן אויסקלייבן וועלכע „גענג" פון „באָמערס" ער וויל נאָר.

— עס, ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי דו מיינסט, — האָט ראָ־בערטס פאָטער געענטפערט, — אָבער איך וועל איבעראיאָר אַריבערקלייבן זיך קיין בראָנזוויל אָדער בראָנקס. מיר בלייבן דאָ בלויז ביז אסתר און ראָבערט וועלן ענדיקן „פּאָבליק סקול". די לערערן האָט מיר געזאָגט, אַז ראָבערט איז אַ גוטער קאַנדידאַט אויף דעם גאָלדענעם מעדאַל פאַר ענגליש. איך קאָן מיך איצטער אויך אַרי־בערקלייבן. איך אַרבעט דאָך פאַר דער יוניאָן און קריג געהאַלט רעגלמעסיק. דער לעצטער סטרייק ביי די ווייסט-מייקערס (בלו־זעס-מאַכער) איז געוואונען געוואָרן. די יוניאָן קאָן איצט צאָלן שכירות רעגלמעסיק. מיין דזשעק איז שוין אַכצן יאָר אַלט און ער אַרבעט. ברענגט ניט אַריין קיין סך, אָבער אַ הילף אין הויז איז עס. באַלד וועט אייבי אויך אָנהייבן אַרבעטן. ער האָט ניט קיין איבעריקן חשק צו לערנען. קומענדיקן יאָר גייט אסתר אַריין אין אַ „ביזנעס סקול" און ראָבערט אין „האַי-סקול", וועלן מיר זיך אַריבערקלייבן אין בראָנזוויל אין אַ שטילן געגנט.

— הלוואי, זאָל עס זיין אַזוי, — האָט דער ברודער געענטפערט, — אָבער טאָמער ניט? איז מען דען זיכער מיט דיין שטעלע אין דער יוניאָן? איך קאָן דיך ניט, ברודער מיינער! אָט וועט דיר עפּעס ניט געפעלן ווערן, וועסטו לאָזן האַק און פּאַק און ווערן אוים יוניאָן-באַאַמטער. און דאַן?

— דאַן וועל איך צוריק אַוועק אַרבעטן אין שאַפּ, — האָט ראָ־בערטס פאָטער געענטפערט.

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און ראָבערט איז אַריין.

— העלאָ, פּאַפּסי! העלאָ, אָנקל!

— העלאָ, ראָבערט! נו, האָסטו עפּעס געקויפט פאַר די פינף דאָלאַר, וואָס איך האָב דיר געגעבן?

— ניין!

— פאַרוואָס?

— איך האָב נאָך אַלץ ניט באַשלאָסן, וואָס צו קויפן, — האָט ראָבערט געענטפערט, — איך האָב שיר ניט געקויפט אַ פּאָר גלי־טשערס, אַן „ערעקטאָר סעט" (אַ מעטאַלענעם גאַנג פון שטיקלעך אויף צו מאַכן צאַצקעס), אַ באָל אויף שפּילן „פוט־באָל". די מאַמע האָט געוואָלט איך זאָל קויפן שיך אָדער אַן אָנצוג. האָב איך גאָרנישט ניט געקויפט. אַזוי לאַנג ווי איך האָב גאָרנישט ניט געקויפט, קאָן איך נאָך אַלץ קויפן. קויף איך עפּעס, איז פאַרפאַלן.

די ברידער האָבן זיך צעלאַכט.

— אָבער דו דאַרפסט באַשטימען וואָס דו ווילסט, — האָט דער פעטער געזאָגט, — ביסט שוין מער ווי עלף יאָר אַלט. דאַרפסט שוין וויסן וואָס דו ווילסט.

— אוודאי דאַרף איך וויסן, — האָט ראָבערט געזאָגט, — אָבער דאָס איז דאָס ערשטע פינפערל, וואָס איך האָב געקראָגן אין מיין לעבן, דאַרף מען זיך גוט באַטראַכטן.

— וועל, זוני, — האָט דער פעטער געענטפערט, — דו ביסט אָלרייט. בלייבסט ניט שולדיק קיין ענטפער. איצט זאָג מיר צו אַז היינטיקן זומער קומסטו צו מיר אויף אַ פּאָר וואָכן.

— פאַרוואָס ניט? אויב נאָר פּאַפּ וועט לאָזן.

— פאַרוואָס זאָל ער ניט לאָזן?

— איך ווייס ניט. אָבער אויב יאָ, ווי וועל איך פאָרן אַליין?

— דאָס איז גאָרנישט, — האָט דער פעטער געענטפערט, — פּאַפּאַ וועט דיך צופירן צו גרענד סענטראַל סטאַנציע, דיך איבער־געבן צו דער „טרעוועלינג אייד סאָסייעטי" (הילף־פאַראיין פאַר רייזנדיקע) זיי וועלן דיך שוין באַזאָרגן מיט אַ בילעט און אַן אויפ־פּאַסער, און אויב פּאַפּאַ וועט קיין צייט ניט האָבן, וועסטו אַליין

צוגיין צו דער סטאַנציע און ווייזן דעם פאָרשטייער פון דער „סאָ־סייעטי" (פאַראיין) מיינעם אַ בריוו. דאָס וועט זיין גענוג. זיי וועלן מיר שיקן אַ טעלעגראַמע אַז דו קומסט. דאָס איבריקע וועל איך שוין באַזאָרגן.

ראָבערטס מוטער איז אַריין מיט אַ שטורעם:

— ווײ איז מיר, ווינד איז מיר, איר דאַרפט דאָך שוין זיין אַלע טויט־הונגעריק, און איך האָב נאָך ניט פאַרטיק קיין וועטשערע. און וואו זיינען די קינדער? און זעט נאָר זעט ווי זיי האָבן דאָ אָנגערויכערט! מען קאָן דערשטיקט ווערן. עפנט אַ פענצטער. ראָבערט, גיי רוף אייבין, דזשעקין און אסתרן. איך גרייט שוין צום טיש.

באַלד האָט מען זיך געזעצט עסן וועטשערע.

***

דאַנערשטיק איז דער אָנקל אָפּגעפאָרן, און שבת האָט נאָך ראָבערט אַלץ ניט געהאַט אויסגעגעבן די פינף דאָלאַר. ער האָט ניט געקאָנט באַשטימען וואָס צו קויפן. ער האָט אָבער אָפּגעמאַכט מיט דער מאַמען, אַז ער מעג אויסגעבן איין דאָלאַר אויף וואָס ער וויל אַליין, און פאַר די איבעריקע פיר דאָלאַר וועט זי אים אויס־קליידן.

שבת נאָכמיטאָג האָט ראָבערט זיך אַרויסגעלאָזן אויף פערצנ־טער גאַס לעבן יוניאָן־סקוועראַ באַקוקן די שויפענצטער, זען וואָס ער קאָן איינהאַנדלען.

ס'איז שוין געוואָרן שפּעטלעך, אַרום פינף אַזייגער. ראָבערט און די שייקע האָבן נאָך גאָרנישט ניט געקאָנט זיך צוקלייבן. גייען זיי זיך אַזוי רואיק איבער דער גאַס און שטעלן זיך אָפּ ביי יעדן שוי־פענצטער. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ געלאָף פון מענטשן און עס האָט זיך דערהערט אַ קלונגעריי פון פייער־לעשער.

— אַ פייער! אַ פייער! — האָבן די יינגלעך אויסגערופן.

חברה האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף שרפות. ס'איז זיי שטענדיק געפעלן געווען, וואָס די פייער־לעשער הויבן גלייך אָן ברעכן.

געגומען אַן אייזערנעם לאָם — בריאַזג! גלייך אין שױ־פענצטער אַריין. אַ ריזיקן האַמער אין האַנט און טאַראַבאַך — אין טיר אַריין.

נאָך שענער איז צוצוקוקן ווי די פייער־לעשער ברעכן שלעסער. זיי האָבן אַזאַ ספּעציעל העקל־האַמער, פון איין זייט דאָס קעפּל פון אַ האַמער, פון דער אַנדערער זייט אַ שפּיציק, שאַרף פלאַך העקעלע. לייגט אַריין דער פייער־לעשער דאָס העקעלע אין רייפל פון שלעסל. נאָכדעם גיט ער אַ קלאַפּ מיטן האַמער־קעפּל דאָס שלעסל — און דאָס שלעסל פליט אַראָפּ מיט אַ בריאַזג.

ס׳מעג זיין דאָס קלענסטע פייער, אָדער גאָר נאָר אַ רויך, צעברעכן די פייער־לעשער, וואָס נאָר עס קומט זיי אונטער דער האַנט. אויב די שריפה איז אַ גרעסערע און זי כאַפּט אַרום די ווענט פון דער געביידע, נעמען זיך די פייער־לייט ערשט צו דער אַרבעט. מען ברעכט ווענט, טירן, די ראַמען פון די פענצטער, מען רייסט אַראָפּ דעכער. זיי קוקן אויף קיין זאַך ניט, אַבי אויסלעשן דאָס פייער.

און אַז דאָס פייער איז אַ צוויי־דריי אַלאַרמדיקער איז ערשט פריילעך. דער „טשיף״ שטייט מיט אַ מעגאַפאָן אין האַנט און קאָמאַנדירט מיט די פייער־לעשער ווי אַ קאַפּיטאַן מיט סאָלדאַטן:

— דזשאָן, די גראָבע קישקע!

— מייק, אַ שטאַרקערע וואַסער־פּאָמפּע!

— טאָם, אַ העכערן אויפליייג־לייטער!

— חברה, פיר וואַסער־שטראָמען לינקס!

און שווייגנדיק, פלינק פאָלגן די פייער־לעשער די באַפעלן.

איינמאָל, מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, האָט ראָבערט געזען ווי די פייער־לעשער האָבן באַנוצט אַ רעטונג־נעץ. פיר פייער־לעשער האָבן געהאַלטן דעם נעץ ביי די פיר עקן. אַ מאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דריטן שטאָק. די פייער־לעשער האָבן אים אויפגעכאַפּט ווי אַ גומענעם באַל.

חברה איז געלאָפן צו דער שריפה, פונדערווייטנס האָבן זיי געזען זיילן־רויך קנוילנדיק זיך צום הימל.

— אָט דאָס איז אַ פּייערל! — האָט ראָבערט אויסגערופן מיט פרייד, — ס'וועט זיין וואָס צו זען!

זיי זיינען אָנגעקומען צו דער שריפה. אַ מענגע מענטשן איז געשטאַנען צונויפגעפּרעסט אין איין קנויל און געשריען, געליאַרעמט מיט באַנומענע קולות.

יעדע ווילע האָט זיך דערהערט אַ דומפּער קלאַפּ. עפּעס האָלב־ווייכס האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַספאַלט. מיט יעדן דומפּן קלאַפּ האָט די מענגע מענטשן ווילד אויסגעשריען. ניט אויסגעשריען, נאָר אויסגעיאָמערט. ניט קיין ווערטער האָבן זיך געהערט, נאָר עפּעס אַ לאַנג אויסגעצויגענער „אוי" האָט זיך אַרויסגעריסן פון די הונדערטער מיילער — אַ ווייטיקדיקער אויסגעשריי פון מענטשן, וואָס זעען טויט פאַר די אויגן און זיינען מאַכטלאָז צו העלפן.

— וואָס טוט זיך דאָרטן? — האָט זיך די שייקע געוואונדערט.

— קומט לאָמיר אַרויף אויף אַ דאַך, — האָט סעמי געזאָגט, — פון דאַך וועלן מיר קאָנען אַלץ זען.

— מיר קאָנען זיך דורכקוועטשן צווישן די מענטשן, מיר'ן זיך דורכקוועטשן צווישן זייערע פיס, — האָט ראָבערט געזאָגט.

חברה האָט זיך געלאָזט אויף אַלע פיר.

דער טומל איז געוואָרן גרעסער; קלינגעריי פון נייע פייער־לעשער ווענענער, טרובען פון נאָך אַמבולאַנסן, פייפעריי פון פרישע פּאָליציילייט. אַ געדראַנג, אַ שטיקעניש און איבער אַלץ הערט זיך יעדע פּאָר מינוטן אַ נייער דומפּער קלאַפּ.

די יינגלעך זיינען אַרויסגעקראָכן אויסגעשמירטע, מיט האַלב־צעריסענע קליידער; זיי זיינען געווען צערייצט און געוואָלט שוין אימיצן אָפּטאָן דערפאַר. אָבער נאָר איין קוק אויפן פייער און זיי האָבן פאַרגעסן אָן זיך.

די גאַנצע צען־שטאָקיקע געביידע פון טרייענגל פאַבריק איז געווען איינגעהילט אין רויך. די פייער־לעשער האָבן געגאָסן וואַסער פון אַלע זייטן, אָבער די גומענע קישקעס האָבן דערלאַנגט ניט מער ווי צום זעקסטן שטאָק. די שטראָמען וואַסער האָבן געמאַכט דעם

רויך געדיכטער, און דער קנוילנדיקער שוואַרצער רויך האָט אײַנ־גאַנצן אײַנגעהילט די אויבערשטע שטאָקן. פון מיטן פון דעם רויך האָבן זיך געטראָגן יאָמערדיקע קולות.

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן, צעריסן אויף אַ ווײַלע דעם וואָלקן רויך — און מען האָט דערזען אין די פענצטער יונגע מיידלעך. די האָר צעשויבערט, די קליידער האַלב־צעריסן; מיט אָפענע מײַלער, שטיקנדיק זיך מיטן געדיכטן רויך, האָבן זיך די יונגע פרויען גע־ריסן פון דער געביידע. יעדע פרוי האָט זיך געריסן אַרויסצושפּרינגען פון פענצטער. די פענצטער זײַנען געווען אַזוי אָנגעפּראָפּט, אַז עס איז געווען שווער זיך דורכצורײַסן. ווי אָבער אַ מיידל האָט זיך דורכגעשפּאַרט איז זי אַרויסגעשפּרונגען, און אַ דומפּער קלאַפּ האָט זיך געהערט אויפן אַספאַלט. אָפט זײַנען די מיידלעך געשפּרונגען פּאַרווייז, אָדער זאַלבעדריט. זיי פלעגן אַרומנעמען איינע די אַנדערע און זיך אַרונטערגעוואָרפן.

לעבן דער טרייענגל געביידע איז געווען אַן אַנדער פּאַבריק מיט איין שטאָק העכער. אין שטיקנדיקן רויך האָט זיך, אויפן דאַך, באַ־וויזן אַ גרופּע יונגעלײַט אָנגעפירט פון אַ מיטל־יאָריקן מאַן. ראָ־בערט האָט אויסגעשריען:

— מײַן פּאָטער! פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

דער עולם און די פּײַערלײַט זײַנען געבליבן שטיין פאַרגאַפט. זיי האָבן געזען ווי די גרופּע האָט אַראָפּגעלאָזן אַ לייטער פון דער העכערער געביידע אויף דעם דאַך פון דער טרייענגל־פּאַבריק און גענומען ראַטעווען די מיידלעך. זיי האָבן אויפגעריסן דעם דאַך־פענצטער (סקיי־לײַט) און גענומען אַרויסשלעפּן די אַרבעטאָרנס. איינס, צוויי, דריי, צען, פופצן, צוואַנציק!

די פלאַמען ווערן שטאַרקער און שטאַרקער, די געשרייען שוואַ־כער. דאָס רוב נישט אַרויסגעראַטעוועטע זײַנען שוין דערשטיקט. פון דער רעטער־גרופּע פאַלט אָפּ איינער נאָכן אַנדערן. נאָר צווייען זײַנען געבליבן. און אָט איז שוין נאָר איינער — ראָבערטס פּאָטער. זײַנע קליידער זײַנען האַלב־צעריסן, די האָר פאַרסמאַליעט, דאָס פּנים

פאַרשוואַרצט פון רויך, דאָס מויל אָפן, שוין האַלב פאַרשטיקט. ער נעמט זיך אָן מיט די לעצטע כוחות, פאַרוואַרפט אַן אָרבעטאָרן אויפן אַקסל און הויבט זי אָן טראָגן אויפן לייטער. פייער־לעשער באַווייזן זיך אויפן העכערן דאַך. אָט, אָט וועט מען אים אויפכאַפּן, אָבער דער רויך פון טרייענגל־געביידע איז געדיכט. מען קאָן ראָ־בערטס פאָטער ניט זען. נאָך אַ טרעפּ, נאָך אַ טרעפּ, אָט איז ער אַ גערעטעוועטער! פּלוצלונג אַ קראַך ווי אַ מעכטיקער דונער וואָלט אַ קנאַק געטאָן — דער דאַך איז איינגעפאַלן. אַ וואָלקן רויך ביזן הימל! דער לייטער, ראָבערטס פאָטער, דאָס געהלשטע מיידל זיינען פאַרשוואונדן. דאָס אָפענע פייערדיקע מויל פון דער ברענענדיקער געביידע האָט זיי איינגעשלונגען.

ראָבערט גיט זיך אַ ריס מיט אַ געשריי:

— מאַי דעדי! מאַי דעדי!!!

אַ פּאָליציאַנט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט:

— שאַ, זוני, שטילער.

— מיין פאָטער! מיין פאָטער! — האָט זיך ראָבערט געריסן און געקלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין פּאָליציאַנטס ברוסט, — לאָזט מיך אָפּ. ער ליגט דאָרט און ברענט!

דער פּאָליציאַנט האָט אַ ווישׁ געטאָן מיטן אַרבל די אויגן:

— איך ווייס, זוני, ס'איז אָבער נאָך אַלעמען. דיין טאַטע איז אַ העלד.

— איך וויל ניט קיין העלד. איך וויל מיין פאָטער, — האָט ראָבערט געוויינט.

אַ ווײַלע האָט ער אַזוי שטיל געשלוכצט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטאָן מיט אַלע קרעפטן פון פּאָליציאַנט און זיך געלאָזן לויפן צו דער ברענענדיקער געביידע. אַ פייער־לעשער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פוס און ראָבערט איז אומגעפאַלן. הענט האָבן אים אויפגעכאַפּט, ראָבערט האָט געשריען היסטעריש: „ליוו מי אַלאָן" — לאָזט מיך צורו, לאָזט מיך צורו, איך וויל מיין פאָטער!

אַן אומגליק

אימיצער אין ווייסן האָט אויפגעריסן ראָבערטס אַרבל, דאָס יינגל האָט געפילט אַ שטאָך אין אויבערשטן טייל פון אָרעם. מיט־אַמאָל האָט ער מער ניט געוואָלט וויינען. ער איז געבליבן ליגן שטיל מיט פאַרגלייזטע אויגן. מענטשן יאָמערן, פייער־לעשער שלעפּן קישקעס, פּאָליציילייט פייפן, אַמבולאַנסן לויפן, גלעקער קלינגען. מען טראָגט אים ערגעץ, וואָס טוט זיך מיט אים? וואו איז ער?

***

ווען ראָבערט האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן ביי זיך אין דער היים. די מאַמע איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט. זי איז געזעסן און געקרעכצט. זי איז אפילו ניט צוגעגאַנגען צו ראָבערטן. דאָס יינגל האָט זיך געוואונדערט.

ראָבערט איז שנעל געקומען צו זיך. ער האָט אפילו געקאָנט גיין צו דער לוויה. דער פעטער מאָרים איז געקומען פון אַשאָשעק. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ טרויעריקער, אַ שווייגנדיקער. קאָנטיק, אַז ער האָט געוואָלט עפּעס רעדן מיט ראָבערטס מאַמע, אָבער ער איז אַוועקגעפאָרן שווייגנדיק.

אין הויז איז געווען שטיל און טרויעריק. אסתר האָט אַלץ ניט אויפגעהערט וויינען. דזשעקי און אייבי זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרשוואָלענע אויגן. זיי האָבן אָבער געגעסן, געטרונקען. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי זיך אפילו אָנגעהויבן קריגן צווישן זיך. נאָר די מאַמע איז געזעסן אין זאָקן אויפן בענקעלע און געשוויגן. ניט געוויינט, ניט באַקלאָגט זיך, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, נאָר געזעסן און געשוויגן.

אויפן פינפטן טאָג האָט די מוטער ווי זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף. ראָבערט האָט געלייענט אין די צייטונגען, אַז די יוניאָן אָרגאַניזירט אַ טרויער־מאַרש. אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין מאַרש, דאַרפן זיין אָנגעטאָן אין שוואַרצן. מען וועט מאַרשירן אָן מוזיק

און אַן פּלאַקאַטן. מען וועט ניט האַלטן קיין רעדעס. מען וועט נאָר פאַרביימאַרשירן פאַר דער אָפּגעברענטער געביידע.

און די מאַמע איז ווי מיטאַמאָל צוריק לעבעדיק געוואָרן. זי האָט זיך גענומען גרייטן צו אָט דער גרויסער געשעעניש. פאַר זיך האָט זי גענומען נייען אַ שוואַרץ קלייד, מיט ברייטע פאַלדן, פאַר אסתרן אַ שוואַרץ קלייד מיט קורצע אַרבל, אַ שוואַרץ היטעלע און שוואַרצע שיך און זאָקן. פאַר די ייִנגלעך — שוואַרצע אויבער-העמדער, שוואַרצע שניפּסן און ברייטע שוואַרצע בענדער אויף די אַרבל.

די מאַמע איז געזעסן איינגעבויגן אויפן בענקעלע און גענייט. די קינדער זיינען געווען אין גאַס. נאָר איין ראָבערט איז געווען פאַררוקט אין אַ ווינקל מיט אַ באַרג ציימונגען און אַלץ געלייענט וועגן פייער. ער האָט אַלץ ניט געקאָנט איינגאַנצן פאַרשטיין ווי אַזוי דערלויבט מען זיך איינצושטעלן מענטשלעכע לעבנס צוליב פּראָ-פיטן. און ראָבערטן זיינען געקומען אויפן געדאַנק זיין טאַטנס רייד: „זיי רופן עס פּראָפיט, אין דער אמתן איז עס רויבעריי״. יאָ, נאָר רויבער קאָנען צוליב געלט ניט שאַנעווען אַ מענטשנס לעבן; דער פאַבריקאַנט איז אַ רויבער, ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט די אַרבעטאָרנס לעבנס. אַלע פרימאָרגן, אַזוי דערציילן די לעבן-געבליבענע אַרבעטער, פלעגט דער באַס פאַרשליסן די טיר צו די פייער-לייטערס. דער באַס האָט אַלץ מורא געהאַט טאָמער וועט זיך אַן אַרבעטער אַרויסכאַפּן און פאַררויכערן אַ סיגאַרעט אויפן פייער-לייטער און פאַרשווענדן צייט, טאָמער וועט אַן אַרבעטאָרן זיך אַרויסכאַפּן פון דעם פאַרשטיקטן שאַפּ אויף אַ ווײַלע און כאַפּן פרישע לופט. און אַז דאָס פייער האָט אויסגעבראָכן, זיינען די אַר-בעטער געבליבן ווי מייז אין אַ פּאַסטקע. דער ליפט (עלעווייטאָר) פון דער געביידע האָט אַלעמען ניט געקאָנט אַראָפּפירן שנעל גענוג. די טרעפּ זיינען געווען פון האָלץ און זיינען באַלד אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען און די טירן צו די פייער-לייטערס זיינען געווען פאַרשלאָסן.

אַן אומגליק

ראָבערט זיצט אין האַלב-פינצטערן ווינקל און טראַכט: דער טאַטע איז געווען גערעכט, אַ סיסטעם, וואָס עקזיסטירט אויף יע־נעמס אומגליק, טויג ניט. זי מוז אומקומען.

די מאַמע איז געזעסן און געניייט. פון גאַס האָט זיך געהערט אַ זינגערס שטים. ער האָט געזונגען מאָרים ראָזענפעלדס ליד: „פייער". אַ ליד, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט ספּעציעל אָנגעשריבן וועגן דעם טרייענגל-פייער:

„ניט זינגט פון חופות, הערט! אַ רעש,
„אַ וויי, אַ קלאָג פאַרטומלט אַלעס,
„חתנים זוכן אום אין אַש
„מיט יאָמער, זייערע טויטע כלות.
„דער קלעזמער שווייגט. ס׳פאָרן צוריק
„די פייער-וואָגנס — אַלץ פאַרלאָרן,
„פאַרברענט די בלוטיקע פאַבריק
„צעשטערט אַ ים מיט יונגע יאָרן".

די מאַמע שלוכצט שטיל, און דאָס קול טראָגט זיך העכער, טרויעריקער:

„וואָס זוכט די בלינדע גערעכטיקייט?
„זי וויל די שולדיקע געפינען?
„דאָס איז די שולד פון אונדזער צייט
„וואָס האָט נאָר רויב און מאָרד אין זינען.

די מאַמע האָט זיך צעוויינט היסטעריש, און ראָבערט האָט פאַרמאַכט די פענצטער מיט אַ קלאַפּ.

**

אין דעם טאָג פון מאַרש האָט גערעגנט. דער רעגן האָט צוגעגעבן דעם מאַרש נאָך אַ טרויעריקערן און נאָך אַ שרעקלעכערן אויסזען.

אכט אין אַ ריי, אַכט אין אַ ריי זיינען זיי געגאַנגען. אָן פּלאַקאַטן, אָן מוזיק, פרויען, קינדער, מענער — אַלע אין שוואַרצן, אַלע אויס־געווייקט פון רעגן. די מאַרשירנדיקע מאַסע האָט אויסגעזען ווי אַ מחנה גייסטער, וואָס זיינען אַרויס פון זייער געהיימער באַהעל־טעניש און געשראָקן און געוואָרנט די וועלט, אַז אַזאַ פּאַסירונג ווי דער טרייענגל־פייער ווערט ניט פאַרגעסן. עס איז דאָ אַ האַנט, וואָס פאַרשרייבט, ס'איז דאָ אַ דערמאָנער!

ראָבערטס פאַמיליע האָט מאַרשירט מיט דער גרופּע פון קרובים, געליטענע און געראַטעוועטע פון פייער. ווען די גרופּע האָט זיך דערנענטערט צו דער גאַס, וואו די שריפה איז געווען, און דער שוואַרצער פאַרויכערטער סקעלעט פון דער טרייענגל־געביידע איז אַנטפּלעקט געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ יאָמער. איבערן יאָמער האָט זיך געהויבן אַ שטים — קאַנטיק פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געווען אַ חזן אין דער אַלטער היים. די שטים האָט אויסגעזונגען מיט אַ וויינענדיקן ניגון, ווערטער פון איכה — די קלאָג־לידער וואָס אידן זינגען אום תשעה באב:

„אויף אָט די ווין איך,
„מיינע אויגן גיסן טרערן".

דער יאָמער האָט זיך פאַרשטאַרקט — אַ קלאָג פון פאַרוויסטיקטע הערצער, וואָס באַוויינען די יונגע לעבנס, וואָס זיינען אַזוי פרי פאַרשניטן געוואָרן און אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, צוליב דער זשעדנעקייט פון מענטשן, צוליב דער הילפלאָזיקייט פון די אַרבעטער.

ווען די מאַסע האָט פאַרבייגעמאַרשירט די געביידע, האָבן פויסטן זיך אַ הויב געטאָן און אויסגעשרייען האָבן זיך געהערט:

— אומגעקומענע! מיר וועלן ניט פאַרגעסן!

— אומגעקומענע! מיר וועלן געפינען גערעכטיקייט!

— אומזיסט, אומגעקומענע, וועט ניט זיין אייער טויט!

און דער רעגן גיסט, דער הימל איז גרוי, דער ווינט איז עסיק; רויטע פאַרוויינטע אויגן. נאַסע באַקן, טויזנטער וויינענדיקע פּנימער קוקן אַרויס דורך די פענצטער פון אַרומיקע הייזער.

זעקס שטונדן האָט געדויערט דער מאַרש, און ראָבערטס פּאַמיליע האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג. זיי זיינען געקומען אַהיים דורכגעווייקטע, דורכגעפראָרענע. די מאַמע האָט געזען, אַז די קינדער זאָלן זיך איבערטאָן, זי האָט זיי געגעבן הייסע טיי מיט לימענע, עס זאָל זיי גוט דורכוואַרעמען, און זיי אַריינגעלייגט אין בעט, כאָטש עס האָט ערשט אָנגעהויבן טונקלען. אַליין איז זי געבליבן זיצן אַ צעבראָכענע אין קיך. דאָס קליינע גאַז־פלעמל האָט זיך געטונקלט און זי איז געזעסן אויפן בענקל אַ פאַרלאָרענע, און שטיל געוויינט אין זיך.

לאַנג איז זי אַזוי געזעסן. אַרום האַלבע נאַכט האָט איר מיטאַמאָל אָנגעהויבן וואַרפן אין קעלט און אין היץ. זי האָט זיך אַרומגעזען אַז די קליידער זיינען אויף איר נאַס. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אָנגעהויבן זיך אויסטאָן, לייגן שלאָפן. זי האָט זיך אָבער געפילט אַזוי מיד און צעבראָכן און קאַלט, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט אויסטאָן. זי האָט אַראָפּגעצויגן די שיך, פאַמעלעך זיך צוגעשלעפּט צום בעט, און ווי זי שטייט און גייט — זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם ניט־פאַרבעטן געלעגער.

די נאַכט איז זי ניט געשלאָפן. ס'האָבן איר געבראָכן אַלע גלידער. אינדערפרי האָט זי זיך ניט געקאָנט אויפהויבן פון בעט. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר, ער האָט אונטערגעזוכט און דערקלערט, אַז זי האָט לונגען־אָנצינדונג. ביידע לונגען זיינען אָנגערירט. דאָס בעסטע וואָלט געווען זי צונעמען אין אַ שפּיטאָל. מען האָט אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנס, און מען האָט זי צוגענומען אין אַ שפּיטאָל. דריי טעג שפּעטער איז זי געשטאָרבן.

די קינדער זיינען געבליבן ווי אויפן וואַסער. מען האָט געלאָזט וויסן דער יוניאָן. די יוניאָן האָט געזאַמלט אַ פאָנד פאַר די וואָס האָבן געליטן פון פייער, האָט זי באַלד אַריינגעשיקט עסן, קליידער, באַצאָלט דירה־געלט. אָבער מען קאָן דאָך ניט לאָזן קינדער אויף הפקר. מען דאַרף זיי באַזאָרגן מיט אַ היים. האָט די יוניאָן באַשטימט אַריינצוגעבן סעמין, אסתרן און ראָבערטן אין אַ יתומים־אַנשטאַלט.

אין טומל האָבן די קינדער פאַרגעסן אָן דעם אָנקל.

ראָבערטן איז ניט געפעלן געוואָרן די מעשה מיט דעם יתומים-הויז. פאַר אים איז עס ניט קיין פּלאַן. שטענדיק זיין אונטער אויפזיכט, גיין אָנגעטאָן אין אַ פאָרמע ווי אַ סאָלדאַט אָדער ווי אַן אַרעסטאַנט איז ניט אַזוי גוט. ער געדעקנט, ווי ער איז אַמאָל געווען אין קאָני איילאַנד, ער האָט געזען ווי די יתומים-קינדער שפּילן זיך אויפן הויף פון זייער היים, און ער האָט אויף זיי שטאַרק רחמנות געהאַט; ווייטער פון פּלויט האָבן זיי ניט געקאָנט גיין, אַן אויפּפּאַסער איז געשטאַנען ביי דער זייט. אַלע קינדער זיינען געווען אָנגעטאָן אין אַ פאָרמע. זיי האָבן געשפּילט באָל, אָבער שטיל אָן געלעכטער, אָן אויסגעשרייען. דאָס ערגסטע איז געווען וואָס יעדער פאַרבייגייער האָט געשמועסט מיט די ליפּן: „אָרימע קינדער, נעבעך, אומגליקלעכע יתומימלעך". אויך ער האָט אויף זיי דאַן רחמנות געהאַט. איצט וועט מען אויף אים אויך שמועסן מיט די ליפּן. ניין, ער וויל ניט מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן. ער מוז זיך אַרויסדרייען פון דעם יתומים-אַנשטאַלט.

ווי אַזוי?

ראָבערט האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פעטער פון אַשאָשעק. דער פעטער האָט דאָך אים אַלעמאָל געוואָלט האָבן ביי זיך. יאָ, ער וועט אַוועקפאָרן צום פעטער.

אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

שאַ, ער האָט אַ מיטל: „די הילף-געזעלשאַפט פאַר רייזנדיקע".

אַ טאָג איידער מען האָט געזאָלט די קינדער צונעמען אין אַ יתומים-הויז, האָט ראָבערט שטילערהייט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן אין אַ גרויסן שטיק פּאַפּיר, גענומען דעם פעטערס אַ קאָנווערט אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן: „מאָרים גינגאָלד, ריטעיל גראָסערים, אַשאָשעק, פּענסילווייניע", און איז אַוועק צו דער באַן-סטאַנציע „גרענד סענטראַל".

אַן אומגליק

אין קעשענע האָט נאָך ראָבערט געהאַט די פינף דאָלאַר וואָס זיין פעטער האָט אים געגעבן. גייענדיק צו דער באַן-סטאַנציע, האָט זיך ראָבערט אַלץ איבערגעלייגט צי ער זאָל צוגיין צום בילעט-פאַרקויפער און בעטן אַ בילעט קיין אַשאַשעק, אָדער ער זאָל צוגיין פריער צום אויפזעער פון „דער הילף-געזעלשאַפט פאַר רייזנדיקע".

ער וועט בעסער צוגיין פריער צו דער הילף-געזעלשאַפט, האָט ראָבערט באַשטימט. ווער ווייסט וויפל עס קאָסט אַ בילעט קיין אַשאַשעק. דער בילעט-פאַרקויפער קאָן אים נאָך פאַרהאַלטן און ס'וועט ווערן אַ טומל.

אָבער וואָס פאַר אַ תירוץ וועט ער זאָגן דעם אויפפאַסער פון דער געזעלשאַפט, אויב יענער וועט אים פרעגן פאַרוואָס פאָרט אַזאַ קליין ייִנגל איינער אַליין? טאַקע שלעכט. אָבער פאַרפאַלן, ער וועט עפּעס מוזן צוטראַכטן, וועט זיך אים ניט איינגעבן איז ניט געפידלט. מען פירט גאָרנישט ניט אוים, אויב מען וואַגט ניט.

אריינקומענדיק אין „גרענד סענטראַל" האָט ראָבערט באַלד אויפגעזוכט דעם פלאַץ פון דער הילפס-געזעלשאַפט. ער איז צוגענאַנגען און געפרעגט דאָס מיידל:

— דאָס איז די „די הילף-געזעלשאַפט פאַר רייזנדיקע?"

— יאָ, וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר?

— איך וויל פאָרן קיין אַשאַשעק צו מיין פעטער מאָרים גינגאָלד. אָט איז זיין אַדרעס, האָט ראָבערט געזאָגט.

— וואָס הייסט, דו ווילסט פאָרן? וואָס וועט דיין טאַטע און מאַמע זאָגן?

— זיי וועלן גאָרנישט ניט זאָגן. קיין וואָרט ניט, — האָט ראָבערט געענטפערט, — זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן. זיי וועלן זיין צופרידן. און אָט האָב איך פינף דאָלאַר, וואָס דער פעטער האָט מיר געלאָזן. קויפט מיר אַ בילעט.

— איך קאָן עס ניט טאָן, — האָט דאָס מיידל געזאָגט, — איך מוז לאָזן וויסן דער פּאָליציי. זיי וועלן דיך נעמען אויף אַ טאָג צוויי אין דער „קינדער-געזעלשאַפט". אויב עס וועט זיך אַרויסצייגן,

אַז דאָס וואָס דו זאָגסט איז אמת, וועלן מיר דיך אָפּשיקן קיין שאַשאַקין.

— אַ שיינע מעשה, — האָט ראָבערט געענטפערט, מיך אַרעס־טירן גאָר! פאַרוואָס?

— ניט אַרעסטירן, נאָר דו וועסט דאָרטן זיין אַ טאָג־צוויי.

— וועל איך קאָנען גיין וואוהין איך וויל?

— ניין, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— רוף איך דאָס אַרעסטירן, — האָט ראָבערט געהאַלטן זיך ביי זיינס, — וואָלט איר געוואָלט, מען זאָל אייך אַרעסטירן אָן אַ פאַרוואָס?

— אוודאי ניט, — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— איז פאַרוואָס, אַז איך קום אייך בעטן אַ געפעליקייט, ווילט איר מיך אַרעסטירן?

— דו ביסט אַ בראַווער יינגל, — האָט דאָס מיידל געשמייכלט, — שוועך זיך אויסצוטענהן מיט דיר. דו ביסט מיר געפעלן. אָט וועל איך דיר זאָגן, וואָס איך וועל טאָן, גיב אַהער די פינף דאָלאַר, איך וועל שיקן אַ טעלעגראַמע דיין פעטער. דערווייל זיי ביי מיר דאָ. וועט דיין פעטער ענטפערן, אַז ער ריכט זיך אויף דיר, זעץ איך דיך אַריין אין דעם מיט־נאַכטיקן צוג. ענטפערט ער ניט, גיב איך דיך איבער צו דער פאָליציי.

— גוט, — האָט ראָבערט צוגעשטימט.

צוויי שטונדן שפּעטער האָט מען דערלאַנגט דעם מיידל אַ טע־לעגראַמע פון אָנקל מאָרים.

דאָס מיידל האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע און געזאָגט צו ראָבערטן:

— דיין אָנקל שרייבט, אַז ער וואַרט אויף דיר מיט אומגעדולד. דו ווייסט יינגל, איך בין צופרידן. איך בין צופרידן וואָס דו האָסט מיר דערציילט דעם אמת. איך האָב טאַקע באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַ פיין יינגל ווי דו וועט ניט אָפּנאַרן, דאָך האָב איך זיך געשראָקן, אפשר זאָגסטו פאָרט ליגן.

אַן אומגליק

— אַ דאַנק פאַר אייער מי, — האָט ראָבערט געזאָגט.

— אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק, — האָט דאָס מיידל זיך שפּאַסיק פאַרנויגט, — איצט, זוני, קום, איך וועל דיך באַזאָרגן מיט אַ בילעט.

פאַרן אַוועקפאָרן האָבן זיי זיך האַרציק געזעגנט. ראָבערט איז אָפּגעפאָרן מיט דעם מיט-נאַכטיקן צוג.

צווייטער טייל



נאטע קאזלאווסקי

קאַפּיטל איינס

אַ נייע היים

דער מיטנאַכטיקער צוג איז געווען ליידיק, ווען ניט ווען האָט זיך דורך די פענצטער באַוויזן אַ פייערל, זיך אַ טוק געטאָן און פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט. דאָס פענצטער איז געבליבן בלינד און שוואַרץ און ראָבערט האָט געזען נאָר די אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענעם געזיכט.

ס'האָט געשמאַק גערעגנט. די פּאַסן רעגן האָבן געשווענקט די פענצטער און געקלאַפּט אין די שויבן.

דער רויש פון רעגן, דאָס וויגן זיך פון צוג און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער האָבן ראָבערטן פאַרשלעפערט. ער האָט געדרעמלט, און האַלב-וואַכיק האָט ער געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן פענצטער. אים האָט זיך געדוכט אַז אַ חוץ זיין אייגן געזיכט זעט ער נאָך געשטאַלטן אין דער גלאַנציקער שויב. ער האָט געזען סעמין, מייקלען, אסתרן און אָט איז דער טאַטע און די מאַמע.

ראָבערט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אַ רייב געטאָן די אויגן און אָפּגעווישט דעם שלאָף. די געשטאַלטן זיינען אַנטרונען. ראָבערט האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ מיטליאַריקער מאַן זיצט אַנגעלענט אויפן ווייכן זיץ-פּלאַץ, זיין פּנים איז צוגעדעקט מיט אַ צייטונג און ער כראָפּעט געשמאַקט. אַ יונג מיידל זיצט צוגעפּרעסט מיט דעם פּנים צו אַ שויב. אַ מאַן לייענט אַ דעטעקטיוו-בוך און קייט גומי שנעל, ווי ער וואָלט מיטגעאַרבעט מיט די העלדן פון די מעשות. ס'איז שטיל אין וואַגאָן.

ראָבערט האָט ווידער איינגעדרעמלט. די געשטאַלטן האָבן זיך נאָכאַמאָל באַוויזן אין פענצטער, זיי האָבן אפילו אנגעהויבן רעדן.

„זאָלן זיי רעדן", האָט ראָבערט געמורמלט צו זיך, „איך בין צו שלעפעריק אויסרייבן די אויגן".

די ערשטע האָט גערעדט אסתר. גערעדט און איינגעטענהט מיט די הענט:

— דו ביסט אַנטלאָפן און אונדז איבערגעלאָזן. דיך אַרט ניט וואָס מיט אונדז וועט געשען. סעמי און איך וועלן דאַרפן גיין אין אַ יתומים-הויז און דו האָסט זיך אַרויסגעדרייט אָן אַ זיי געזונט.

באַלד האָבן זיך צערעדט מייקל און סעמי. ווי אַלעמאָל, האָבן זיי גערעדט ביידע מיטאַמאָל. מייקל האָט געזייט די ווערטער דורך אַ ווינקל פון מויל און סעמי האָט גערעדט און געשפּיגן און געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס:

—יו אַר איי העל אָוו איי פרענד" (דו ביסט שוין איינמאָל אַ פריינט) אַנטלאָפן אָן אַ זיי געזונט, אונדז האָסטו דאָך געמעגט דער־ציילן, אַז דו ווילסט אַנטלויפן. מיר וואָלטן דיר דאָך געהאָלפן. אמתע פריינט ווייזן וואָס זיי קאָנען אין אַ שלעכטער צייט.

און אָט איז די מאַמע. זי איז אָנגעטאָן אין שוואַרצן אַזוי ווי זי איז געווען אָנגעטאָן צום פּראָטעסט-מאַרש. זי רעדט שטיל: „אַוועקגעפלויגן מיין קליין אָרים פייגעלע. אַליין אין דער גרויסער פרעמדער וועלט. אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען. ווער וועט אויף דיר אַכטונג געבן, קינדעלע מיינס?"

פאַרוואָס ווײנט ניט די מאַמע — וואונדערט ער זיך. אַ מאַמע דאַרף וויינען. ס'וואָלט גרינגער געווען ווען זי וויינט. ער וואָלט געזאָגט מיט צאָרן: „לאָז מיך צורו, וואָס מיינסטו, בין איך — אַן עופעלע?"

און אָט איז דער טאַטע. ער שמייכלט גאָר. ער קוקט מיט ליבשאַפט און רעדט שטיל: „ראָבערט, איך בין שטאָלץ מיט דיר. יעדער מענטש דאַרף העלפן זיך אַליין. מען דאַרף זיך ניט פאַרלירן ווען מען איז אין אַ קלעם. מען דאַרף זען זיך אַרויסצודרייען. און דו האָסט זיך אַרויסגעדרייט. פרייט עס מיך".

באַלד מישן זיך צונויף אַלע געזיכטער צוזאַמען. אַלע רעדן עפּעס צוזאַמען. עס הערט זיך אַ קלאַפּעריי פון „על". אַ טומל, אַ לאַנגער פּייף, אַ גרילץ.

ראָבערט האָט זיך אויפגעכאַפּט. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ טרייסל. די צוויי מענער זיינען אַראָפּגעשטיגן, נאָר דאָס מיידל איז געבליבן אין וואַגאָן.

דער צוג האָט זיך געלאָזן אין וועג. ס'איז שטיל אין וואַגאָן און די שטילקייט האָט געפּרעסט דערשטיקט צו ווערן. ראָבערטן איז געוואָרן אומהיימלעך, אים האָט זיך געוואָלט וויינען. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן דעם טאַטנס ערשטן געשפּרעך. אָט הערט ער ווי דער טאַטע רעדט:

— און אַ יינגל בין איך געווען אַ שטאָלצער. איך האָב פּיינט געהאַט אימיצער זאָל זען מיינע טרערן. האָב איך פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

ראָבערט האָט זיך איינגעביסן מיט די אויבערשטע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ.

***

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק. ער האָט דערזען, אַז ער איז צוגעדעקט מיט דעם מיידלס מאַנטל. ער האָט שעמעוודיק אַראָפּגעשאַרט דעם מאַנטל. דאָס מיידל האָט געשמייכלט.

ראָבערט איז רויט געוואָרן. ער האָט געוואָלט באַהאַלטן זיך. וואו אָבער? האָט ער צוגעפּרעסט דאָס געזיכט צו דער שויב און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די זון איז אויפגעגאַנגען. פונדערווייטנס האָט מען געזען די וואַטשונג-בערג. פון ביידע זייטן וואַגאָן האָבן זיך געהויבן בערג-קייטן, באַדעקט מיט דינעביימלעך. צווישן די ביימלעך האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפן אַ בעריאָזע, וואָס האָט געבלאַנקט מיט איר ווייסקייט אין דער ברוינקייט פון די דינע שטאַמען. אויף

די בערג-רוקנס און די טאָלן איז די ערד געווען צעאַקערט, דער צעאַקערטער באָדן האָט אויסגעקוקט, דורך די באַן-פענצטער, ווי דאָס ברעט פון אַ דאָמינע.

ראָבערט האָט קיינמאָל ניט געזען אַזאַ רחבות, אַזאַ שיינקייט. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שנעל פון גרוים פרייד, און ער האָט אָפּגע־קערט דאָס פּנים פון פענצטער און געשמייכלט צו דעם מיידל.

דאָס מיידל האָט פריינטלעך געזאָגט:

— אַ יאָ שיין?

— או־הו, — האָט ראָבערט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צום ערשטן מאָל אין די וואַשינגטאָן-בערג?

— יאָ, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— אַ שאָד וואָס דו האָסט ניט געזען דעם דעלאַווער וואַסער־ברוך. ס'איז די שענסטע נאַטור-דערשיינונג, וואָס די מזרח-שטאַטן פאַרמאָגן. דער דעלאַווער לויפט דאָרט צווישן צוויי הויכע בערג. די בערג זיינען אַזוי נאָענט איינע צו די אַנדערע, אַז עס דוכט זיך אַז ווען אימיצער צעשפּרייט זיינע הענט קאָן ער די בערג-שפּיצן אָנרירן מיט זיינע פינגער. באַלד אָבער ווי דער דעלאַווער גייט אַרויס פון צווישן די בערג, צעברעכן זיך די וואַסערן אויף צווייען. אינמיטן איז אַן אינדזל אַ מייל די לענג, אַן אינדזל מיט קוסטעס אוןביימער.

— ווען זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן דעם דעלאַווער וואַסער־פאַל? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— פאַרטאָג, — האָט דאָס מיידל געענטפערט, — ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דו פאָרסט צום ערשטן מאָל אויף דער ליניע, וואָלט איך דיך אויפגעוועקט.

— אַ דאַנק פאַרן מאַנטל, — האָט ראָבערט געזאָגט, — ווילנדיק ענדיקן דעם געשפּרעך.

— אָ, ס'איז גאָרניט, — האָט דאָס מיידל געענטפערט און אַנטשוויגן געוואָרן.

ראָבערט האָט זיך ווייטער איינגעגעסן מיט די אויגן אין פענצ־טער. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן דרויסן.

די זון איז געשטאַנען הויך. די בערג זיינען געווען איינגעוויקלט ווי אין אַ בלויען שלייער — דאָס האָט זיך דער טוי אויסגעדאַמפּט. די טאָלן זיינען געווען אָנגעפּילט מיט ליכט, מיט העלקייט און גרינקייט. ראָבערט האָט איינגעאָטעמט די לופט און אים האָט זיך געדוכט, אַז די פרישקייט פון די בערג, טאָלן, און פעלדער שפּאַרט זיך דורך די מעטאַלענע ווענט פון וואַגאָן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז אַנטלאָפן. ווער וואָלט עס געוואָלט זיין פאַרשפּאַרט, אין אַזאַ פרימאָרגן, אין אַ יתומים־הויז?

***

אויף דער סטאַנציע אַשאָשעק האָט דער פעטער געוואַרט. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ בייז פּנים און ביי זיך באַשטימט געבן דעם יינגל אַ גאָב. וואָס הייסט אַ קינד נעמט און לאָזט זיך אין וועג אַריין איינער אַליין?

אָבער ווי ער האָט דערזען ראָבערטן האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך צעשמייכלט און זיך צעקושט מיטן יינגל. באַלד האָט זיך אָבער דער פעטער דערמאָנט אָן זיין באַשלוס, האָט ער זיך אָנגעכמורעט און אַרויסגעברומט:

— איך האָב דיך אַ סך פראַגעס צו פרעגן. ביסט דאָך אָבער מיד, ניט אויסגעשלאָפן און הונגעריק וועלן מיר עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. קריך אַריין אין מאַשין.

ראָבערט האָט געזען די געמאַכטע בייזקייט און געשמייכלט אין זיך:

— מיך, פעטערל, קאָנסטו ניט נאַרן. ביסט צופרידן וואָס איך בין געקומען.

די מאַשין האָט זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון אַשאָשעק. ראָ־בערט האָט זיך ניט געקאָנט גענוג אָנקוקן. ווי אַנדערש ס'איז דאָ פון ניו יאָרק. די הייזער זיינען קליינע און ברודיקע, יעדעס הויז האָט

אַ גרויסע וועראַנדע, מענטשן זיצן אויף שאָקל-שטולן און וויגן זיך. דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט בערג, וואַלד, דעם סעסקעוואַנע טייך און קוילן-שאַכטעס. אָט זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ גאַס און אַ שאַכטע איז פּלוצלונג ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד. די געביידע פון דער שאַכטע שטייט הויך איבערן באָדן. אַרום און אַרום קופּעס דינע קוילן. אויף פיר הויכע קלעצער שטייט די שאַכטע. פונדערווייטנס קוקט זי אויס ווי אַ גרויסע פיר-פיסיקע חיה מיט אַ ברייטן קרומען קערפּער, וואָס האָט אָנגעטאָן אויף זיך אַ הויכן קוימען, וואָס שפּאַרט מיט רויך.

דער אויטאָמאָביל איז געקומען צום צענטער פון שטאָט, די גאַסן זיינען געוואָרן ברייטער, שענער. אָט זיינען זיי אין „מעין-סטריט" — די הויפּט-גאַס פון שטעטל. אַ ברייטע, ריינע, גלאַט-אויסגעפּלאַסטערטע גאַס. הויכע געביידעס, גרויסע, שיינע שוי-פענצ-טער. אַ באַנק, אַ קינאָמאַטאָגראַף, אַן אַפּטייק, אַ דעפּאַרטמענט-קראָם און אַ געריכט-הויז.

זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן לינקס. ווידער שמאָלע געסלעך און איינשטאָקיקע הייזלעך, אָפּגעלאָזענע, ברודיקע, מיט קוילן-שטויב באַדעקט. זיי זיינען אַריבערגעפאָרן אַ בריק, אַריינגעדרייט זיך אין אַ שמאָל געסל און געבליבן שטיין לעבן אַן איין שטאָקיק געמויערט הייזל.

— אַרויס, מיר זיינען אין דער היים.

פון געוועלבל איז אַרויסגעגאַנגען אַ מיטליאָריקער מאַן, ריין געראַזירט, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע שיטערע האָר, מיט אַ ליולקע אין מויל. ער האָט שטום גענומען ראָבערטס פּעקל און זיך געלאָזן אין הויז.

— דו זייַ אין געוועלב, אָלסאָן, — האָט ראָבערט אָנקל גע-זאָגט, — איך האָב נאָך ניט געגעסן קיין פרישטיק.

— דער פרישטיק שטייט אויפן טיש, — האָט אָלסאָן געענטפערט.

— אַ דאַנק. די קראָם איז אַליין, אָלסאָן.

— ווער איז דער אָלסאָן? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— וועסט זיך נאָך מיט אים באַקאַנען. גיי וואַש זיך איין און לאָמיר זיך זעצן עסן, — האָט דער פעטער געענטפערט.

זיי האָבן געגעסן אין קיך. אַ גראַמער צימער מיט פיר גרויסע פענצטער. ראָבערט איז געזעסן אַנטקעגן אַ פענצטער און אַרויס־געקוקט אין דרויסן. ער האָט געזען דורך דעם פענצטער ליידיקן באָדן, ניט באַוואָקסן, אַ רויטלעכע ליימיקע ערד, צו לינקס אַ בערגל, אויפן בערגל אַ הויכע געביידע אינגאַנצן פון פענצטער. איבערן דאַך אַ גרויסע שילד — אשאשאק טוך קאָמפּאַניע. הינטער דער פאַבריק אַ טאָל. פונדערווייטנס האָט מען געזען ווי ס׳שלענגלט זיך דער טייך סעסקאַוואַנע. אויף יענער זייט טייך האָבן זיך אויפגעהויבן די וואַטשונג־בערג, באַוואָקסן מיט קוסטעס אוןביימער.

ראָבערט האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער און געגעסן מעכאַניש.

דער פעטער האָט קאָנטיק שוין איבערגעכאַפּט דעם הונגער. ער האָט געטרונקען קאָפע, געגרויכערט און געקוקט אויף ראָבערטן.

— זע נאָר, בחור, — האָט ער געפּיפּקעט און גערעדט, — וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט אויף נעכטיקע טעג און פליענדיקע פיי־געלעך? וועסט דאָך באַלד פאַרקריכן מיטן לעפל צום נאָז. עס שנעלער, איך וויל מיט דיר רעדן.

— איך בין שוין ניט הונגעריק, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— ביסט אַ קליינער עסער. נו, טאָ זאָג מיר נאָר, שיינער בחור, ווי נעמסטו עס און אַנטלויפסט פון דער היים? איצט נאָך, נאָך אַזאַ אומגליק, וואָס וועט די מאַמע זאָגן?

— די מאַמע? — האָט ראָבערט געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, די מאַמע.

— די מאַמע איז דאָך נאָך מיט אַ וואָך צוריק געשטאָרבן.

— די מאַמע געשטאָרבן? וואָס רעדסטו? איך האָב דאָך נאָר וואָס זי געלאָזן אַ געזונטע אין ניו יאָרק.

— שוין צען טעג טויט. פאַרקילט זיך און געשטאָרבן.

דער פעטער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין הין און צוריק און גערעדט אויפגערעגט:

— וואָס הייסט געשטאָרבן? פאַרוואָס האָט מען מיר נישט געלאָזט וויסן, און וואו זיינען אסתּר און סעמי און ברוך?

— מען האָט, ווי עס ווייזט אויס, אין טומל, גאָר אינגאַנצן פאַר־געסן אָן אייך.

— יאָ, ס׳קוקט אויס אַזוי. דערציייל מיט אַ טאָלק.

ראָבערט האָט דערציילט.

דער פעטער איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, זיך צוגעהערט און נישט איבערגעשלאָגן דעם יינגלס רייד. אַז ראָבערט האָט געענדיקט, האָט זיך דער פעטער אויפגעהויבן, אַ רייב געטאָן מיט דער האַנט דעם שטערן, ווי איינער, וואָס האָט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, צוריק אַריינגענומען די קאַלטע ליולקע אין מויל און אַרויסגערעדט:

— אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע — און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ ווײַלע שפּעטער איז אַריין אַלסאָן.

— סעי, יונגער ביקל, וואָס האָסטו דאָרטן אָנדערציילט מיסטער גינגאָלדן. ער קוקט דאָך אויס ווי אימיצער וואָלט אים אַריינגעגאָסן אַ גאַנצע קוואָרט שנאַפּס גלייך אין קאָפּ אַריין.

— גאָרנישט.

— גאָרנישט איז גאָרנישט. מיסטער גינגאָלד האָט מיר אויך געגעבן דעם זעלביקן ענטפער און ביידע קוקט איר אויס ווי זויערע אוגערקעס. ס׳ווייזט אויס, אַ משפּחה אַזאַ, איינגעגעסענע, פאַרביסענע. קיינער קאָן פון זיי גאָרנישט נישט אַרויסקריגן. אָט ווי הינט בייסן זיך איין אין אַ ביין.

— איך וועל דיר באַלד געבן הינט, — האָט ראָבערט זיך אָנגע־צונדן, — וועמען האָסטו גערופן הינט? ווער ביסטו עס? וואָס איז עס דיין עסק?

— או, — האָט אַלסאָן אַ פייף געטאָן, — אַ גרימצאָרן! יאָ, טאַקע איינער פון דער זעלביקער פאַמיליע. גינגאָלד ווערט אויך אַזוי, נישט מיר, נישט דיר, אין כעס. אָבער שטעל נישט אַזויפיל פראַגן מיט־אַמאָל. וואָס מיינסטו, איך האָב אַ קאָפּ פון אַ גינגאָלד? דו איצט

העלף בעסער צעוואַשן דאָס געשיר. פּאַרשטייסטו, ס'איז אַ הויז אָן ווייבער, דאַרפן די מענער טאָן די ווייבערישע אַרבעט.

— דו ביסט אַ טשיקאַווער, — האָט ראָבערט געזאָגט, — דו געפעלסט מיר.

— דו מיר אויך. ווי רופט מען דיך? ראָבערט?

— יאָ, ראָבערט. רוף מיך באָב.

— זאָל זיין באָב. און דו רוף מיך אַל. איצט קום לאָמיר אָנהייבן. — פּאַרשטייסטו, באָב, — האָט אַלסאָן גערעדט, — געשיר זיינען טאַקע געדולדיק, קאָנען ליגן זיך אַזוי שמוציק גאַנצע טעג און עס אַרט זיי ניט. אָבער בעסער איז, אַז מען צעוואַשט זיי. מען קאָן דאַן טראַכטן פון אַן אַנדער מאָלצייט. פּאַרשטייסט, ווי לאַנג געשיר ליגט שמוציק, ווילט זיך ניט קאָכן, און, זע, איך האָב פאַר דיר אַ ווייבערשן פאַרטוך. קרים זיך ניט. איך טראָג אויך אַזאַ פאַרטוך. און איצט, וועל איך וואַשן און דו וועסט ווישן. און געדענק! דו טאָרסט ניט צעברעכן מער ווי איין טעלער אַ וואָך. דו מעגסט די טעלער צעברעכן ווען דו ווילסט, אָנהויב וואָך אָדער סוף וואָך. איך האָב ליב צו צעברעכן מיינע טעלער אויף איין מאָל, איך קלייב זיי אָן. איך היט זיך. שפּאָר אָפּ גאַנצע פופציק טעלער. דערנאָך אויפן סוף יאָר שיכור איך זיך אָן און נעם מיין קרעדענץ טעלער און באַץ! אַלע אויף איין מאָל.

ראָבערט האָט זיך צעלאַכט.

— אָ, איצט, אַז דו לאַכסט, ביסטו מיר נאָך מער געפעלן, — האָט אַלסאָן געזאָגט, — איך האָב פיינט זויערע פּנימער, זעסטו? אָט זיינען מיר פאַרטיק. קום לאָמיר באַקוקן די שטאָט.

קאַפּיטל צוויי

אַ נייער חבר — דזשימי

ראָבערט האָט געבענקט נאָך ניו יאָרק. ער האָט זיך געפילט עלנט. גאַנץ אָפט איז ער געזעסן אַליין לעבן פענצטער, אַרויסגעקוקט אויפן ניט-פאַרבויטן באָדן און געחלומט. געחלומט מיט אָפענע אויגן. ניט זעלטן פלעגט ער רעדן צו זיך אַליין. נאָך אָפטער געקוקט אויפן הימל, געזען אַ וואָלקן שווימען און געטראַכט: דער ווינט טרייבט דעם וואָלקן, דער וואָלקן לויפט, באַלד וועט ער זיין אין ניו יאָרק. ס'קאָן זיין אַז דער וואָלקן וועט פאַרביישווימען עלן סטריט, און אפשר וועט סעמי אָדער דזשאָן אַ קוק טאָן אַרויף-צו צום הימל און זען דעם זעלביקן וואָלקן. וואָס טוט איצט די שייקע? שפּילן זיי מירמעלעך? אָדער זיצן זיי אַרום פייער אויף אַליידיקן „לאָט" און באַקן קאַרטאָפל? אָדער אפשר שפּילן זיי באָל? אָך, ער וואָלט געוואָלט דאָרטן זיין.

לעצטנס פלעגט ער זיך אַזוי פאַרטראַכטן אפילו אין קלאַס-צימער. ס'פלעגן פאַרשווינדן די ווענט, אַנטרונען ווערן די קינדער, די לערערן. ראָבערט זעט עלן סטריט. ער הערט אפילו דאָס קלאַפּן פון עלעוויטאָר, די אויסגעשרייען פון די פּעדלערס. אָט זיצט ער אויפן סטופּ (גאַניק), און לייענט די קאָמיקס פון דער צייטונג. אַנטקעגן אים איז בערמאַנס סיגאַר-קראָם. לעבן געוועלב שטייט אַ הילצערנער אינדיאַנער. שטייט אַזוי דער אינדיאַנער און שמייכלט היימיש — „ס'איז גוט צו זיין צוריק אין דער היים".

לעבן שרייב-טאָוול איז געשטאַנען דזשימי מיט אַ שטיקל קרייד אין האַנט. שוין מער ווי פינף מינוט אַז ער שטייט אַזוי. די לערערין האָט אָנגעשריבן אויפן טאָוול דאָס וואָרט „טראַנספּלענט" — אי-

בערפלאַנצן. דזשימי דאַרף אָנשרייבן אַ זאַץ, נוצנדיק דאָס וואָרט. שטייט דאָס יינגל און לעקט מיט דער צונג די פּאַרטריקנטע ליפּן און ווייסט ניט ווי אָנצוהייבן. די לערערן וויל אים אַרויסהעלפן. זאָגט זי אים אונטער — בלומען. כאַפּט זיך דזשימי אָן:

— בלומען וואַקסן אין פעלד.

ענטפערט די לערערן, ציילט די ווערטער, אָבער יעדעס וואָרט קלאַפּט טרוקן ווי אַ פינגער אויף אַ שויב:

— דזשימי, חכם, אַן אמת — בלומען וואַקסן אין פעלד, אין וואַלד, אין בלומען-טעפּ און אין גערטנער. זייער אמת, זייער קלוג. מיך אינטערעסירט עס אָבער ניט. איך וויל, דו זאָלסט באַנוצן דאָס וואָרט „איבערפלאַנצן". פאַרשטייסטו עס?

דזשימי שטעלט זיך איבער פון איין פוס אויפן אַנדערן, בייסט די נעגל, און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. די האַנט מיטן שטיקל קרייד האַלט ער נאָך אַלץ אין דער לופטן.

וואַרפט די זון דזשימיס שאָטן אויף דער וואַנט און ראָבערטן דוכט זיך, אַז דער הילצערנער אינדיאַנער באַוועגט מיט אַ האַנט. וואונדערט זיך ראָבערט. זיין וואונדער ווערט נאָך גרעסער — דורך די האַלב-פאַרנעפּלטע אויגן זעט ער אַז דער אינדיאַנער איז גאָר אָנגעטאָן אין אַ ווייס אויבערהעמד מיט אַ שניפּס.

פאַרזשמורעט ראָבערט די אויגן, זעט ער קלאָר — שטייט אַן אינדיאַנער, דער קאָפּ באַפּוצט מיט פעדערן, אין האַנט אַ טאָמאַהאָק און אָנגעטאָן איז ער אין אַ ווייס אויבערהעמד מיט אַ שניפּס.

צעלאַכט זיך ראָבערט און זאָגט אַרויס:

— באָט דעט איז פאַני — (דאָס איז שפּאַסיק).

דערהערט עס די לערערן, רופט זי אויס בייז:

— וואָס איז דער שפּאַס, ראָבערט גינגאָלד? קום נאָר צו אַהער, לאָמיר זען וואָס דו קאָנסט.

ראָבערט טשוכעט זיך אויס. צום טייוול, ער איז גאָר אין קלאַס-צימער. ער טוט שנעל אַ רייב די אויגן און גייט צו צום טאָוול.

דזשימי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן בייז און זיך אַוועקגעזעצט.

— און איצט, ראָבערט גינגאָלד, לאָמיר זען וואָס דו האָסט געלאַכט פון דזשימין. איך ווייס אַז דו קאָנסט בעסער, — זאָגט די לערערן מיט געמאַכטער רואיקייט.

ראָבערט טוט אַ קוק אויפן וואָרט — איבערפלאַנצן.

— ס'איז ניט אַלעמאָל גוט איבערפלאַנצן בלומען אָדערביימער.

ווערט די לערערן ווייכער. שנעל געמאַכט אַ זאָץ. אָבער זי וויל זיך ניט אונטערגעבן. — גוט. נאָך אַ וואָרט!

— קאָנסעקווענס — קאָנסעקווענצן.

— „די קאָנסעקווענצן פון דער וועלט־מלחמה זיינען געווען שרעקלעכע".

ביי דער לערערן איז עס געוואָרן אַ שפיל. נאָך אַ וואָרט — „סייענס" — וויסנשאַפט.

— „די וויסנשאַפט האָט זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט זינט דעם מיטלאַלטער".

— איצט אַ שווער וואָרט. מעגסט אַביסל טראַכטן — „דיסטינגוויש" — אויסצייכענען זיך.

ראָבערט האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך: — איך וועל איצט נוצן הויכע לאַנגע ווערטער, זאָל זי מיך אויפהערן נודיען.

— „ס'איז בעסער זיך אויסצוצייכענען מיט אַ פרידלעכער דער־גרייכונג ווי מיט אַ העלדנטאַט אין מלחמה".

די לערערן איז געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטע — דאָס יינגל קנאַקט עס אָפּ ווי ער וואָלט די אַלע זאַצן געהאַלטן אין אַרבל. ווי עס ווייזט אויס, איז אַן אמת וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן פון ניו יאָרק.

ראָבערט האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פּלאַץ.

ווען ראָבערט איז אַרויס פון סקול, האָט דזשימי מיט אַ גאַנצער חברה געוואַרט אויף אים.

ראָבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט און דזשימי איז צו אים צוגע־גאַנגען און אָנגעהויבן:

— אַזוי, דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ „סמאַרט אַלעק" (אַ קלוגינ־קער)?

— איך? — האָט זיך ראָבערט געפונען באַליידיקט.

— יאָ, דו, אַלע ווייסן עס.

— נו, אַז אַלע ווייסן, גיב איך אויך צו, אַז איך בין „סמאַרט".

— נו, וועל איך עס פון דיר אַרויסקלאַפּן.

ראָבערטן האָט זיך געוואָלט טאַנצן פון פרייד: ער פאַר־טשעפּעט זיך מיט מיר. ס'וועט זיין אַ פּייט (אַ געשלעג). שוין טאַקע לאַנג ניט געהאַט קיין גוטן געשלעג.

און ראָבערט האָט געענטפערט:

— פאַרוואָס זאָלסטו עס פון מיר אַרויסקלאַפּן? וואָס אַרט דאָס דיך אַז איך האָב שכל?

— אַז דו וועסט ניט זיין אַזוי קלוג, וועסטו פון קיינעם ניט אָפּלאַכן.

— און פון וועמען האָב איך אָפּגעלאַכט?

— דו ווייסט גאַרניט, אַרים שעפּעלע, דער גאַנצער קלאַס האָט דאָך געהערט ווי דו האָסט געזאָגט „באָט דעט איז פאָני".

— ניט דיך האָב איך געמיינט.

— אַזוי, לייקנסט גאָר. ווילסט זיך אַרויסדרייען פון אַ געשלעג. ביסטו ניט נאָר אַן אָפּלאַכער, נאָר אויך אַ פּייגלינג.

ראָבערט איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער.

— ווען איך וואָלט געווען אויף דיין פּלאַץ, וואָלט איך עס ניט געזאָגט.

— אַזוי זאָגסטו?

— יאָ, אַזוי זאָג איך.

— און ווער ביסטו?

— איך בין ראָבערט גינגאָלד.

— און ווער איז ראָבערט גינגאָלד?

— דער, וואָס קאָן פון דיר מאַכן עפּל־סאָס.

— מיר'ן באַלד זען.

די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן שרייען: — אַ געשלעג, אַ געשלעג. מאַכט פּלאַץ.

ביידע יינגלעך האָבן אַראָפּגעוואָרפן די רעקלעך.

דזשימי האָט דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ. ראָבערטס קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

— אָ, באָי, — האָט ראָבערט אויסגערופן, — דו קאָנסט דערלאַנגען. נו, איך וועל דיר ווייזן ווי מען דערלאַנגט אין עלן סטריט.

ראָבערט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן גלייך אין שפּיץ קין. דזשימי האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז.

דזשימי האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט, אַ יאָג געטאָן זיך צו ראָבערטן און אים אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ראַנגלען און זיינען אומגעפאַלן, זיך גענומען קייקלען. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ראָבערט געזעסן אויף דזשימין.

— האָסטו שוין געהאַט גענוג?

— יע? — האָט דזשימי אַ שיפּע געטאָן, — וואַרט צו. — ער האָט זיך אַ הויב געטאָן און געפּרוואווט מיט די פיס אַרומכאַפּן ראָבערטן. ס'איז אים ניט געלונגען, און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן ראָבערטס אַרבל. ראָבערט האָט אַ צי געטאָן די האַנט און אַ האַלבער אַרבל איז געבליבן ביי דזשימין.

ראָבערט איז אין כעס געוואָרן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דזשימין און אויסגערופן:

— שטיי אויף און קריג דיינס.

חברה האָט אויסגעשריען:

— דערלאַנג אים, דזשימי, גלייך אין די אויגן דערלאַנג!

דזשימי האָט זיך אויף גיך אויפגעשטעלט:

— ער וועט זיינס קריגן.

אָבער ראָבערט איז געווען פלינקער. ער האָט גענומען געבן קלעפּ וואו נאָר ער האָט געטראָפן.

דזשימי האָט זיך מיט מוט געוועהרט. ער האָט רואיק געמאָסטן

די ווייטקייט צו ראָבערטס פּנים און באַלד טאַקע דערלאַנגט אים מיטן לינקן קולאַק גלייך אונטער די אויגן.

ראָבערט האָט זיך אויסגעטשוכעט:

— מען דאַרף זיין פּאַרזיכטיק. ער איז דאָך אַן אמתער גוטער שלעגער, — און ראָבערט האָט אָנגעהויבן באָקסן.

דער געשלעג איז געוואָרן אַ שפּיל אין קאַץ און מויז. ווען ראָבערט האָט געוואָלט געבן אַ קלאַפּ, האָט ער זיך דערנעגטערט צו דזשימין, און אַז דזשימי האָט זיך געצילעוועט מיט אַ קלאַפּ, האָט ראָבערט אָפּגעטאַנצט. דזשימי האָט זיך עטלעכע מאָל פּאַרמאָסטן מיט די קולאַקעס, אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט אָנרירן ראָבערטן.

דזשימי איז ווילד געוואָרן. ער האָט גענומען פּאָכען מיט די הענט, דרייען זיך, אַרומלויפן. ס׳האָט ניט געהאָלפן. צום סוף האָט ראָבערט זיך צו אים דערנענטערט. דזשימי האָט זיך פּאַר־מאָסטן מיטן גאַנצן כוח אַ לאָז געטאָן מיט דער לינקער האַנט, ראָבערט האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אַהינטער צו: דזשימי איז אומגעפאַלן, ווייל זיין האַנט האָט ניט אָנגעטראָפן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן גראָז אַ צעטומלטער.

חברה האָט זיך צעלאַכט און צעשריען:

— ראָבערט, איצט הויב אים אויף און דערלאַנג אים!

ראָבערט האָט זיך אָפּגעקערט, אויפגעהויבן זיין רעקל, געלאָזן דזשימין זיצן אויף דער ערד, און איז אוועק אַהיים.

אויף מאָרגן, אַז די יינגלעך האָבן זיך באַגעגנט, האָט ראָבערט פריילעך אויסגערופן:

— העלאָ, דזשימי!

דזשימי האָט זיך פון אים אָפּגעקערט מיט כעס.

— וואָס ביסטו ברוגז, — האָט ראָבערט געזאָגט, — דו האָסט דאָך אָנגעהויבן דעם געשלעג. וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל זיך לאָזן פּאַטשן אין ביידע באַקן און אונטערשטעלן נאָך די פּלייצע?

— אָבער דו האָסט זיך אָנגעהויבן. דו האָסט פון מיר געלאַכט.

— איך האָב פון דיר ניט געלאַכט.

— פאַרוואָס זאָלסטו לייקענען. אַלע אין קלאַס־צימער האָבן דאָך עס געזען.

—אָ, איך האָב זיך פאַרטראַכט און דערמאָנט זיך אָן עפּעס פון ניו יאָרק, האָב איך זיך צעלאַכט. איך האָב ניט געלאַכט פון דיר.

— פאַרוואָס זאָל איך עס דיר גלויבן?

— פאַרוואָס זאָל איך דיר דערציילן אַ ליגן?

— טאַקע, — האָט דזשימי צוגעגעבן.

— לאָמיר זיין פריינט, — האָט ראָבערט געזאָגט, — דו געפעלסט מיר, דזשימי. דו ביסט שוין איינמאָל אַ „פייטער". טו נאָר אַ קוק אויף מיינע אויגן. שוואַרץ ווי קויל. ביידע אויגן אונטער־געהאַקטע.

די יינגלעך זיינען געוואָרן נאָענטע חברים. אָבער דזשימי האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט, זעלטן ווען האָט ער באַזוכט ראָ־בערטן, איינגעלאַדן צו זיך, האָט אים דזשימי אויך ניט.

ווען ראָבערט איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט דזשימי זיך אויס־געדרייט מיט אַ תירוץ. אַז ראָבערט איז צו אים שטאַרק צוגע־שטאַנען, האָט דזשימי געענטפערט:

— איך האָב קיין צייט ניט. נאָך סקול דאַרף איך זיין דאַון־טאַון. איך געהער צו אַ גענג (אַ שייקע). ס'איז אָבער אַ סוד. סלים לאָזט אונדז ניט חברן זיך מיט יינגלעך אויסער דער שייקע.

— און ווער איז סלים?

— דו וועסט זיך אַמאָל דערוויסן.

— ביסט אַ טייערער חבר, — האָט ראָבערט געזאָגט, פאַרוואָס נעמסטו מיך ניט אַריין אין דער שייקע?

— עס קאָן זיין, אַז שפּעטער, ווען איך וועל זיך מיט דיר בעסער באַקאָנען און זען צי דו פּאַסט זיך אַריין, וועל איך דיך פאַרשלאָגן.

— ווי אַזוי קאָנסטו וויסן צי איך פּאַס זיך אַריין צי ניט, ווען דו חברסט זיך ניט מיט מיר?

— טאַקע גערעכט. איך וועל זיך דורכרעדן מיט סלימען.

— ווייטער סלים. ס'קומט אויס, אַז ער איז אַ וויכטיקער מענטש.

— ווערסט זיך אַמאָל דערוויסן, — האָט דזשימי איבערגעחזרט די זעלביקע ווערטער וואָס פריער, — איך וועל אים פרעגן, צי איך קאָן מיט דיר גיין כאַפּן פיש.

— וועמען פרעגן?

— סלימען.

— אפשר וואָלסטו אים פרעגן, צי דו קאָנסט מיט מיר גיין טרינקען אַן אייז־קרים סאָדע?

— וויצל זיך ניט, ראָבערט, פון סלימען לאַכט מען ניט. סלימען מוז מען פאָלגן.

— נו, אַז מען מוז, מוז מען. פרעג אים.

— איך וועל אים פרעגן.

נאָך דעם געשפּרעך האָט דזשימי אָנגעהויבן קומען אָפטער צו ראָבערטן. אין די אָוונטן האָבן זיי געמאַכט די היים־אַרבעט צוזאַמען, שבת און זונטיק זיינען אַרום איבערן שטאָט, הינטער די באַן־רעלסן, גאַנץ אָפט געגאַנגען כאַפּן פיש.

דזשימי האָט ראָבערטן ניט דערציילט, צי סלים האָט אים דערלויבט צו באַזוכן צי ניט. ראָבערט האָט זיך אָבער געוואונדערט וואָס אין דזשימיס קעשענעס קלינגען זילבערנע מטבעות און גאַנץ אָפט האָט ער אפילו פּאַפּיר־געלט. דזשימיס טאַטע איז דאָך אַן אָרעמער קוילן־גרעבער. וואו נעמט דאָס יינגל געלט? ראָבערט האָט אים ניט געפרעגט, ס'איז ניט זיין עסק.

דזשימי איז געבאָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אשאַשאַק. ער איז געווען באַקאַנט מיט יעדן געסל אין שטעטל און מיט יעדן בערגל, טאָל, וועלדל, טייכל, אָזערע און פעלד אַרום שטעטל. ער האָט אויסגעלערנט ראָבערטן ווי צו זוכן און געפינען פייגל־נעסטן; ער האָט אים געוויזן ווי נאָכשפּיאָנירן די קראָליקלעך און האָזן. מער ווי אַלץ אָבער האָבן זיך די יינגלעך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג.

זיי פלעגן זיך אַרויסלאָזן זונטיק גאַנץ פרי. זיי האָבן ניט געוואָלט דורכגיין דאָס גאַנצע שטעטל דערנאָך ערשט אַריבערגיין דעם בריק וואָס איז איבערגעוואָרפן איבער דער סעסקאַוואַנע. דאָס איז

אַן אַרבעט ניט פֿאַר זיי. זיי האָבן איבערגעקרייצט דעם טייך גלייך פֿון ראָבערטס הויז.

די סעסקאַוואַנע איז געווען ברודיק פֿון דעם אָפּפֿאַל פֿון די פֿאַבריקן. קיין פֿיש האָבן זיך אין טייך ניט געפֿונען. אַמאָל, אַמאָל מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, האָט מען דערציילט, איז די סעסקאַוואַנע געווען אַ טיפֿער טייך, דאַמף־שיפֿן האָבן אַפֿילו געקאָנט פֿאָרן איבער אירע וואַסערן. די אינדיאַנער, וואָס האָבן געלעבט אויף אירע ברעגעס, האָבן זיך גענערט פֿון פֿיש־פֿאַנג. היינט איז אָבער די סעסקאַוואַנע פֿלאַך און ברודיק. איבער דעם טייך, גלייך לעבן גינגאָלדס הויז, קרייצן איבער וואַסער רערן. איין רער ברענגט טרינק־וואַסער אין שטאָט, די צווייטע רער פֿירט אָפּ דעם שמוץ און אָפּפֿאַל פֿון שטאָט. די יינגלעך האָבן זיך איינגעשאַפֿט לאַנגע שטעקנס, פֿלעגן אויסטאָן די שיך, פֿאַרקאַשערן די הויזן און באַלאַנסירנדיק זיך מיט די שטעקנס, אַריבערגיין דעם טייך גלייך אין פֿעלד אַריין. פֿון פֿעלד איז געווען גאָר אַ קורצע שטרעקע צו דער באַרג־אָזערע, וואָס איז געווען פֿול מיט קאַרפֿן און קאַרעסן.

שטונדן־לאַנג פֿלעגן די יינגלעך ליגן אויף די ברעגעס פֿון די אָזערעס, די ווענדקעס פֿאַרוואָרפֿן און געדולדיק געוואַרט ביז אַ פֿיש וועט אָנבייסן. ראָבערט האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די שטילע וואַסערן און אויף דעם וואַלד, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער טיפֿקייט פֿון דער אָזערע. ס'האָט אים אויסגעקוקט אַזוי מאָדנע. אַ פֿויגל פֿליט — דער פֿויגל פֿליט טיף אין דער בלויקייט פֿון די וואַסערן. ראָבערט האָט געהאַט אַ שפּיל, נאָכקוקן די פֿייגל און דערנאָך שנעל אַ קער טאָן דעם קאָפּ זען צי ער קאָן אויפֿכאַפּן אויבן אין הימל דעם פּלאַץ, וואו דער זעלביקער פֿויגל פֿליט.

איין זאַך האָט ראָבערט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. פֿאַרנאַכט־צו, ווען זיי זיינען געגאַנגען פֿון פֿיש־פֿאַנג, האָט דזשימי שטענדיק געוואָלט גיין דורך די באַן־ליניעס. דזשימי האָט אים געוויזן, וואו די פֿראַכט־וואַגאָנען געפֿינען זיך. ער האָט אים דערקלערט ווי אַזוי די טירן פֿון פֿראַכט־צוגן עפֿענען זיך; ע ר האָט אים געוויזן ווי

שנעל מען קאָן אָפּרייסן אַ פּלאָמבע פון אַ וואַגאָן און אויפפּראַלן די טיר. ראָבערט האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס איז עס מיין עסק? וואָס לערנסטו מיך זיין אַ וואַגאָן־אויפפּאַסער?

— דו דאַרפסט עס וויסן, — האָט אים דזשימי דערקלערט, — וואַרט ביז דו וועסט זיך באַקאָנען מיט סלימען.

— ווייטער, סלים! כ'וואָלט שוין וועלן וויסן ווער איז עס דער סלים?

— דו וועסט וויסן. וואַרט ביז סלים וועט מיר דערלויבן דיך ברענגען צו אונדזער הויפּט־קוואַרטיר, און דו וועסט זיך באַקאָנען מיט דער חברה.

— איך וואָלט שוין געוואָלט טאַקע זיך באַקאָנען מיט דיין חברה. דו רעדסט פון זיי עפּעס גאָט ווייסט ווי פון וואָס.

דזשימי האָט אָבער נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ: — דו וועסט זיך מיט זיי באַקאָנען.

ס'איז אָבער אַלץ ניט געווען קיין געלעגנהייט. ס'האָט זיך אָנגערוקט דער גראַדואיר יום־טוב. ראָבערט האָט געקראָגן אַ סורפּריז.

אין דעם טאָג פון גראַדואירונג, אינדערפרי, האָט ראָבערט גע־פונען לעבן זיין געלעגער אַ נייעם אָנצוג. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און גענומען שרייען פריילעך: — אָנקל מאָרים, אָנקל מאָרים! — דער פעטער האָט ניט געענטפערט. ראָבערט האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון די צימערן, געוואָלט אַריין אין קראָם באַדאַנקען דעם פעטער, אָבער די טיר, וואָס האָט געפירט פון הויז אין קראָם איז געווען פאַרריגלט. ס'האָט קיינמאָל אַזוינס ניט פּאַ־סירט. ראָבערט האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר:

— אָנקל מאָרים, אָנקל מאָרים!

דער פעטער האָט באַלד ניט געענטפערט, נאָכדעם האָט ער געהייסן ראָבערטן גיין עסן פרישטיק און זיך געבייזערט — ראָבערט

זאָל זיך צואיילן, אַז ניט וועט ער פאַרשפּעטיקן אין שול. רעדן האָט ער גערעדט דורך אַ פאַרמאַכטער טיר.

ראָבערט איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער:

מאָדנע, געקויפט אַן אַנצוג פאַר מיר און וויל אפילו ניט הערן קיין דאַנק. וואָס באַהאַלט ער זיך דאָרטן?

אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט לאַנג צו טראַכטן. ס'איז טאַקע שפּעט און ער האָט זיך געלאָזן אין שול.

דער גראַדואיר יום-טוב האָט זיך אָנגעהויבן אַזייגער עלף. ראָבערט האָט אַריינגעמאַרשירט מיט זיין קלאַס אין זאַל און האָט דערזען זיצנדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע לואי דער דיוק.

— וואָס טוט ער דאָ? — האָט זיך ראָבערט געוואונדערט.

דאָס יינגל האָט דערזען דעם פעטער אין אַ ווינקל פון זאַל. דער פעטער האָט געשמייכלט.

— ווי עס ווייזט אויס, איז לואי דער דיוק געווען גאַנץ פרי אין קראַם, — האָט ראָבערט געטראַכט, — אָבער וואָס איז עס פאַר אַ סוד? ווי קומט לואי אַהער?

באַלד איז דער סוד אויפגעקלערט געוואָרן.

מען האָט ראָבערטן אויסגערופן דעם ערשטן. ראָבערט איז אַרויף אויף דער בינע. לואי האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט. דערנאָך האָט דער פּרינציפּאַל פון שול פאָרגעשטעלט דער גאַסט פון ניו יאָרק, און לואי האָט זיך צעלאָזן:

ליידים און דזשענטלמען! איך בין אַהער געשיקט געוואָרן פון פּאָבליק סקול נומער דריי אין ניו יאָרק. איך בין געקומען צו אייך אַלס איינער פון דער שטאָט דער־ציאונגס-פאַרוואַלטונג, אָפּגעבן דעם גאָלדענעם מעדאַל צו אונד־זער בעסטן שילער, וואָס האָט דאָ ביי אייך געלערנט די לעצטע דריי חדשים, ראָבערט גינגאָלד!

אַ פּאַטשעריי, אַ טומלעריי, אַ פייפעריי פון די קינדער. און העכער פון אַלעמען הערט זיך דזשימיס קול — דריי מאָל הוראַ פאַר ראָבערטן!

ווען דער טומל האָט זיך איינגעשטילט, האָט לואי ערשט דאַן דערלאַנגט די אמתע רעדע. ראָבערט האָט געמיינט אַז ער וועט קיינמאָל ניט ענדיקן.

אָבער צו אַלץ קומט אַ סוף. לואי האָט געענדיקט רעדן. דער רעפּאָרטער פון דער אַרטיקער צייטונג האָט גענומען אַ בילד פון לואין און ראָבערטן. געהאַט אַ געשפּרעך מיט לואי דעם דיוק. דערנאָך גענומען נאָך אַ בילד פון לואין און מיסטער גינגאָלדן און ראָבערטן צוזאַמען. דערנאָך אַ דריט בילד פון לואין, ראָבערטן, דעם אַנקל און דעם פּרינציפּאַל פון שול. לואי האָט אָנגעקוואָלן, געהאַלטן די צוויי גראָבע פינגער אין דעם אָרם-עפּענונגען פון זיין זשילעט, אַרומגעשפּרייזט ווי אַן אינדיק, געקלאַפּט ראָבערטן אין פּלייצע און אים פאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט אָנקלאַפּן גאָר, גאָר אין די הויכע פענצטער, און ער, לואי, איז שטאָלץ, וואָס די „איסט-סייד האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ יונג".

מען איז געקומען אַהיים. דער טיש איז געווען געדעקט און באַפּוצט מיט בלומען און מיט דריי הויכע קאָלירטע ליכט אַריינגעשטעקט אין דריי זילבערנע לייכטער. דער פעטער האָט אָנגעצונדן די ליכט און דאָס האָט צוגעגעבן דעם הויז אַ יום-טובדיקייט, אַ פריידיקייט.

לואי האָט געגעסן, געטרונקען און גערעדט. ראָבערטן איז אפילו ניט געלונגען נאָכצופרעגן זיך אויף זיינע חברים. לואי האָט זיך געאיילט. ער איז אָפּגעפאָרן מיט דעם דריי אַזייגערדיקן צוג. אין שטעטל האָט מען נאָך לאַנג גערעדט וועגן זיין באַזוך, און ביי ראָבערטן אין הויז האָט מען זיך לאַנג געצאַצקעט מיטן מעדאַל.

אַ וואָך נאָך דער גראַדואירונג האָט ראָבערט זיך באַקאַנט מיט סלימען און מיט דער גאַנצער שייקע. דאָס האָט אַריינגעשלעפּט ראָבערטן אין אַ סך ווענטורעס.

קאַפּיטל דריי

אַן אָנבאָט פון דער שייקע

אַ פּאָר וואָכן נאָך דער גראַדואירונג, האָט דזשימי געבראַכט ראָבערטן „דאַון-טאַון" צו באַקענען זיך מיט סלימען און מיט דער שייקע.

דזשימי האָט געבראַכט ראָבערטן אין אַ קעלער. דאָרט האָט זיך געפונען אַ ביליאַרד-זאַל. ראָבערט האָט זיך אַרומגעקוקט. איבער דער גאַנצער לענג פון צימער זיינען געשטאַנען דריי ביליאַרד-טישן. לעבן איין טיש זיינען געשטאַנען צוויי יונגען און געשפּילט ביליאַרד. זיי זיינען געשטאַנען אָן רעקלעך, די אַרבל פון די אויבערהעמדער פאַרקאַטשעט. זיי האָבן ביידע געטראָגן היטלען אויף די קעפּ. יעדנס היטל איז געזעסן אויף אַ זייט, וואוילעריש. אין מויל האָבן זיי געהאַלטן ציגאַרעטן, קונציק אָנגעקלעפּט אויף דער אונטערשטער ליפּ. ראָבערט האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען צוויי בלאַטע חברה-לייט.

אין ווינקל רעכטס איז געשטאַנען אַ גלעזערנער שוי-קאַסטן מיט ציגאַרן, ציגאַרעטן און שטיקלעך צוקערקעס. אין וואַנט, הינטער דעם שוי-קאַסטן, איז געווען אַ טיר וואָס האָט געפירט אין אַ צווייטן צימער. דזשימי האָט געהייסן ראָבערטן צוואַרטן און אַליין איז ער פאַרשוואונדן אין הינטערשטן צימער.

באַלד איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר פינף-און-צוואַנציק. ביידע זיינען זיי צוגעגאַנגען צו ראָבערטן.

דער יונגערמאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט:

— איך בין סלים. דאָס ביסטו ראָבערט?

— יאָ, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט דיך זען. מען זאָגט אַז דו ביסט אַ וואויל יאַטל. קום, איך וועל דיך באַקאַנען מיט דער חברה.

ראָבערט איז אים נאָכגעגאַנגען.

מאָדנע. ראָבערטן האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער האָט שוין אַמאָל געזען סלימען. וואו האָט ער אים באַגעגנט?

זיי זיינען אַריין אין הינטערשטן צימער. ראָבערט האָט אַלץ באַקוקט סלימען.

סלים איז געווען דאַר און הויך. דאָס פּנים שפּיציק און טונקל. די אויגן איינגעגראָבן אין שטערן. די האָר גלאַט פאַרקאַמט מיט אַ שרונט אינמיטן. ער האָט געטראָגן אַ געקעסטלטן אַנצוג מיט אַ ברוינעם זשילעט. אַ האַרטער קאַפּעליוש איז וואוילעריש געזעסן אויף אַ זייט פון קאָפּ. אַ דימענט רינגל אויף דעם קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

ראָבערט האָט פון אים ניט אַראָפּגענומען די אויגן: וואו האָט ער אים פאָרט געזען?

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט. ניט סלימען האָט ער עס געזען נאָר אַזאַ פּאָר אויגן ווי זיינע האָט ער געזען. גרויע קליינע אויגן, טיף אַריינגעזעצט אין שטערן. קאַלטע, רואיקע, גזלנישע אויגן. פאַר אַ דאָלאַר זיינען זיי גרייט אַריינשטעכן אַ מעסער אַ מענטשן אין רוקן. אַזעלכע אויגן האָט „דזשימי רעד-פּעים", דער הויפּט פון „עסעקס סטריט גענג", וועמען ראָבערט האָט אומגע-וואָרפן מיט זיין „לאַסאָו" ביי דער גאַסן-פאַרזאַמלונג פון די בעקער.

סלימס שטים האָט געגרילצט אין די אויערן:

— העי, מען האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט אַ וואויל יאַטל. קאָנסט געבן אַ קלאַפּ ווען מען באַדאַרף. און האָסט קיין מורא ניט אפילו פאַרן טייוול. מיר איז טאַקע ניט איבעריקס געפעלן, וואָס דו פאַרנעמסט זיך מיט ביכלעך, אָבער איך דאַרף האָבן אַ יינגל וואָס נוצט אויך דעם קאָפּ, אָט די חברה קאָן נוצן נאָר די הענט און די פיס. די קעפּ זיינען ביי זיי הילצערנע.

חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ נאַרישן געלעכטער.

ראָבערט האָט ערשט איצט דערזען, אַז חוץ סלימען און דזשימין זיינען אין צימער פאַראַן נאָך פיר יינגלעך.

און סלים האָט ווייטער גערעדט:

— באַקאַן זיך מיט זיי, באַב, דאָס איז בוטש, קום אַהער, בוטש, ווייז דיינע פערדישע ציין.

אַ גרויס איבערגעוואַקסן יינגל פון אַ יאָר דרייצן מיט אַ פּנים פול מיט פרישטשעס און צוויי גרויסע פאָדערשטע ציין האָט אַריינגעלאַכט ראָבערטן אין פּנים.

— און דאָס איז מיקי — אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, מיט צוויי מייזישע אייגעלעך, האָט אַ קוק געטאָן אויף ראָבערטן.

— און דאָס איז פרעקלס —אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן מיט האָר פון זאַמד־קאָליר און אַ געזיכט פול מיט זומער־שפּרינקלעך, אין מויל אַ ציגאַרעט, האָט זיך אויפגעשטעלט.

— און דאָס איז מאָנקי — אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, אַ דאַרער מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט און מאָדנע קורצע פיס, האָט זיך צעהירזשעט ווי אַ פערד.

— און דזשימין קאָנסטו דאָך, — האָט סלים געזאָגט.

— יאָ, — האָט ראָבערט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און איצט, חברה, לאָזט זיך וואוילגיין, — האָט סלים געזאָגט ברייטהאַרציק, — איר קאָנט נעמען ביי פרעדן, וואָס אייער האַרץ גלוסט. איך טראַקטיר אייך צוליב ראָבערטן. איך דאַרף ערגעץ צוגיין. אָבער געדענקט, יאַטן, ניט געשלאָגן זיך. דזשימי, דו וועסט היינט זיין מיין שטעל־פאַרטרעטער.

אָפּגעזאָגט און איז אַרויס.

אַלע יינגלעך האָבן אָנגעהויבן רעדן מיטאַמאָל:

— העי, דזשימי, איך וויל אַ פלעשל ביר.

— און איך אַ סעספּערעלאַ.

— און איך אַ ביר.

— מיר ברענג אַ שאָקאָלאַד.

— און וואָס ווילסטו, ראָבערט? — האָט דזשימי געפרעגט.

ראָבערטן איז מיטאַמאָל ווי ענג געוואָרן אין קעלער. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס צימער איז אָן לופט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אַרויסכאַפּן. ער האָט שנעל געענטפערט:

— איך וויל גאָרנישט. איך דאַרף גיין אַהיים.

— אָ, מאַך זיך ניט נאַריש, — האָט דזשימי געענטפערט, — דו ביסט דאָך נאַר־וואָס געקומען. וואַרט צו אַ ווײַלע, כאַפּ אַ טרונק, עפּעס אַ ביס, דערנאָך וועלן מיר האָבן אַ „קרעפּ־געים״ (אַ שפּיל אין געלט מיט ביינדלעך) און אפשר ווילסטו גאָר שפּילן אין קאָרטן?

— ניין, איך קאָן ניט בלייבן. איך האָב צוגעזאָגט דעם פעטער קומען באַלד צוריק, — האָט ראָבערט געענטפערט.

דזשים האָט אים ניט אָפּגעלאָזן: — וואָס ביסטו עפּעס אַ קליין קינד? האָסטו מורא פאַר דיין פעטער?

ראָבערט האָט פאַרלאָרן זיין געדולד:

— ניין, איך בין ניט קיין קליין קינד און האָב ניט מורא פאַר מיין פעטער, אָבער איך וויל דאָ ניט בלייבן. איצט פאַרשטייסטו?

— קיינער צווינגט דיך ניט?

— איז גוט.

ראָבערט האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון קעלער. אינדרויסן האָט געלויכטן אַ יולי־זון. ראָבערט האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן — פוי, ס'אַראַ באַנדע, עס שמעקט פון זיי מיט טוכלעקייט פון נאַסע קעלערן.

ער איז געגאַנגען רואיק אַהיים, אָבער אין קאָפּ האָט אַלץ געבערענט: וואָס איז זייער אַרבעט, וואָס טוען זיי פאַר סלימען? און פאַרוואָס האָבן זיי פאַר אים אַזוי מורא?

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ראָבערט אויסגעפונען מיט וואָס די גענג פאַרנעמט זיך.

***

אין יענעם זומער האָט ראָבערט מיטאַמאָל אַנטדעקט דעם ענגלישן שרייבער ה. ג. וועלס. צופעליק האָט ראָבערט אַרומ-

גענומען פון ביבליאָטעק וועלס ביכל „די צייט־מאַשין" — אַ ביכעלע מיט אַ פאַנטאַסטישער מעשה ווי אַזוי די מענטשלעכע ראַסע וועט אויסזען מיליאָנען יאָרן שפּעטער. דאָס ביכל האָט אים אַזוי פאַר־כאַפּט, אַז ראָבערט האָט געפּרואווט לייענען אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן פון וועלסן. אין ביבליאָטעק זיינען געווען היפּשע עטלעכע פאָליצעס מיט וועלסעס ביכער. וועלס האָט אָנגעשריבן אַרום זיבעציק בענד. די מערסטע פון זיי זיינען געווען צו שווער פאַר ראָבערטן. אָבער די פאַנטאַסטישע ראָמאַנען האָט ער פאַר־שטאַנען און האָט זיי געשלונגען איינעם נאָכן אַנדערן. ער האָט געקראָגן די ביכער „דער אומזעבאַרער מענטש", „די מלחמה פון די וועלטן", „דער אינדזל פון דר. מארעאו", „ווען דער שלאָפנדיקער דערוואַכט", „די שפּייז פון די געטער", „מענטשן ווי געטער", „די וועלט באַפרייט" און „דער אויסטערלישער באַזוך".

ראָבערט האָט ליב געהאַט גיין מיט אַלסאָנען אויף פיש־פאַנג, אָבער ניט פיש כאַפּן. אַלסאָן איז געזעסן מיט דער ליולקע אין מויל, די ווענדקע פאַרוואָרפן און געוואַרט געדולדיק ביז אַ פיש האָט אָנגעביסן. ראָבערט איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן גרינעם גראָז, מיטן פּנים איינגעגראָבן אין אַ בוך. ער האָט געשלונגען בלעטל נאָך בלעטל.

אָפט, ווען ער האָט געענדיקט אַ קאַפּיטל, האָט ער אויסגעדרייט דאָס פּנים אַרויף צום הימל צו, געקוקט אין דער טיפער בלויקייט און געחלומט מיט אָפענע אויגן: אָט שטעלט ער זיך פאָר, אַז ער איז דער, וואָס האָט בייגעוואוינט דאָס אַראָפּקומען פון די מאַרסיאַנער. ער באַהאַלט זיך ניט אויס פון זיי, ווי דער העלד פון וועלס מעשה „די מלחמה פון די וועלטן", ער גנבעט זיך אַריין שטילערהייט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אין די נאָרעס פון די מאַרסיאַנער און שיסט זיי אויס...

אָדער, אָט איז ער אין דעם טומל ווען די עראָפּלאַנען לאָזן זיך אַרויס פון אַפריקע, אין דער מעשה „ווען דער שלאָפנדיקער דערוואַכט". ער זעט די גרויסע מאַסן אונטערדריקטע, ער זעט די

„פלאַפּל־מאַשינען" וואָס שטייען אויף די סקווערן פון די גאַסן און דורך די „הויך־ריידערס" אַגיטירן זיי פאַר דער רעגירונג. ער איז דער, וואָס שטעלט אָפּ די ראַדיאָ סטאַנציעס, ער פירט אַ קליינע גרופּע פון רעבעלן קעגן די מעכטיקע פאַרוואַלטער. ער באַזיגט די טיראַנען פאַרן גליק פון פאָלק.

ער וואָלט אַזוי געלעגן אַ גאַנצן טאָג, ווען נישט אַלסאָן, וואָס האָט מיט דער ליולקע אין מויל, געשפּיגן, גערויכערט און גערעדט:

— דו ביסט דאָך שוין דאָ; אַ וווּנדערלעכע האָסטו, די פיש בייסן היינט גוט אָן; פאַרוואַרף די ווענדקע און כאַפּ כאַטש אַ קליין פישל, ווייל אַז דו ביסט נישט געגאַנגען אומזיסט.

און ראָבערט פלעגט שמייכלען און ווייטער פאַרטיפן זיך אין לייענען.

אַלסאָן האָט פון אים געלאַכט און אין איין אָוונט האָט ער צוגעמאַכט צו ראָבערטס פיש־קערבעלע אַ ספּעציעל קעסטעלע פאַר ביכער און אָפּגעדרוקט איבער דער גאַנצער לענג פון קערבעלע: — „פישן און לייענען". ראָבערט האָט געלאַכט און באַדאַנקט אַל־סאָנען, און האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט זען נישט פאַרשעמען דעם אויפשריפט, זען טאַקע כאַפּן אַ פישל, ווען מען וועט גיין אויף פיש־פאַנג.

גייען אַמאָל ראָבערט און אַלסאָן פון די בערג אַהיים. ביידע צופרידענע און פריילעכע. ס'איז געווען אַ גוטער פיש־פאַנג און אַלסאָן האָט פראָסט ארויסגעריסן ביי ראָבערטן דאָס בוך פון די הענט און נישט געלאָזן מער לייענען.

— ס'טוט ווי דאָס האַרץ, — האָט אַלסאָן געטענהט, — די פיש בייסן אָן אַזוי גערן, ווי קאָן מען זיצן און לייענען לעבן אַ וואַסער, ווען די פיש בעטן זיך און וויינען: „מיר ווילן געכאַפּט ווערן?!"

ראָבערט האָט געכאַפּט זעקס פיש און דאָך איבערגעלייענט אַ גאַנץ בוך. גייען זיי ביידע מיט די קערבלעך פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, די ווענדקעס אין די הענט און רעדן און לאַכן.

אַרום און אַרום איז גרין און שטיל. ווען ניט ווען הערט זיך פונדערווייטנס דאָס בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל־סירענע אָדער דאָס פייפן פון אַ באַן. זיי זיינען שוין געווען באַלד ביי דער שטאָט. מען האָט שוין געזען די סעסקאַוואַנע שלענגלען זיך אין טאָל. פונ־דערווייטנס קוקן אוים די וואַסערן אמת זילבער קלאָר. אָט זיינען זיי צוגעקומען ניט ווייט פון די באַן־רעלסן. ראָבערט שפּאַרט זיך מיט אַלסאָנען. אַלסאָן וויל גיין גלייך איבערן שטעטל, אַריבערגיין דעם בריק ווי אַן אָנשטענדיקער מענטש דאַרף טאָן, און ראָבערט וויל אַריבערגיין די סעסקאַוואַנע איבער די רערן. שטייען זיי ביידע און שפּאַרן זיך.

מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט אַ שאַרפן פייף, דערנאָך אַ שאָס אין דער לופטן. באַלד האָבן זיי דערזען דזשימין אַרויסלויפנדיק פון צווישן די וואַגאָנעס.

דזשימי איז געלאָפן מיט אַלע כוחות. אויף יענער זייט פון די וואַגאָנעס האָבן ראָבערט און אַלסאָן געזען אַ באַן־דעטעקטיוו יאָגנדיק זיך נאָך אַנדערע צוויי יינגלעך.

דזשימי איז געלאָפן צום וועלדל צו, ווען ער האָט זיך דערנענ־טערט אַביסל, האָט אים ראָבערט אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, דזשימי.

דזשימי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך, דערזען ראָבערטן און אַלסאָנען, האָט ער געענטפערט:

— איך קאָן ניט, איך מוז אַנטלויפן צום וועלדל.

— קום אַהער, זאָג איך דיר, — האָט ראָבערט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — וואוהין וועסטו לויפן? דאָס וועלדל איז אַ שיטערס, מען וועט דיך דערזען אויף אַ מייל ווייט.

— ס'איז אַלרייט, איך וועל שוין אַנטלויפן.

— קום אַהער, דו פערד! — האָט ראָבערט מיט כעס באַפוילן.

— ער וועט מיך כאַפּן, — האָט דזשימי ציטערנדיק שטיל געזאָגט, און איז צוגעגאַנגען צו ראָבערטן און אַלסאָנען.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, — האָט ראָבערט רואיק און פעסט געענטפערט, — ציטער נאָר ניט.

— ער וועט מיך אַרעסטירן. מיר האָבן אויפגעבראָכן...

— פלאַפּל ניט. איך פרעג דיך דען וואָס דו האָסט געטאָן. שטיי שטיל.

ראָבערט האָט שנעל אַראָפּגענומען זיין פיש-קערבל און עס אַנגעטאָן אויף דזשימין. ער האָט אים איבערגעגעבן די ווענדקע. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ פיש פון קערבל און אויסגעשמירט דזשימיס קליידער. אָפּגעפּאַרטיקט זיך, האָט ער רואיק אַרויסגענומען פון דעם צוגעשלאָגענעם קעסטעלע אַ בוך און אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכל:

— מיר זיינען איצט גרייט פאַרן מיסטער דעטעקטיוו.

זיי האָבן זיך פּאַמעלעך אַרויסגעלאָזט פון וועלדל. פון צווישן די וואַגאָנעס איז אַרויסגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער דעטעקטיוו. ער האָט זיי דערזען און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— איך באַפעל זיך אָפּשטעלן.

אַלע דריי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

דער דעטעקטיוו איז צוגעקומען נאָענט, זיך גוט אין זיי איינגעקוקט און נאָכטראַכטנדיק אַרויסגערעדט, אָנווייזנדיק אויף דזשימין:

— איך וואָלט געשוואָרן, אַז אָט דער קליינער איז איינער פון די גנבימלעך.

— וואָס? — האָט אַלסאָן טאַמעוואַטע געפרעגט.

דער דעטעקטיוו האָט זיי נאָכאַמאָל באַקוקט און אַרויסגערעדט פעסט און ווייטער אָנגעוויזן אויף דזשימין:

— יאָ, איך מאַך ניט קיין טעות, ער איז איינער פון די גנבימלעך.

— איר מאַכט אַ טעות, — האָט ראָבערט געענטפערט רואיק, — מיר אַלע דריי זיינען געווען אַ גאַנצן טאָג אויף פיש-פאַנג.

— אַזוי, אַלע דריי, — האָט געשפּאַסט דער דעטעקטיוו, — ביסטו זיכער אין דעם?

— אוודאי זיכער, — האָט ראָבערט געענטפערט אויך מיט שפּאַס, — איך האָב דריי מאָל איבערגעציילט אונדזערע שאַטנס. אַלעמאָל געזען דריי שאַטנס.

— אויב דו ביסט אַזאַ קלוגער חברה־מאַן, טאָ זאָג זשע מיר ווי אַזוי גייען עם דריי כאַפּן פיש מיט צוויי ווענדקעס און מיט צוויי פיש־קערבלעך ?

— אָ, דאָס גאָר ? ס'איז גאָרנישט, — האָט אַלסאָן זיך אַריינגע־מישט — אַט דער־אָ איז ראָבערט, דאָס יינגל וואָס מען האָט אים צוגע־שיקט דעם גאָלדענעם מעדאַל פון ניו יאָרק צו זיין גראַדואירונג. ער כאַפּט קיינמאָל ניט קיין פיש, ווען ער גייט אויף פיש־פאַנג. ער האָט בעסער ליב לייענען. איר זעט דאָך, — אַט האָט ער איין בוך אין האַנט און אַ צווייט בוך ליגט אין דעם צוגעקלאַפּטן קעסטעלע פון דזשימיס קערבל.

דער דעטעקטיוו איז אַלץ געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין האַנט און זיך ניט גערירט פון אָרט :

— איך גלויב אייך פאָרט ניט, אַט דערקליינער איז איינער פון די גנבימלעך. איך רעכן, אַז איך וועל אייך פאָרט אַלע דריי אַרעסטירן.

— אַרעסטירט, — האָט ראָבערט געענטפערט מיט כעס, — אָבער דער ריכטער וועט גלויבן אונדזער ווערסיע פון דעם אינצידענט.

— רייד ניט אַזאַ הויכן ענגליש, רעד פּראָסט, — האָט דער דעטעקטיוו זיך געקאָכט.

— גוט, איך וועל צוליב אייך רעדן פּראָסט. דאָס וואָרט פון דריי איז מער באַגלויבט ווי דאָס וואָרט פון איינעם. חוץ דעם, ווען איר וואָלט געווען אַן אמתער דעטעקטיוו, וואָלט איר דערשמעקט אַז עס שפּירט זיך פון אונדז אַלע דריי פיש.

— אַ צינגל ווי אַ גאַל־מעסער, — האָט דער דעטעקטיוו שוין געענטפערט רואיקער און אַריינגעליינגט דעם רעוואָלווער אין לעדער־נעם שיידל. איך מוז צוגעבן, אַז דו ביסט אַ קלוג יינגל.

— אַ דאַנק, — האָט ראָבערט געענטפערט, — איך ווייס עס שוין פון לאַנג.

— אָבער דאָך, — האָט דער דעטעקטיוו נאָך אַלץ געטענהט, — גלויב איך אייך ניט.

אָבי דער ריכטער וועט גלויבן, — האָט שוין אַלסאָן צוגעגעבן.

— דאָס איז דער אומגליק, אָבער איך זאָג דיר, קליין גנבל, — האָט זיך דער דעטעקטיוו געווענדט צו דזשימין, — איך וועל שוין אויף דיר האַלטן אַן אויג. — אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָפּגעגאַנגען.

ווען די דריי זיינען אַריבער די בריק, האָט ראָבערט שטום אַראָפּגענומען פון דזשימין דאָס קערבל מיט די פיש און ביי אים צוגענומען די ווענדקע.

דזשימי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— דערלאַנג די האַנט, איך מוז צוגעבן, אַז דו ביסט אַ כוואַט. איך וועל עס שוין דערציילן סלימען. סלים פאַרגעסט ניט אַז מען טוט איינעם פון זיינע באַיעס אַ טובה.

ראָבערט האָט ניט אָנגענומען דזשימים אויסגעשטרעקטע האַנט. ער האָט אויף אים קאַלט אַ קוק געטאָן און אַרויסגערעדט מיט עקל:

— אַ גנב גיב איך ניט מיין האַנט, — און איז אַוועק ניט אומ־קוקנדיק זיך.

פאַרן שלאָפן איז דער פעטער אַריין אין ראָבערטס צימער; ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול, געקוקט אַ ווײַלע אויפן יינגל און אַרויסגערעדט:

— איך מוז צוגעבן, ראָבערט, אַז דו האָסט זיך ניט פאַרלוירן היינט. אָפּגעטאָן אַ גלאַט שטיקל אַרבעט. עס איז אָבער מיר ניט צום האַרצן. וואָס וואָלט דיר געאַרט, אַז מען וואָלט געכאַפּט דעם קליינעם גנבל. ער איז ווערט דעם שטעקן.

— ס'קאָן זיין, האָט ראָבערט געענטפערט, אָבער ווען איר וואָלט געזען זיין צעשראָקענעם פנים, אָנקל, וואָלט איר אים אויך געראַ־טעוועט.

— ביסט אפשר גערעכט. קאָן זיין אַז עס איז טאַקע גלייכער ווי דו האָסט געטאָן. אָבער מיר געפעלט ניט, וואָס די חברה איז מיט דיר גאַנצע שמעלקעס.

— מיר געפעלט עס אויך ניט.

— הלוואי זאָל זיך גוט אויסלאָזן. ס׳איז דאָ אַן אַלט יידיש ווערטל: „אַז מען גייט אַרום לעבן אַ פאַררויכערטן טאָפּ ווערט מען שוואַרץ״. נאָר ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן. דו האָסט דאָך פון קיין זאַך ניט געוואוסט, ווען דו האָסט זיך באַקאַנט מיט דזשימין. אָבער זיי מיט אים פונדערווייטנס.

— איך גלויב, אַז נאָך מיין היינטיקן זעגענען זיך מיט אים, וועט ער פון מיר ווייכן.

— לאָמיר האָפן אַזוי. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, אַנקל.

אָבער די שייקע האָט ראָבערטן ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

קאַפּיטל פיר

אין מיטלשול

האַרבסט-צייט איז ראָבערט אָנגעקומען אין מיטלשול.

די מיטלשול איז געווען געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל. אַ צוויי-שטאָקיקע געביידע מיט גרויסע ברייטע פענצטער. אַ וועראַנדע פון פראָנט מיט מאַסיווע קיילעכדיקע קאָלאָנעס. די געביידע איז געווען אָפּגעפאַרבט אינגאַנצן ווייס.

ראָבערט איז געבליבן שטיין אויף דער וועראַנדע אַ פאַרגאַפּטער. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ זוניקער. די וואַטשונג-בערג זיינען געווען אינגאַנצן איינגעטונקט אין רויט. דער טייך סעסקאַוואַנע האָט זיך געשלענגלט ווי פאַרביקע ליאַלקע-שטיבלעך. הייזער אין טאָל האָבן אויסגעקוקט ווי פאַרביקע ליאַלקע-שטיבלעך. אַרום און אַרום — פעלד און וואַלדיקע בערג.

ייִנגלשע און מיידלשע שטימען האָבן פאַרהילכט דעם שול-הויף. באַגריסונגען, געלעכטער, פריילעכע אויסגעשרייען. יונגע פּנימער, שלאַנקע געשטאַלטן אָנגעטאָן אין ווייסע סוועטערס און אין קליי-נינקע קיילעכדיקע היטעלעך וואָרפן אַרויס געקוקט אויף די פּאַטילניצעס.

ראָבערט איז געשטאַנען אַן אָפּגעזונדערטער, אַ ביסל אַ פרעמ-דער, דאָך האָט אים די אַרומיקע פרייד דורכגענומען, און ער האָט געשמייכלט אין ליכטיקן טאָג אַריין.

דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען, און חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין די קלאַסן.

אינעווייניק, אין דער שול, זיינען די צימערן געווען גרויסע, די סטעליעס מאָדנע הויך און די פענצטער — פון סטעליע ביזן דיל.

אין מיטלשול

אין די גראַמע קלאַס-צימערן זיינען געווען ווייניק קינדער. צען, פופצן אין אַ קלאַס. דער לערער, אַ רואיקער, אַ צוגעלאָזענער, באַהאַנדלט די תלמידים ווי דערוואַקסענע. זיי פילן זייער וויכטיקייט און פירן זיך אויף ניט ווי קיין קינדער.

און די האַרבסט-טעג זיינען אַזעלכע שיינע! און די לימודים זיינען אינטערעסאַנט! ראָבערט האָט זיך ניט געהאַט וואו אַהינ-צוטאָן פון פרייד.

— אָבער איין זאַך האָט אים געפעלט — די געזעלשאַפט פון חברים. פון זיין גראַדואיר-קלאַס זיינען נאָר צוויי קינדער אַריינגע-טראָטן אין מיטלשול: אַ יינגל מיט אַ מיידל, אָבערביידן האָט ער פריער גאָר ניט באַמערקט, כמעט ניט געקענט זיך מיט זיי. די איבעריקע תלמידים זיינען אַלע קאַנטיק געווען ניט קיין אָרימע און — פאַרריסענע. יעדער האָט געהאַט זיין יחוס און — זיין קליקע. די פאָר יידישע יינגלעך אין שול האָט ער ניט געקענט. זיי האָבן זיך ניט אויסגעטיילט פון די איבעריקע תלמידים. ראָבערט איז געווען צווישן זיי אַ פרעמדער.

דער הויפּט-ספּאָרט פון מיטלשול איז געווען פוט-באָל. ראָבערט איז געווען צו הויך און צו דין פאַר פוט-באָל. און סיי-ווי האָבן אַלע ניט געקאָנט אַריינגיין אין „טים". דער „קאָוטש" איז געווען זייער איבערקלייבעריש. ער האָט געזוכט בעלנים — כמעט אַלע יינגלעך זיינען געווען הויכגעוואַקסענע, שווער-וואָגיקע. האָט דער „קאָוטש" געקליבן. די בעסטע זיינען ניט געווען גוט גענוג.

אין „בעסקעט-באָל" האָט זיך ראָבערט אויך ניט אויסגעצייכנט. איז ער געבליבן אָן פריינט און דערצו נאָך אויסער אַלע ספּאָרט-טעטיקייטן.

אין אָנהייב צווייטן סעמעסטער האָט די שול אָנגעהויבן צוגרייטן דעם גראַדואיר-זשורנאַל. ס'איז געווען איינגעפירט, אַז אַ חוץ די גראַדואירטע, האָט יעדער קלאַס געדאַרפט צושטעלן אַ טייל מאַטע-ריאַל. דער לערער פון ליטעראַטור האָט פאַרגעבן דעם „פרעשמאַן"

(אָנפאַנגער) קלאַס די סקאַרבאָווע טעמע: „די מיטלשול ווי אַ כאַראַקטער-בויער".

יאָר־איין, יאָר־אויס, האָט דער לערער פאַרגעבן די ערשט־יאָ־ריקע תלמידים די דאָזיקע טעמע. ער האָט שוין געוואוסט אויף אויסווייניק וואָס די תלמידים וועלן שרייבן. חברה האָט, אגב, ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין די אַלטע זשורנאַלן און איבערשרייבן גאַנצע אַרטיקלען וואָרט אין וואָרט.

האַי־יאָר האָט דער לערער אויך געריכט זיך אויף צרות. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט אים שווער אָנקומען אַרויסצוקריגן פון די תלמידים פּאַסיקע אַרטיקלען. סוף־כל־סוף וועט ער אַליין מסתמא דאַרפן איבערשרייבן די אַרטיקלען און איבערלאָזן נאָר דעם תלמידס נאָמען. דערפאַר טאַקע האָט ער פאַרגעבן די טעמע די ערשטע וואָך פון צווייטן סעמעסטער — געגעבן דעם קלאַס גענוג צייט.

ער האָט אָבער געקראָגן אַ סורפּריז. פינף טעג שפּעטער האָט אים ראָבערט געבראַכט פופצן באַשריבענע זייטן.

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אויף ראָבערטן און אַ שמייכל געטאָן:

— ביסט אַ שנעלער שרייבער.

— יאָ, — עס שרייבט זיך מיר גרינג, — האָט ראָבערט גע־ענטפערט.

— נו, כאַטש גוט, וואָס דו האָסט אַ גוטע האַנטשריפט, — האָט דער לערער געשפּאַסט.

— איך בין פאַרזיכטיק, — האָט ראָבערט געענטפערט.

דער לערער האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, אַ קוק געטאָן אויף דעם ציכטיקן מאַנוסקריפּט און איבערגעלייענט דאָס קעפּל: „די קליין־שטעטלדיקע מיטלשול ווי אַ כאַראַקטער-בויער".

— דו האָסט צוגעגעבן צוויי ווערטער צו דער טעמע, — האָט דער לערער געזאָגט, — די טעמע איז געווען: „די מיטלשול ווי אַ כאַראַקטער-בויער", ניט „די קליין־שטעטלדיקע מיטלשול ווי כאַ־ראַקטער-בויער".

אין מיטלשול

אַ חברה־מאַן, לעבן פענצטער, האָט אַ שאָס געטאָן:

—אַז עס שרייבט זיך אים גרינג, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן ביי אים נאָך צוויי ווערטער?

דער קלאַס האָט זיך צעלאַכט.

ראָבערט איז געבליבן רואיק. ער האָט געענטפערט:

— אָן די צוויי ווערטער האָט זיך מיר די עסיי ניט געקלעפּט.

— אויב דו ווילסט, אַז עס זאָל זיך קלעפּן, — האָט דער לץ ווייטער געשפּאַסט, — קויף גומעראַביק. צען סענט אַ פלעשעלע.

ראָבערט האָט זיך אַ קער געטאָן צום יינגל און מיט אַ געמאַכטן ערנסט געענטפערט:

— איך האָב געזוכט גומעראַביק, און ניט געקאָנט קריגן. האָב איך שוין ווי־עס־איז געמוזט אויסקומען אָן גומעראַביק.

ראָבערט האָט אָנגעצויגן אַזאַ ערנסטן פּנים, אַז חברה האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז ער שפּאַסט. דערפאַר האָט דאָס געלעכטער צום סוף אַרויסגעפּלאַצט מיט אַזאַ קנאַק, אַז אפילו דער לערער האָט מיטגעלאַכט.

***

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער ליטעראַטור־לערער געזעסן און גערעדט מיטן פּרינציפּאַל פון דער מיטלשול:

— דאָס יינגל האָט מיך אַרויפגעפירט אויף אַ געדאַנק; זיין קעפּל צום אַרטיקל „די קליין־שטעטלדיקע מיטלשול אַלס אַ כאַראַקטער־בויער״ וועט זיין אַ גוטע טעמע פאַר דער יערלעכער דעבאַטע מיט דער פּיטסבורגער מיטלשול. און דעם יינגל דאַרף מען אַריינגעמען אין דעבאַטיר־קלוב. פון זיין עסיי איז צו זען, אַז ער קאָן טראַכטן. איך רעכן אָבער, אַז ער איז אַ גוטער דעבאַטאַנט אויך. איר האָט געדאַרפט זען, ווי ער האָט געענטפערט מילפאָרדס יונג. ס'איז געווען ווערט אָנצוקוקן. אָן אַ שמייכל, מיט אַ טויט־ערנסטער מינע האָט ער אים אַזוי אַריינגעריבן, אַז מילפאָרדן איז פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ.

— אָבער ווי נעמט מען עס אַריין אַן ערשט־יאָריקן תלמיד אין דעבאַטיר־קלוב ? מיר האָבן עס נאָך קיינמאָל ניט געטאָן.

— לאָמיר פּרובירן, — האָט דער לערער געענטפערט, — אַלעמאָל קומט דער אויסערגעוויינטלעכער און ברעכט די טראַדיציע.

— ווייסט איר וואָס, — האָט דער פּרינציפּאַל געזאָגט, לאָמיר אַזוי טאָן: מיר'ן אַראַנזשירן אַ דעבאַטע צווישן ראָבערט גינגאָלדן און גמליאל אַלפרעד וואַדערס: „באַשטימט, אַז די קליין־שטעטלדיקע מיטלשול איז אַ בעסערער כאַראַקטער־בויער ווי די גרויס־שטאָטישע מיטלשול". גינגאָלד וועט רעדן פּאַר, און וואַדערס — קעגן. וועט ער זיך אַנזען אַנטקעגן וואַדערסן, וועלן מיר אים אַריינגעמען אין דעבאַטיר־קלוב. ניט, איז ניט.

— גינגאָלד קעגן וואַדערסן ? — האָט זיך דער לערער געקווענקלט,—וואַדערס איז אַ געענדיקטער פון „סמיטס פּרעפּערעטאָרי סקול", די בעסטע פּריוואַטע מיטלשול אין לאַנד. דערצו איז ער מיט דריי יאָר עלטער פון גינגאָלדן. ער קומט דאָך אַהער נאָר פון יוצא וועגן. ניין, ס'איז ניט קיין גלייכע פּאָר. גינגאָלד דאַרף זיין אַ גאון צו קאָנען זיך פּאַרמעסטן מיט וואַדערסן.

— יאָ, — איר זייט גערעכט, — האָט דער פּרינציפּאַל געענטפערט, — גינגאָלד דאַרף זיין אַן אויסערגעוויינטלעך יינגל, אויב איר ווילט, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין דעבאַטיר־קלוב און ער דאַרף מיך איבערצייגן, אַז ער איז עס.

און אַזוי איז עס געבליבן.

די דעבאַטע איז אַראַנזשירט געוואָרן אויף אַ שבת אינדערפרי, אין אוידיטאָריום פון מיטלשול. עס זיינען געקומען די לערער, דער פּרינציפּאַל און די מיטגלידער פון דעבאַטיר־קלוב. ראָבערטן האָט מען גערעכנט פאַרן שוואַכערן דעבאַטאַנט, האָט ער געדאַרפט שליסן די דעבאַטע. און מען האָט עס אַראַנזשירט אַזוי: צום ערשט האָט גערעדט וואַדערס, דערנאָך ראָבערט. אַ מיטגליד פון דעבאַטיר־קלוב האָט סומירט ביידנס רייד. דערנאָך האָט וואַדערס געענטפערט ראָבערטן און צום שלוס — ראָבערט.

וואָדערם איז צוגעטראָטן צו דער דעבאַטע ניט קיין צופרידענער. אים איז ניט אָנגעשטאַנען די גאַנצע מעשה. הערט נאָר! ער זאָל גאָר דעבאַטירן מיט אַ „פרעשמען" און נאָך מיט וועמען? עפּעס כ׳וויים ווער, געקומען ערגעץ פון דער איסט-סייד אין ניו יאָרק. אָבער נאָכדעם, ווי ראָבערט האָט אָפּגערעדט זיינע פופצן מינוט, האָט וואָדערם דערזען, אַז ער האָט אַ גאַנץ שטאַרקן קעגנער. דערפאַר טאַקע האָט ער די אַנדערע פופצן מינוט גענומען די דעבאַטע גאַנץ ערנסט. ער האָט רואיק זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער טענה און זי צעקלאַפּט. נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט ראָבערטס אַרגומענטן האָט ער פאַרגליכן די קליין-שטעטלדיקע מיטלשול מיט דער גרוים-שטאָטישער. ער האָט געשילדערט די גוט-איינגעשטעלטע לאַבאָראַטאָריעס, די גרויסע ביבליאָטעקן, די מוזייען, די קונסט-אויסשטעלונגען. אויך די גרויסע פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין די גרויסע שטעט, דאַן די ציטונגען, און די מעגלעכקייטן צו באַקאַנען די שילער מיט אַלע טעכנישע אויפטואונגען, וואָס די קליין-שטעטל-דיקע סטודענטן קענען קיינמאָל ניט אָנזען.

וואָס קאָן ראָבערט ענטפערן?

מיט אַ קוים מערקבאַרן שמייכל האָט ער אָנגעהויבן:

„קיינער לייקנט ניט, אַז די גרוים-שטאָטישע מיטלשולן זיינען רייכער, גרעסער און שענער ווי די קליין-שטעטלדיקע. אוודאי קאָן מען קריגן אַ בעסערע בילדונג אין אַ גרוים-שטאָטישער מיטלשול. מיר דעבאַטירן אָבער ניט, וואו מען קאָן זיך מער אויסלערנען. מיר דעבאַטירן דעם כאַראַקטער. דאָס איז עפּעס אַנדערש. פאַר אַנט-וויקלען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט דאַרף מען ניט קיין רייכע שולן. דאָוגלעס איז געווען מער געבילדעט ווי לינקאָלן. דאָוגלעס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ רייכער פאַמיליע, געהאַט ביכער, ניין גאַנצע ביבליאָטעקן. לינקאָלן האָט געדאַרפט גיין צופוס מיילן ווייט צו קריגן אַ בוך. לינקאָלן האָט ניט געהאַט קיין ביבליאָטעקן אַרום זיך, אָבער יעדעם בוך, וואָס ער האָט געליינט, האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך. דאָס בוך איז געוואָרן אַ טייל פון אים אַליין"...

„גרויס-שטאָטישע שולן... איך קאָן די גרויסע שטאָט. איך קאָן די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. איך קאָן ניו יאָרק".

און ראָבערט האָט אָנגעהויבן שילדערן דעם טומל, דעם הו-האַ פון ניו יאָרק. ער האָט געמאָלן ניו יאָרק בייטאָג און ביינאַכט, אין אַ שיינעם וועטער און אין אַ מיאוסן, אין וואָכעדיקע טעג און אין רו-טעג. נאָכדעם האָט ער אָנגעוויזן אויף דער רואיקייט פון אשאשאק, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט די וואַשינג-בערג „און וואו קאָן מען זיך מער אויסלערנען?" האָט ראָבערט געפרעגט צום שלוס. „געוויס — אין דער גרויסער שטאָט. אָבער וואו קאָן דאָס געלערנטע ווערן אַ טייל פון אונדז? וואו קאָן דאָס געלערנטע איבערלאָזן טיפערע שפורן? ניט דאָרטן, אינעם הו-האַ, נאָר דאָ אין דער שטילקייט, אין דער רואיקייט. דאָ, וואו דער מענטש פילט זיך ווי אַ טייל פון גאָטס וועלט".

וואָדערם האָט אים שטאַרק געדריקט די האַנט. דער פּרינציפּאַל האָט געשמייכלט צום ליטעראַטור-לערער:

— דאָס ייִנגל האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און אַ צונג אין מויל. ער וועט זיך אַמאָל לאָזן הערן!

ראָבערט איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעבאַטיר-קלוב — איינשטימיק. מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער יערלעכער דעבאַטע מיט פּיטסבורג.

וואָדערם האָט איינגעלאַדן דעם קלוב צו זיך אַהיים אויף אַ באַראַטונג.

קאַפּיטל פינף

אַלפרעד גמליאל וואָדערס

אַלפרעד גמליאל וואָדערס איז געווען דער זון פון באַוואוסטן וואָדערס, געוועזענעם מיניסטער פון האַנדל אין קאַבינעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. באַרימטער אינדוסטריאַליסט, פילאַנטראָפּ, ספּאָרטסמאַן, פינאַנסיסט און פידל־שפּילער. וואָדערס עלטער־זיידע האָט געגרינדעט די שטאָט אשאשאַק אויף די ברעגן פון טייך סעם־קאַוואַנע. דער זיידע האָט אויפגעבויט דעם ערשטן טעקסטיל־וואַר־שטאָט. איצט איז געשטאַנען אויף דעם זעלביקן פּלאַץ איינע פון די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקן פון לאַנד. אויפן עק שטאָט, וואו אַמאָל איז געשטאַנען דעם זיידנס ברעוונע־שטיבל, איז איצט געשטאַנען אַ פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ פּראַכטפולן פּאַרקאַן, געמאַכט פון ספּעציעל אויסגעקלאַפּטע און קונציק אויסגעהאַמערטע שטאַבעטן.

אַ גרויסער טויער האָט געפירט צום גרויסן פּאַלוואַרק. צום פּאַלאַץ האָט געפירט אַ ריין־אויסגעפּלאַסטערטער וועג. טיף צווישן די ביימער איז געשטאַנען די גרויסע מויער. אַרום דער הויפּט־גע־ביידע זיינען געווען שטאַלן פאַר לויף־פערד, גאַראַזשן פאַר אויטאָ־מאָבילן. צוויי טענים־פּלעצער (קאָורטס). איין טענים־קאָורט פאַרן זומער — אונטערן פרייען הימל. דער צווייטער קאָורט, אַ ווינטער־דיקער, מיט אַ הויכן דאַך און אַ באַהייצטער.

אַרום פּאַלאַץ איז געווען געפּלאַנצט אַ פּראַכטפולער גאָרטן, באַפּוצט מיט געקינצלטע סאַזשעלקעס און איבער זיי איבערגעוואָרפן מיניאַטור שטיינערנע בריקן. אין די פּאַלאַצן זיינען געווען ספּעציעלע זאַלן פאַר די גרויסע קונסט־ווערק, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן פון דער וואָדערס־משפּחה אין משך פון דורות.

די וואָדערס האָבן געהאַט נאָך עטלעכע פּאַלאַצן איבערן לאַנד. איין פּאַלאַץ אין ניופּאָרט, וואו די אַריסטאָקראַטן פון לאַנד קומען זיך צוזאַמען אין סעזאָן, און נאָך אַ פּאַלאַץ אין וואַשינגטאָן. דער פּאַלאַץ אין אַשאַשאַק איז געשטאַנען עלף חדשים אין יאָר ליידיק. נאָר די לעצטע צוויי יאָר איז ער געווען באַזעצט גאַנצע צוואַנציק חדשים. יעדן יאָר פון סעפּטעמבער ביז יולי. פריער איז דער פּאַלאַץ געווען אָפּן צוליב דער עלטסטער טאָכטער און איצט צוליב אַלפרעד גמליאל וואָדערס דזשוניאָר. ס'איז געווען אַ טראַדיציע אין דער משפחה, אַז יעדעס קינד מוז באַזוכן כאָטש איין יאָר די אַשאַשאַק מיטלשול. די מיטלשול, וואָס האָט געטראָגן דעם עלטער-זיידנס נאָמען.

ס'האָט זיך געפירט אַזוי: פריער האָט דאָס קינד געענדיקט אַן אַריסטאָקראַטישע פּריוואַטע מישלשול. נאָכדעם האָט עס באַזוכט אַ יאָר די אַשאַשאַק מיטלשול.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער וואָדערס האָט געשפּילט די הויפּט-פידל אין מיטלשול. היי-יאָר אויך. אַלפרעד גמליאל וואָדערס דזשוניאָר איז געווען אויף אַלע טימס, אויף אַלע קאָמיטעטן.

— ער פעלט נאָר אין לערער-שטאַב, — האָט מען געשפּאַסט אין דער שול.

ס'האָט זיך גערעכנט פאַרן גרויסן כבוד באַלאַנגען צום דעבאַטיר-קלוב און איינגעלאַדן צו ווערן פון וואָדערסן צו זיך אַהיים... ראָבערטס פעטער איז געווען אין זיבעטן הימל. ער האָט צופרידן געשמייכלט:

— דו קלאַפּסט אָן גאָר אין די הויכע פענצטער, באָב. לואי דער דיוק איז געווען גערעכט.

ראָבערט האָט געשוויגן. אין האַרצן האָט ער זיך געפרייט און געשראָקן:

— זאָלן זיי כאָטש דאָרטן נאָר רעדן וועגן דער דעבאַטע און ניט וועגן דעם מאָלצייט. אָדער גלאַט אַזוי פאַרברענגען.

אָבער זיי האָבן ניט גערעדט וועגן דער דעבאַטע. דער גרויסער גאַסט־צימער איז געווען באַפּוצט מיט בלומען און וואונדערבאַרע געמעלעכץ אויף די ווענט. דער גרויסער לאַנגער טיש איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס־גוטס. צוויי לאַקייען, אָנגעטאָן אין בלויע פּאַרמעס, האָבן יעדע ווײַלע דערלאַנגט און צוגענומען. חברה האָט געגעסן, געטרונקען און גערויכערט און געטומלט.

ראָבערטן האָט זייער געשפּרעך ניט אינטערעסירט. באַלד ווי ער האָט זיך געזעצט ביים טיש, האָט ער אַרויסגעקוקט דורך די גרויסע פענצטער און דערזען דעם פּאַרקאַן פון די אייזערנע שטאַכעטן און עפּעס האָט אים דאָס בילד דערמאָנט.

פונדערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער פון מיידלעך און יינגלעך, אַ דומפּער אָפּהילכן פון אַ באַל. ער ווייסט, דאָס שפּילט מען ערגעץ טענים. אָבער דאָס אָפּהילכן פון באַל, דאָס לויפנדיקע וואַסער. דער פּאַרקאַן פון די אייזערנע שטאַכעטן, האָט אים אויך אָן עפּעס דערמאָנט.

דורך דעם פענצטער האָט ער געזען ווי אַ מיידל, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן סוועטער, האָט זיך געיאָגט נאָך אַ באַל. יאָ ,ער ווייסט, אימיצער האָט אים דערציילט וועגן אַזאַ סצענע. ווער?

לעבן טיש האָט חברה געטרונקען ווײַן. ראָבערט האָט שטאַר געקוקט דורך דעם פענצטער און זיך ניט צוגערירט צו קיין זאַך. וואָדערס האָט אַרויסגעלאַכט:

— סעי, באַב, דו רירסט זיך דאָך ניט צו צו די גוטע זאַכן.

— וואָס, וואָס? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— איך ווייס ניט וואָס, — האָט וואָדערס געענטפערט, — עפּעס קוקסטו מיר אויס, ווי דו וואָלסט דערזען גייסטער.

— ווען הויבן מיר אָן איבעררעדן וועגן דער דעבאַטע, — האָט ראָבערט געפרעגט ווי צעטומלט.

— וואָס דעבאַטע, ווען דעבאַטע, — האָט וואָדערס געענטפערט.

— פאַרגעס עס, ברודערל. טרינק, עס! באַלד וועלן קומען די מיידלעך, מיר'ן אַריינכאַפּן אַ טאַנץ. גענוג צייט אויף דער דעבאַטע.

— אָ, — האָט ראָבערט אויסגערופן.

— וואָס אָ? וואָס אָ? מיר׳ן איצט האָבן אַ גוד-טיים. אַזוי פירן זיך אַלע וואָדערס. מיר לאָדן איין אַהער דעם קלוב און מיר פאַר-ברענגען. מיר׳ן פאַרברענגען דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָכדעם וועט אייך אונדזער שאופער אָפּפירן אַהיים.

ראָבערט האָט זיך דערפילט ענג. טרינקען וויין און מיידלעך. וואָס נאָך? ער האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן, אָט פונקט ווי סלימס גענג. און דערצו דער פאַרקאָן, דער גאָרטן, עפּעס טאַקע ווי געשפּענסטער. ער וואָלט איצט געוואָלט גאָר זיין אין דער היים. אָבער ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס? און איידער ער האָט די זאַך גוט באַטראַכט, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן. איך מוז זיין דריי אַזייגער אין דער היים. און איצט איז שוין אוודאי נאָך דריי.

— יאָ, טאַקע שוין נאָך דריי, אָבער וואָס האָסטו זיך מיטאַמאָל דערמאָנט?

ראָבערט האָט געפילט, אַז ער מוז געפינען אַ תירוץ. און עס האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַזאַ נאַרישקייט:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן אָנקאָרמענען מיינע פישלעך אין גלעזערנעם סלאָי. איך האָב דאַרפן צען טראָפּישע פישלעך.

חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און וואָדערס אויך. ראָבערט האָט דערזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. אָבער דאָס געלעכ-טער האָט אים גערייצט, איבערהויפּט וואָדערס לאַכעדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך גערייצט:

— דו באַלאַנגסט ניט דאָ, שנאָרער. פּלוידערסטו מיטן צונג, און טאַקע ווי קומסטו אַהער, שלעפּער?

ראָבערט איז געוואָרן אין כעס. ער איז צוגעגאַנגען צו וואָ-דערסן און רואיק, מיט אָפלאַכנדיקע אויגן, האָט ער גערעדט צו אים:

— פאַרשטייסט, טראָפּישע פישלעך מוז מען אָנקאָרמענען צו דער מינוט. מען גיט זיי עסן איינמאָל אַ וואָך. דערפאַר אָבער צו

דער מינוט. זיי זיינען דאָך אַזעלכע קליינינקע. קריגן זיי ניט זייער שפּייז צו דער מינוט, שטאַרבן זיי.

וואָדערס האָט אויפגעכאַפּט ראָבערטס אָפּלאַכנדיקע אויגן און האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע:

— שטאַרבן, ווערן טויט.

— טויט ווי געטריקנט האָלץ, און פאַרשטייסטו, אַז זיי זיינען טויט, שווימען זיי אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון סלוי. מען מוז זיי אַרויסוואַרפן, און ס'איז פריקרע. מוז איך זיך איילן אַהיים. דו וואָלסט דאָך ניט געוואָלט, אַז אומשולדיקע ברואימלעך זאָלן צוליב אָט דער פּאַרטי שטאַרבן.

— אוודאי ניט.

— גוט, גיי איך אַהיים.

אַז ער איז אַרויס פון צימער, איז וואָדערס געבליבן שטיין אַ ווײַלע שטיל און נאָכדעם אויסגערופן:

— אָט דער חברהמאַן האָט דאָך געלאַכט פון מיר! אים איז ניט געפעלן געוואָרן אונדזער פּאַרטי. אַזאַ קערל. איך לאַד אים איין און ער לאַכט גאָר אָפּ. אָבער איך מוז צוגעבן: אַ קעפּל און אַ צינגל האָט ער. הערט נאָר:

— „דו וואָלסט דאָך ניט געוואָלט, אַז אומשולדיקע ברואימלעך זאָלן צוליב אָט דער פּאַרטי שטאַרבן!" סעי! דזשעימס, דערלאַנג נאָך ווײַן. איך מוז זיך אָנטרינקען — אַזאַ שנעקל זאָל אַזוי שנעל קריגן איבער מיר די אויבערהאַנט. איבער מיר, אַ וואָדערס! און ווער איז ער צו אַלע פּערצן טייוואָלים?

***

ס'איז געווען שבת. ראָבערט איז געקומען אַהיים ווי אַ צעדולטער. דער פּעטער האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס אַזוי שנעל?

— ווײַס איך וואָס, זיי זיינען זיך ניט צוזאַמענגעקומען צוגרייטן די דעבאַטע. זיי האָבן געמאַכט גאָר אַ פּאַרטי מיט ווײַן און אַלערליי צובייסן. און לאַקייען האָבן סערווירט אויף טעצלעך, טעלערלעך

צענדליקע מאכלים. יעדן איינעם האָט מען געגעבן אַ באַרג מיט גאָפּלען און לעפּעלעך און מעסערס. דערנאָך האָבן געדאַרפט קומען מיידלעך און מען האָט געזאָלט טאַנצן. און איך קאָן טאַנצן ווי אַ באָק. בין איך אַנטלאָפן.

— ווי אַזוי? גלאַט גענומען און אַנטלאָפן?

— איך האָב שוין אָפּגעזוכט אַ תּירוץ.

דער פעטער האָט דערזען, אַז ראָבערט איז עפּעס צעטראָגן, האָט ער אים געלאָזן צורו און ראָבערט איז געבליבן אין הויז אַ צערייצטער: דער פּאַרקאַן און דער גאָרטן און דאָס מיידל, וואָס האָט געשפּילט באַל, האָבן אים געמיניעט פאַר די אויגן. וואו האָט ער עס אַלץ געזען?

אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. ער איז שלעכט געשלאָפן שבת ביינאַכט און זונטיק ביינאַכט האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. ער איז איינגעשלאָפן שפּעט און האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. אין אַ האַלב-וואַכעדיקן צושטאַנד האָט ער זיך געמאַטערט דערמאָנען: וואו האָט ער אַלץ געזען?

ער האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרובירט זיין אַלט מיטל — פאַרגלאָצן די אויגן. דער דיל איז געוואָרן אַ גלעזערנער, אונטערן גלאָז אַ טיפער צימער אין צימער זיינען מענטשן און געשטאַלטן. קלאָרע, דייטלעכע געשטאַלטן, אָט די וואָס ער האָט געוואָלט זען. אָבער איצט, ווייל ער האָט זיך געמאַטערט, זיינען די געשטאַלטן געבליבן ווי פאַרגליווערט און זיך ניט גערירט פון אָרט.

ער האָט עטלעכע מאָל עס פּרובירט און אים איז עס ניט גע־לונגען. אָבער אין דעם האַלב-וואַכעדיקן צושטאַנד האָבן זיך די בילדער גענומען בייטן און אָט זעט ער אַן אַנדער פּאַרקאַן, פון איין זייט פּאַרקאַן אַ פאַרשמאַכט יינגל מיט אַ פאַרחלשט מיידעלע פון היץ און פון דער אַנדערער זייט פּאַרקאַן אַ פריילעך מיידעלע אָנגע־טאָן אין ווייסן, שפּילט באַל. אָט איז נאָך אַ דייטלעכער בילד — אַ סך קינדער שטייען אין אַ ריי און וואַרטן אויף עפּעס. און

אַט זעט ער די צימערן אין עלן סטריט. דער טאַטע מיט אַ פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ זיצט לעבן אים, לעבן ראָבערטן, אויפן בעט. ער, ראָבערט, איז נאָך גאָר קליין און דער טאַטע דערציילט:

„מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער פאַבריק און זיך געשטעלט אין דער ריי. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן שטונדן־לאַנג. מיר זיי־נען געשטאַנען לעבן אַ הויכן פּאַרקאַן".

„דער פּאַרקאַן איז געווען געמאַכט פון אייזערנע שטאַכעטן. אויף יענער זייט פון די שטאַכעטן — אַ וואונדער־שיינער שפּאַציר־גאָרטן. הויכע געדיכטע, בלעטערדיקעביימער, אויסגעפּלאַסטערטע סטעזשקעס צווישן גרינע קורץ־אָפּגעשניטענע גראָזן. קינדער אָנ־געטאָן אין ווייסן שפּילן זיך אין פּילקע (באַל) אָדער רייפן. צוויי פאָנטאַנען שלאָגן מיט וואַסער. דער גאָרטן איז שאָטנדיק און קיל. די קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט, זיינען געווען זאַט און צופרידן. מיר, די קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען אין ריי, זיינען געווען פאַרשמאַכט, אויסגעמאַטערט פון היץ און געשלונגען די אייגענע פאַרטריקנטע צינגער!"

און באַלד פאַרשווינדט דער טאַטע מיט דעם פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און ער זעט דעם טאַטן אַן אומעטיקן:

„איך זע, אַז דו ביסט אויף יענער זייט פּאַרקאַן, מיין זון!"

ראָבערט איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און גענומען זיך רייבן די אויגן. איז ער געשלאָפן און געחלומט? מיטאַמאָל האָט זיך דער־הערט אַ געזאַנג און אַ טופּען פון פיס. עפּעס אַ מאָדנער געזאַנג און אַ טופּען פון הונדערטער פאָר פיס. וואָס, ס'איז נאָך אַלץ דער חלום? ניין, ס'איז ניט קיין חלום. דאָס געזאַנג ווערט העכער, שטאַרקער. אָט איז עס שוין גלייך אונטערן פענצטער, לעבן וואָדערס טעקסטיל־פאַבריק.

די פענצטער ווערן ווייסער. ראָבערט זעט הונדערטער גע־שטאַלטן ציען זיך, צוויי אין אַ ריי, צו דער פאַבריק צו, און די געשטאַלטן זינגען. וואָס האָט פּאַסירט?

ער האָט זיך גענומען פיבעריש אָנטאָן.

קאַפּיטל זעכס

באַשיצער פון גזזעץ

דער פּעטער און אַלסאָן זיינען געשטאַנען אין געוועלב ביי דער טיר און האָבן אַרויסגעקוקט אין גאַס. ראָבערט האָט זיך גע־שטעלט לעבן זיי. דער פּעטער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט דיך אַרויסגעשלעפּט פון בעט ?

— דאָס געזאַנג, — האָט ראָבערט געענטפערט.

אַלסאָן האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אַרויסגע־זאָגט:

— יאָ, עס קאָן אַ טויטן אויפוועקן. וואָדערס פּאַלאַץ איז אָבער אין עק־שטאָט און וואָדערס אַליין — ערגעץ אין פלאָרידע. ער הערט זיי ווי די קאַץ.

— וואָס עפּעס וואָדערס ? — האָט ראָבערט געפרעגט.

— ביי וועמען סטרייקט מען ? ניט ביי וואָדערסן ? — האָט זיך דער פּעטער אַריינגעמישט, — ביי מיר סטרייקט מען ? ביי אַלסאָנען ?

די מחנה האָט זיך געצויגן ריי נאָך ריי — מענער, פרויען, האַלב־דערוואַקסענע יינגלעך און מיידלעך. דער פרימאָרגן איז געווען אַ פראָסטיקער, אַ ווינטיקער — אַן אמתער מערץ־פרימאָרגן. די מאַרשירער זיינען געווען איינגעוויקלט אין אַלערליי שמאַטעס. די ערד איז געווען האַרט און דאָס טראָמפּלען פון דער מאַסע האָט אָפּגעהילכט אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט.

דאָס געזאַנג האָט זיך צונויפגעמישט מיטן טופּען פון די פיס. די מעלאָדיע איז געווען אַלעמען באַקאַנט — אַ מעלאָדיע פון אַן אַלט באַרג־ליד. די ווערטער זיינען אָבער געווען נייע, נאָר־וואָס צוגע־

פּאַסטע, אומבאַהאָלפענע, שווערע ווערטער. ניט אַלע האָבן זיי געקענט. האָבן זיך קיין ווערטער טאַקע ניט געהערט, אָבער די מונטערע מעלאָדיע האָט זיך געטראָגן הויך אין דער לופט.

אַ געניטע האַנט האָט אָרגאַניזירט די דעמאָנסטראַציע. אָט האָט זיך דאָס געזאַנג אָפּגעהאַקט. די מאַסע איז געבליבן שטיין שטיל. אַ פּלאַקאַט האָט זיך הויך אַ הויב געטאָן. אַ פּלאַקאַט מיט רויטע ווערטער: „מיר ווילן ניט הונגערן!" די מאַסע האָט אויפגע־כאַפּט די ווערטער. איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל.

באַלד האָט זיך אויפגעהויבן נאָך אַ פּלאַקאַט און נאָך אַ פּלאַ־קאַט. די מאַסע האָט נאָכגעזאָגט די ווערטער און ס'האָט געקלונגען עפּעס ווי אַ תפילה, אָבער אָן געבעט, נאָר אַ צאָרנדיקער אויסגעשריי קעגן אַ מאַכט, וואָס מען האַסט און מ'האָפט זי צו באַזיגן.

אַרום פאַבריק האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע מענטשן. אין גרויען פרימאָרגן האָט מען געקענט זען זייערע פּנימער — בייזע, אָנגעכמורעטע, ניט קיין אויסגעשלאָפענע. יעדער מאַן האָט געהאַלטן אַ ביקס אין פאַרבייגטן אָרעם. זיי האָבן זיך צעשטעלט אין גרופּעס פון צען. אַ גרופּע לעבן יעדער וואַנט פון פאַבריק. אַרום אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען ביי אַ צוואַנציק, אַלע אָנגעשפּאַרט אויף די ביקסן. דער הויפּט איז געשטאַנען, אָנגעטאָן אין גלאַנציקע „פּוטים" און אַ פאַרשפּילעטן מונדיר — אַ לעדערנער פּאַס גוט פאַרשטייפט. פון לעדערנעם פּאַס איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שיידל מיט אַ רעוואָלווער.

ס'איז גוט ליכטיק געוואָרן. ראָבערט האָט דערקאָנט דעם פירער:

— ס'איז דאָך סלים!

— ווער? — האָט דער פעטער געפרעגט.

— סלים. דער אָנפירער פון דער באַנדע קליינע גנבימלעך. זע, אָנקל, די גאַנצע „גענג" איז דאָ: בוטש, מיקי, דזשים, פּימפּלס און מאָנקי — אַלע מאַרשירן זיי מיט די אַרבעטער. ס'איז עפּעס ניט גלאַט.

— פאַרוואָס ניט גלאַט ? — האָט דער פּעטער געפרעגט רואיק,
— זיי זיינען דאָך אַרבעטער-קינדער.

— זיי וועלן ניט וואַגן זיך שטעלן אַנטקעגן סלימען. יאָ סטרייק, ניט סטרייק. און זע נאָר, אַלסאָן, זיי האַלטן זיך צוזאַמען, — האָט ראָבערט אויסגערופן.

די פּיקעטס האָבן זיך אָפּגעשטעלט גאָר נאָענט פון דער פאַבריק. ס'איז געוואָרן שטיל. אין דעם גרויען פרימאָרגן, האָט זיך ראָבערטן געדוכט, זיינען די אַלע מענטשן איינגעפראָרן.

אַ פּאָר אַרבעטער האָבן אַ כאַפּ געטאָן אַ יונג אויף זייערע פּלייצעס. דער יונג האָט אָנגעהויבן רעדן. פנימער האָבן זיך גענומען ווייזן אין די פענצטער פון פאַבריק. דער יונג האָט זיך געווענדט צו די, וואָס זיינען געבליבן אַרבעטן :

— קאַמעראַדן ! איך ווייס, איר זייט געבליבן ביי די וועבשטולן און שפּין-מאַשינען ניט פון וואוילטאָג. אַ פּאָר טעג אַרבעט, אַ געהעכערטער לוין איז ביי אייך אַ גרויס געווינס. אָבער מיר, וואָס זיינען אַרויס אין סטרייק, האָבן אויך געאַרבעט פאַר דעם זעלביקן הונגער-לוין וואָס איר, און ס'איז אונדז אויך שווער איצט אויסצוקומען אָן שכירות. אָבער בעסער גאָרניט אַרבעטן, ווי אַרבעטן און ניט האָבן אויפן נויטיקסטן. דריי מאָל האָט מען אונדז געשניטן די שכירות. ס'איז שוין מער ניטאָ פון וואָס צו שניידן. אייך נאַרט מען. מען גיט אייך אַ פּאָר דאָלאַר מער. אָבער די פּאָר דאָלאַר וועט מען פון אייך אַרויסקוועטשן. זאָל נאָר וואָדערסן געלינגען ברעכן דעם סטרייק.

זיין שטים איז געווען אַ שטאַרקע, אַ הילכיקע. זי האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער פאַבריק. פענצטער האָבן זיך געעפנט און מער און מער פנימער האָבן זיך באַוויזן.

סלים האָט אומרואיק אַרומגעשפּאַצירט לעבן זיינע באַוואָפנטע מענטשן. ער האָט יעדע ווײַלע אַ צי געטאָן זיין פאַרשטייפטן לעדערנעם פּאַס. קאָנטיק, אַז ער איז געווען זייער אומרואיק און געוואַרט אויף עפּעס.

ער האָט זיך דערוואָרט.

אימיצער האָט אַ שלײדער געטאָן אַ שטײן גלײך אויף די „דע־פּיוטים". באַלד נאָך אַ שטײן און נאָך אַ שטײן.

סלים האָט אָנגעהויבן געבן באַפעלן. די „גאַרדס" האָבן גענומען זיך שטעלן אין רײען. זײ האָבן פאַרוואָרפן די ביקסן אויף די אַקסלען. סלים האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. זײ האָבן די ביקסן אַ כאַפּ געטאָן מיט בײדע הענט.

דער יונג אויף די אַקסלען פון די אַרבעטער האָט גענומען שרײען צו דער מאַסע:

— קאַמעראַדן, פּראָוואָצירט ניט קײן בלוט־באַד. דאָס װילן דאָך די געדונגענע מערדער. דיסציפּלין, קאַמעראַדן!

אָבער דזשימי און זײן גענג האָבן געטאָן זײערס. זײ האָבן געוואָרפן שטײנער און זיך געצילט אין די פענצטער און אויף די „היטער". אַ סך אַרבעטער זײנען מיטגעריסן געוואָרן און אויך אָנגעהויבן װאַרפן שטײנער.

עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון ביקסן.

ראָבערט האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר. אַלסאָן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בײ אײן האַנט, דער פעטער בײ דער אַנדערער האַנט.

— וואוהין?

— זײ צעשיסן דאָך מענטשן. און ס'איז אַלץ די אַרבעט פון דער גענג. איך האָב אײך געזאָגט פריער, אַז די גענג אַרבעט פאַר סלימען.

— ניט דײן עסק, — האָט דער פעטער אַרויסגערעדט אומרואיק,

— בלײב דאָ.

— איך װיל ניט בלײבן.

— שלעפּ אים אַרײן אין הויז, פאַרשליס די טיר, אַלסאָן. לאָז אַראָפּ די ראָלעטן, — האָט דער פעטער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. אַלסאָן האָט אויסגעפאָלגט.

זײ זײנען געזעסן אין דער פינצטערער קיך. פון דרויסן האָבן זיך געהערט װילדע קולות און אַ שיסערײ. ראָבערט איז געזעסן

מיט צוגעמאַכטע אויגן. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער דורך די ווענט פון דער קיך געזען סלימס בלייך, גזלניש פנים, די ניט־אויס־געשלאָפענע פנימער פון די גאַרדס, די אָפענע מיילער פון די ביקסן, די שטופעניש, די לויפעניש פון דער מאַסע, די געפאַלענע, די פאַר־וואונדעטע. ער האָט געביסן די ליפּן און געוויינט אין זיך, פון הילפ־לאָזיקייט.

באַלד האָבן זיך דערהערט די סירענעס פון די אַמבולאַנסן, די גלעקער פון די פייער־לעשער, די פייפערייען פון פּאָליציי־לייט.

דאָס פעלד איז אָפּגערייניקט געוואָרן. ס'איז געוואָרן ווידער שטיל. דער פעטער האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון געוועלב. דער דרויסן איז געווען רואיק.

***

יענעם טאָג איז ראָבערט ניט געגאַנגען אין מיטלשול. ביי טאָג האָט דער פעטער געקויפט די נאָכמיטאָג־צייטונג. אויף דער דריטער זייט איז געווען פאַררוקט אַ קליין נאָטיצל: „היינט איז לעבן וואָדערס פאַבריק געווען אַ ביסל טומל. אַ גרופּע אַרבעטער, אָפּגעזאָגטע, געפירט פון פרעמדע אַגיטאַטאָרן, האָט פאַרפירט אַ געשלעג. דער המון איז צעטריבן געוואָרן. פון די דעפּיוטיס איז איינער פאַרוואונדעט געוואָרן".

ווען ראָבערט האָט איבערגעלייענט די נייעס הויך פאַרן פעטער, האָט דער פעטער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס ביסטו אַזוי איבערראַשט? קער איבער אַ זייטל, וועסטו זען — די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פון „וואָדערס פּאַבלישינג קאָמפּאַני". דו ווילסט דאָך ניט, אַז אַ מענטש זאָל שפּייען זיך אַליין אין פנים.

***

דינסטיק איז ראָבערט געקומען אין מיטלשול. מאָדנע. די ליכטיקע, שטילע צימערן האָבן אים אויסגעקוקט פרעמד. די ציכטיקייט

האָט אים געררייצט. דאָס געלעכטער פון די קינדער האָט אים גע־קלונגען מאָדנע. קיינעם אַרט ניט וואָס מענטשן זיינען צעשאָסן געוואָרן צוליב גראָשנס. אָט ווי עס האָט קיינעם ניט געאַרט, ווען זיין פאָטער איז פאַרברענט געוואָרן צוליב פענים, האָט ראָבערט צו זיך גערעדט.

ער האָט אויסגעמידן זיך באַגעגענען מיט וואָדערסן. ווי קאָן ער אים קוקן גלייך אין פנים אַריין?

אַ טאָג שפּעטער האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר. וואָ־דערס האָט אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע און געשפּאַסט:

— קוק נאָר אָן אונדזער האָפענונג, אונדזער זייל און שטיצע, דו קוקסט דאָך אויס צעקנייטשט ווי צען העלפאַנטן וואָלטן אויף דיר געטאַנצט אַ דזשיג.

ראָבערט האָט זיך פאַרלאָרן. ער האָט אַלץ געטראַכט, וואָס ער וועט אַריינזאָגן דעם רייכן זינדל, ווען ער, ראָבערט, וועט זיך טרעפן מיט אים. וואָדערס וועט זיך דאָך פילן שולדיק און וועלן זיך פאַרענטפערן, ס׳וועט אים אָבער ניט העלפן. און דאָ שטייט פאַר אים דער יונג ,אַ זאָרגלאָזער, אַ לאַכנדיקער, שפּאַסט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט.

ראָבערט האָט אַרויסגעזאָגט:

— איך האָב מאָנטיק בייגעוואוינט די שיסעריי לעבן דיין טאַטנס טעקסטיל-פאַבריק.

— דו שטייסט אויף צו פרי. זעסטו זאַכן וואָס מען דאַרף ניט זען. וויי‏טער שלאָף שפּעטער, — האָט וואָדערס אַ שפּאַס געטאָן און איז אַוועק.

ראָבערט איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. צום ערשט האָט ער געוואָלט זיך לאָזן נאָך אים, אָנכאַפּן אים און אַריינשרייען אים אין פּנים: — אַ מערדער איז דיין טאַטע! אַ מערדער פאַר גראָשנס!

— באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך. ביי אים, דעם אַריסטאָקראַט, איז עס גאָר אַ שפּאַס.

ער האָט זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין קלאַס-צימער.

קאַפּיטל זיבן

אין נאָמען פון געזעץ

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך פאַר ראָבערטן די שטאָט צעטיילט אין צוויי טיילן.

איין טייל איז אָנגעגאַנגען מיטן טאָג-טעגלעכן לעבן, ווי אַלע-מאָל. די שוי-פענצטער — פאַרביק און רייך אויסגעפּוצט. לעבן באַנק איז, ווי אַלעמאָל, געשטאַנען דער ספּעציעלער פּאָליציאַנט, אָנגעטאָן אין זיין בלויער פּעלערינע, און זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר די באַזוכער. דאָס „מואווי-הויז" איז יעדן אָוונט געפּאַקט. אין דרויסן איז, ווי אַלעמאָל, געשטאַנען אַ ספּעציעלע שילד מיט אַ בילד פון מיטלשול-אָרקעסטער. רויטע בוכשטאַבן האָבן אָנאָנסירט, אַז קומענדיקן חודש קומט פאָר דער יערלעכער „פּראַם" טאַנץ. די טירן פון די געשעפטן זיינען געווען אָפן. די פענצטער און די ווענט זיינען געווען באַפּוצט מיט גרויסע שילדן וועגן יערלעכן אויס-פאַרקויף.

ווי נאָר אָבער מען איז אַריבער די בריק, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער וועלט. רעדלעך פון אַרבעטער זיינען געשטאַנען לעבן צונויפגעקלאַפּטע ביידלעך — די אומזיסטע קיכן. כמעט אַלע הייזער זיינען געווען פאַרקלעפּט מיט רויטע צעטעלעך — באַקאַנטמאַכונגען פון שעריף, אַז מען וועט אַרויסשטעלן פון וואוינונג. אַ סך הייזער זיינען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער — דאָס זיינען הייזער, פון וועלכע די קאָמפּאַניע האָט שוין אַרויסגעוואָרפן די איינוואוינער. זיינען טאַקע אויף אַ סך הויפן געווען אויפגעשטעלט לייוונטענע געצעלטן. די גאַנצע אָרימקייט האָט אָבער ניט געקאָנט אַריין אין די ביידלעך, האָט זיך דאָ און דאָרט געוואַלגערט אַ טיש, אַ בעט, אַ שטול, אַ האַלב-צעריסענע ווייכע סאָפע.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען די אומזיסטע קיכן און די הילף־סטאַנציעס פאַרשוואונדן. ראָבערט האָט געהערט, אַז די פּאָליציי איז זיי באַפאַלן, אַרעסטירט די אָנפירער און צעבראָכן אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער האַנט.

גאַנץ אָפט האָבן די אַרבעטער זיך געשטעלט קעגן דער פּאָליציי, און ס׳פלעגט קומען צו צעשפּאָלטענע קעפּ און צעבראָכענע ריפּן.

דער פעטער האָט אין אָנהייב געקרעכצט. די לייזונג אין קראָם איז שטאַרק געפאַלן. נאָכדעם אָבער ווי די הילף־סטאַנציעס און די אומזיסטע קיכן זיינען ניט געוואָרן, האָט זיך דער פעטער מער ניט באַקלאָגט. ראָבערט האָט געזען אין קראָם אַלע אַלטע קונים און אַ סך נייע. זיי האָבן געצאָלט מיט בלויע צעטעלעך.

צוויי מאָל אין וואָך איז צום פעטער געקומען אַ מיטליאָריקער מאַן. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין קיך, אַראָפּגעלאָזן די פאָרהאַנגען, געזעצט זיך ביים טיש און געחשבונט. דער אומבאַקאַנטער האָט עס באַצאָלט דעם פעטער פאַר די בלויע פּאַפּירלעך.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקער טאָג אין סוף אַפּריל. ראָבערט איז געגאַנגען פון מיטלשול אַהיים. אַ צוויי גאַסן פון דער היים האָט ער דערזען סלימען מיט אַ זעקס באַוואָפנטע „דעפּיוטים״ מאַרשירנדיק.

— זיי גייען ערגעץ אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט. מען דאַרף זען וואָס עס וועט געשען, — האָט ראָבערט געזאָגט צו זיך. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען.

די „דעפּיוטים״ זיינען צוגעקומען צו אַ הויז און האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אויף אַ סלופּ פון דער וועראַנדע איז געווען אָנגעקלעפּט אַ רויטער צעטל. לעבן סלופּ איז געזעסן אַן אַלטע פרוי אויף אַ שאָקל־שטול און זיך געוויגט.

די „דעפּיוטים״ זיינען אַריין אין הויז און האָבן אָנגעהויבן אַרויסטראָגן דאָס מעבל. אַן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקלייבן. די „דעפּיוטים״ האָבן אַרונטערגעטראָגן האַלב־צעבראָכענע בעטן, אַ טיש, בענקלעך, קישנס, מאַטראַצן און אַ פּאַק אַלטע צייטונגען, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. די „דעפּיוטים״ האָבן זיך ניט געצע־

רעמאָניעט מיט די זאַכן. גאַנץ אָפּט אַראָפּגעוואָרפן אַ פּאַן, אַ טאָפּ, גלייך פון דער ווראַנדע אויף דער קופּע אָנגעוואָרפענע מעבל.

סלים איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און זיי אונטערגעאיילט:

— שנעלער, שנעלער, וואָס טראָגט איר שמאַטעס, ווי זיי וואָלטן געווען געשליפן גלאָז? וואַרפט דורך די פענצטער.

דער שעריף, וואָס איז געשטאַנען דערביי און געקייט טאַבאַק, איז צוגעגאַנגען צו סלימען, אויסגעשפּיגן מיט אַ פליוך און געזאָגט רואיק:

— ניטאָ זיך וואָס צו איילן, ס'איז אונדזער לעצטער „דזשאַב".

מען האָט אויסגעליידיקט דאָס הויז. די אַלטע איז געזעסן אויפן שאָקל-שטול און זיך אַליין געוויגט. אַ „דעפּיוטי" איז צו איר צוגעגאַנגען:

— העי, באָבע, מיר זיינען שוין פאַרטיק. טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען. מיר דאַרפן אַראָפּטראָגן די שאָקל-שטול. מיר דאַרפן פאַר־קלאַפּן דאָס הויז מיט ברעטער.

די אַלטע האָט ניט געענטפערט.

— איר זענט טויב? — האָט דער „דעפּיוטי געשריען, — הערט, באָבע! מיר זיינען געקומען אייך אַרויסשטעלן פון דער דירה. ס'איז וואָדערסעם הויז און איר צאָלט ניט קיין דירה-געלט.

— שריי ניט, דו הינטישער זון, טו, וואָס דו ווילסט. איך ריר זיך ניט פון אָרט. די שאָקל-שטול האָב איך געירשנט פון מיין זיידן. אַז איך וויל זיצן אויף איר, זיץ איך. קיינער קאָן מיך ניט אַראָפּ־טרייבן. קיינער ניט, זאָג איך דיר. אפילו דער פּרעזידענט אַליין ניט.

— פאַרמאַך דאָס מויל, דו אַלטער זאַק מיט ביינער, — האָט סלים זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אַראָפּ! מיט מיר שפּילט מען זיך ניט.

— אַזוי, — האָט די אַלטע געציִשעט, — אַ העלד אַ גאַנצער. גייט אַרום מיט אַ רעוואָלווער ביים זייט און איז אַ גאַנצער שיסער. איך האָב שוין גרעסערע העלדן פון דיר אָוועקגעלייגט. ווען איך וואָלט נאָר געהאַט דאָ מיין צוויי-רעריקע ביקס!

— איך וועל דיר באלד געבן א ביקס! איך בין סלים. מיט מיר, זאג איך דיר, שפּילט מען זיך ניט! אראפּ! א ניט...

דער שעריף איז צוגעגאנגען:

— ווארט א ווײַלע, סלים. לאז מיך.

צו דער אלטער האט ער אנגעהויבן רעדן מילד:

— נו, באבע, וואס זײַנען מיר שולדיק? ס'איז א באפעל פון געריכט. מיר זײַנען ניט מער ווי דינער פון פאלק. דאס פאלק, אין נאמען פון געזעץ, האט אונדז באפוילן אײַך ארויסצושטעלן, פאלגן מיר.

— קוק נאר אן די פאלקס-דינער, — האט די אלטע געליארעמט, — קוק נאר אן זייערע פּנימער. ליגנער! ניט קיין פאלקס-דינער זענט איר, נאר לאקייען. וואדערסעס לאקייען. געצאלט און געצאלט פאר דעם הויז. געהונגערט און געצאלט. איצט צוגענומען דאס געזונט און געלט און ארויס! ווען איך וואלט נאר געהאט דא מײַן צווײ-רעדריקע ביקס!

— בעסער מיט גוטן, — האט דער שעריף ווײַטער גערעדט, — געזעץ איז געזעץ. מען טאר זיך ניט שטעלן אנטקעגן.

— מיר האבן זיך געשטעלט קעגן געזעץ אויך. געזעצן אזוינס. ס'ווענדט זיך וואס פארא געזעצן. וואדערסעס געזעצן געפעלן מיר ניט. טו מיר עפּעס! ווילסט מיך אראפּשלעפּן, שלעפּ.

— אפשר וועלן מיר עס טאקע טאן, באבע!

— גוט, שלעפּ. זאלן אלע זען ווי מען שלעפּט אראפּ אן אלטע באבע פון איר אייגענער שאקל-שטול. איך וויל טאקע, אז אלע זאלן דאס זען. און לאמיר זען, צי זיי וועלן שווײַגן.

דער עולם האט א ברום געטאן.

דער שעריף האט א קוק געטאן אויף די פינצטערע פּנימער, געזען ווי דער עולם שטייט א שווײַגנדיקער, אן אנגעברוגזטער, אט ווי ער וועט זיך באלד אויף אימיצן א ווארף טאן, — און דער שעריף האט א טראכט געטאן: מען קאן זי ניט שלעפּן מיט גוואלד. באלד האט זײַן פּנים אויפגעלויכטן. ער האט א שמייכל געטאן:

— פון שטול וועלן מיר אייך ניט שלעפּן, אַלטע, אָבער אַראָפּ־טראָגן מיטן שטול צוזאַמען איז אויך ניט אַזוי שווער.

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די צוויי „דעפּיוטיס" און זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן די שאָקל־שטול מיט דער אַלטער און אַראָפּגעטראָגן פון דער ווערענדע.

סלים האָט זיך אַ קער געטאָן צום שעריף:

— דו ביסט צו ווייכהאַרציק מיט זיי, שעריף. מען דאַרף זיי ווייזן אַ שטאַרקע האַנט. איך וואָלט אַראָפּגעשלעפּט די אַלטע נבלה, ווי מען שלעפּט אַראָפּ אַ זאַק קאַרטאָפּל פון אַ וואָגן.

— פאַרמאַך דיין שמוציקן פּיסק, — האָט זיך אַ יונגער וועבער אַ וואָרף געטאָן צו סלימען, — ווען רופסטו אַלטע נבלה?

צוויי „דעפּיוטיס" זיינען צוגעלאָפן מיט אָנגעשטעלטע רעוואָל־ווערן. סלים האָט זיך אַ קער געטאָן צום יונג:

—אַזוי, הייסט מיר פאַרמאַכן מיין פּיסק. איך וועל דיר ווייזן ווי צו האַלטן ס'מויל.

— נעמט אים אַוועק אין די באַראַקעס, האָט ער באַפוילן די „דעפּיוטיס", מירן אים ווייזן ווער עלטער איז.

די „דעפּיוטיס" האָבן אַריינגעלייגט די רעוואָלווערן אין די שיידלען און אַ כאַפּ געטאָן דעם יונגן וועבער אונטער די אָרעמס. דער יונג איז געוואָרן בלייך און האָט געשלעפּט די פיס ווי אַ גע־בונדענער שעפּס.

די אַלטע איז מיט איין שפּרונג צוגעלאָפן צום יונג. זי האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט שפּייעכץ און אַ שפּיי געטאָן אים אין פנים.

— נאַ, איייניקל מיינס, נאַ דיר אַ מתנה פאַר לאָזן זיך נעמען פון די צוויי באַנדיטן אָן אַ ווידערשטאַנד.

דער יונג האָט זיך אַ ריס געטאָן און פאַרפאָרן סלימען גלייך אין מאָרדע אַריין. סלים האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען און איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין לעבן דער הורבע מעבל. די מאַסע

האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די „דעפּיוטים”. דער שעריף האָט גענומען בלאָזן אויף זיין פּאָליציי-פייפל מיט אַלע כוחות.

***

אינמיטן געשלעג האָט ראָבערט דערפילט ווי אימיצער שלעפּט אים ביים אַרבל:

— קום!

ראָבערט האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און איז געוואָרן בלייך. ס'איז דזשימי.

— וואָס ווילסטו, דו קליין גנבל?

— איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן.

— אַזוי, דאַרפסט מיט מיר עפּעס רעדן? איך וועל דיר באַלד געבן אַ רעדן מיט מיר! דו מיינסט, איך האָב ניט געזען ווער עס האָט געוואָרפן די שטיינער ביי דער ערשטער פּיקעט-דעמאָנסטראַציע?

— סלים האָט מיך געשיקט.

— גיי צו אַלע טייוואָלים מיט דיין סלימען אינאיינעם. אָט וועל איך דיר ווייזן, — ראָבערט האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דזשימין.

עפּעס ווי פון אונטער דער ערד איז לעבן זיי אויסגעוואָקסן אַ יונג מיט אַן אָקסנעם האַלדז: אין לאַץ אַ „צייכן” פון אַ ספּעציעלן „דעפּיוטי”, אין אַ האַנט אַ „בילי” (אַזאַ קליינע בלייענע בולעווקע) און טאָרקענדיק ראָבערטן מיט דער „בילי” האָט ער אַרויסגעשיפּעט:

— אַז מען הייסט גיין, דאַרף מען פאָלגן, חכם איינער!

ראָבערט האָט זיך געלאָזן גיין מיט דזשימין. דער ספּעציעלער „דעפּיוטי” נאָך זיי.

קאַפּיטל אַכט

סלימס אַרבעט

זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיק געסל. לעבן אַ פּוסט הויז מיט פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, האָט דער „דעפּיוטי" באַפוילן זיך אָפּשטעלן. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו ראָבערטן און דזשימין, זיי זאָלן אַרויפגיין אויף דער וועראַנדע. אַליין איז ער געבליבן אונטן — היטן.

דזשימי איז גלייך צוגעגאַנגען צום ענין:

— איך בין צו דיר געשיקט געוואָרן פון סלימען.

— געהערט שוין די גוטע נייעס, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— דו הער מיך בעסער אויס, — האָט דזשימי געזאָגט, — אויב דיין פעטער איז דיר ליב. סלים וויל פון דיר אַ קליין טובהלע, אַ געפעליקייט, — האָט דזשימי אָנגעהויבן.

ראָבערט האָט שפּאָטיש אַ לאַך געטאָן:

— פאַר סלימען וועל איך טאָן אַלץ אין דער וועלט. מיין לעבן אַוועקלייגן. דו זאָג נאָר, וואָס ער וויל פון מיר.

— הער אויף זיך קליגלען, חכם איינער, — האָט דער „דעפּיוטי" אַ בורטשע געטאָן, — הער אויס און אַן עק זאָל עס נעמען.

דזשימי האָט אָנגעהויבן רעדן שנעל:

— סלים וויל אַ קליניקייט. צו דיין פעטער קומט אָפּט אַריין שפּעט אין אָוונט אַ געוויסער מעקריווי. מיר האָבן אים שוין לאַנג געוואָלט פּאַקן. מיר קאָנען אָבער ניט. דו געפין אויס, ווען ער וועט נעקסטן מאָל קומען צו דיין פעטער, און לאָז אונדז וויסן. דאָס גאָר. מיר'ן שוין טאָן דאָס איבעריקע.

— דאָס איז אַלץ, וואָס ער וויל פון מיר?

— מער ניט. און זאָרג ניט, באָב, ער וועט דיר גוט באַצאָלן. ער איז אַ גוטער באָס!

— און שטיינער אויף סטרייקער דאַרף איך ניט וואַרפן?

— וואָס עפּעס שטיינער?

— איך ווייס, דזשימי, — האָט ראָבערט געמאַכט זיך טאַמעוואַטע, — איך האָב געזען, דו און בוטש און פרעקלס און פּימפּלס האָבן גע־וואָרפן שטיינער אויף סטרייקער, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל עס אויך דאַרפן טאָן.

— דאָס איז געווען אין אָנהייב סטרייק. איצט דאַרף מען ניט וואַרפן קיין שטיינער. מען דאַרף נאָר כאַפּן אָט די אַלע פרעמדע און זיי געבן קלעפּ.

— דיין טאַטן אויך? ער איז דאָך אַ סטרייקער און אַ פרעמדער.

— איך האָב געזאָגט מיין טאַטן, אַז ער זאָל בעסער גיין אַרבעטן אין פאַבריק. מען צאָלט גוט געלט איצט.

— און דיין טאַטע האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פון הויז.

— ניט דיין עסק! — איז דזשימי געוואָרן אָן אָנגעצונדענער, — דו זאָג בעסער צו, אַז דו וועסט אויסגעפינען ווען מעקריווי קומט.

— און אַז ניט?

— וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט דיר.

— וואָס קאָן ער מיר טאָן?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט דיין פעטער.

— וואָס קאָן ער טאָן מיין פעטער?

— סלים קאָן טאָן אַלץ.

— ביסטו זיכער, אַז ער קאָן אַלץ טאָן?

— זיכער.

— טאָ זאָג אים, אַז ער זאָל אַריינלייגן דעם קאָפּ אין אַ פולן עמער וואַסער און האַלטן זיין טייער קעפּל אין וואַסער צען מינוט. די יוניאָן וועט באַצאָלן פאַר דער לוויה.

— דו קליגל זיך בעסער ניט.

— איך מיין עס ערנסט. און איצט, מיסטער „דעפּיוטי", מעג איך גיין אַהיים? דו ווייסט דאָך, איך דאַרף אויסגעפינען וועגן מיסטער מעקריוויין.

— אַלרייט, גיי. אָבער עס בייסן מיר די פינגער. איך וואָלט דיר געוואָלט גוט דערלאַנגען. מען האָט מיר אָבער אָנגעזאָגט, דיך ניט טשעפּען. דיין מזל.

ראָבערט איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון דער ווערענדע און זיך געלאָזן גיין אַהיים.

ער איז געגאַנגען און געפּייפט — אונטערגעגעבן זיך אַליין מוט. אָבער וואָס נענטער ער איז געקומען צום פעטערס הויז, אַלץ קאַלעמוטנער האָט ער געפילט:

— ס'איז גאַנץ וואויל זיך אויסצופיינען פאַר דזשימין, אַז מען האָט פאַר אים קיין מורא ניט, — האָט ראָבערט געטראַכט, אָבער ס'איז אַ פּאַסקודנע מעשה. סלים וועט גלאַט אין דער וועלט אַריין ניט שיקן דזשימין מיט אַ „דעפּיוטי" נאָך אים, ראָבערטן. סלימען גייט מסתמא אין לעבן פּאַקן מעקריווין. דאָס בעסטע איז דערציילן דעם פעטער, און וואָרענען מעקריווין.

ער איז אַריין אין קראָם, צוגעגאַנגען צום פעטער און אַרויסגעפּלאַצט:

— אָנקל, ווער איז עס אָט דער מעקריווי, וואָס גנבעט זיך אַלעמאָל אַריין צו אונדז?

דער פעטער האָט אַ קוק געטאָן אויף באַבן, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

— וואָס ביסטו מיטאַמאָל נייגעריק געוואָרן וועגן מעקריווין?

ראָבערט האָט אים דערציילט וועגן זיין היינטיקער באַגעגעניש. דער פעטער האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט:

— די גלייכסטע זאַך וועט זיין עס דערציילן מעקריווין. וועסט אויף אים היינט ביינאַכט וואַרטן.

מעקריווי איז אָנגעקומען שפּעט.

ראָבערט איז געשלאָפֿן אויף דער סאָפֿקע צונויפֿגעדרייט אין אַ בייגל. אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפֿגעוועקט. ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגענעצט, אויפֿגעעפֿנט די אויגן, און האָט דערזען מעק־ריווין זיך אַריינשלעפּן אין צימער.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אויסגעריבענעם מאַנטל, איין אַרבל לענגער פֿאַר דעם אַנדערן ,אַזוי אַז ער האָט אויסגעקוקט ווי מיט איין האַנט, אויפֿן קאָפּ האָט ער אָנגערוקט אַ האַלב־צעריסענע קעפּקע. אַ סיגאַרעט איז געווען צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ. די שיך זיינען געווען צעדרייטע.

ער האָט רואיק אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, די קעפּקע, אַ וואָרף געטאָן דעם סיגאַרעט. זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, און גענומען זוכן אין די קעשענעס.

ער האָט באַלד געפֿונען זיין ליולקע און טאַבאַק, פֿאַררויכערט, און שווער אָפּגעזיפֿצט:

— צום טייוול, מען דאַרף גאָר ווערן אַן אַקטיאָר אויף דער עלטער. די הינטישע זין!

— וואָס אַזוי שפּעט, מיסטער מעקריווי? — האָט דער פּעטער געפֿרעגט.

— געדאַרפֿט זיך אויסהיטן פֿון די אויסוואורפֿן. זיי שפּירן דאָך נאָך ווי יאַגד־הינט אַ האָז. און ווער איז אָט דער יאַטל, — האָט מעקריווי געפֿרעגט?

— דאָס איז מיין ברודערס יינגל, ראָבערט. ער האָט אייך אַ שיינע מעשה צו דערציילן.

— וואָס אַזוינס?

— נו, דערצייל, ראָבערט.

ער האָט דערציילט. מעקריווי איז געזעסן שטיל, געפּיפּקעט און אויסגעהערט רואיק די מעשה. נאָכדעם ווי ראָבערט האָט געענדיקט דערציילן, האָט דער יוניאָן־טוער אויסגעקלאַפּט די פֿאַר־לאָשענע ליולקע און געענטפֿערט:

— ס'איז ביי מיר קיין נייעס ניט. זיי וואָלטן מיך שוין לאַנג געוואָלט פּאַקן. היט איך זיך אָבער. געוואָרן אַן אַקטיאָר אויף דער עלטער. אַלעמאָל פאַרשטעל איך זיך אַנדערש, ווען איך דאַרף ערגעץ גיין. ס'איז אָבער ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. איך קאָן גוט די שפּיר־הינט. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל ביי מיר.

— אָבער זיי האָבן געסטראַשעט זיך אָפּרעכענען מיטן פעטער.

— אָבער וואָס קאָנען זיי אים טאָן? — האָט מעקריווי גע־זאָגט, — דיין פעטער איז גוט באַקאַנט אין שטעטל. ער מישט זיך ניט אין סטרייק. זיי וועלן אים צורו לאָזן.

— זיי וועלן אים ניט צורו לאָזן. זיי ווייסן וואָס פאַר אַ געשעפטן ער האָט מיט דער יוניאָן.

— זאָלן זיי ווּיסן. זיי קאָנען עס אָבער ניט באַווייזן. און אַז זיי וועלן יאָ קאָנען באַווייזן איז וואָס? די הילף־סטאַנציע האָבן זיי פאַרמאַכט, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פירן זי אָן. אָבער דיין פעטער מעג דאָך פאַרקויפן סחורה וועמען ער וויל.

— ס'וואָלט אפשר בעסער געווען, איר זאָלט פאָרט ניט קומען אַהער, — האָט דער פעטער געזאָגט.

— אפשר יאָ, אָבער איך דאַרף דאָך קומען זיך צערעכענען מיט אייך.

— איך וועל ברענגען דעם רעכענונג, — האָט ראָבערט געזאָגט.

— מיר'ן זען. אָבער ס'איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. איך האַלט אַז דער סטרייק וועט זיך שוין לאַנג ניט פאַרציען. די „אַמע־ריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעטער" האָט אויפגעהויבן גאָר אַ גרויסן טומל אין די גרויסע שטעט. איך האָב געקראָגן אינפאָר־מאַציע, אַז די טעג וועלן קומען פון ניו יאָרק עטלעכע קאָרעספּאָנ־דענטן פון די גרויסע ציימונגען. ווען דאָס לאַנד וועט זיך דערוויסן פון וואָדערסעם מעשים דאָ אין שטעטל, וועט ער מוזן נאָכגעבן. ער איז אַ צו וויכטיקע פיגור אין דער פּאָליטישער וועלט. זיין פּאַרטיי קאָן ניט דערלאָזן צו אַזעלכע סקאַנדאַלן.

— אָבער סלים וועט ניט סטראַשען אומזיסט, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— איך רעכן, אַז אַזעלכע העלדן ווי סלים רעדן שטענדיק אַ סך. זיי זיינען אַלעמאָל גרויסע העלדן, ווען זיי האָבן ביי זיך אַ רעוואָלווער. זאָל נאָר דער סטרייק זיך ענדיקן. מיר וועלן מיט אים אויך זיך צערעכענען.

ס'איז געוואָרן גוט שפּעט. דער פעטער האָט אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ בלאַ ביכעלע, וואו ס'איז געווען פאַרשריבן אַלץ וואָס די אַרבעטער האָבן געקויפט. ער האָט פאַרגעלייענט פאַר מעקריווין, און מעקריווי האָט עס צוזאַמענגערעכנט. ראָבערט איז אַוועק שלאָפן.

אויף מאָרגן האָט אַ פרעמדער יונג אָפּגעוואַרט ראָבערטן לעבן מיטלשול. שטיל האָט זיך דער יונג צו אים צוגעשאַרט און אַרומגעזוכט צווישן די ציין:

— האָסטו עפּעס נייעס פאַר סלימען?

ראָבערט האָט געוואָלט אַ זאָג טאָן עפּעס אַ שאַרף ווערטל. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן און געענטפערט רואיק:

— ניין!

— וועסטו האָבן נייעס אין אַ פּאָר טעג אַרום?

— ניין!

— אָלרייט, „סמאַרטי", אַ גוטן.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און קיין זאַך איז ניט געשען. יעדן טאָג, ווען ראָבערט האָט זיך פאַרדרייט אויף דעם ראָג פון וועלכן מען האָט געקענט זען דעם פעטערס קראָם, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און שנעלער — האָט עפּעס דאָרט פּאַסירט?

און אַז ער האָט דערזען פונדערווייטנס די ברייטע פענצטער פון קראָם, מיט די אויסגעשטעלטע פּרעזערוון, האָט ער זיך באַרואיקט.

אויפן זעקסטן טאָג, ווען ראָבערט איז צוגעגאַנגען צו דעם ראָג, פון וועלכן מען קאָן זען דעם פעטערס קראָם, האָט ער דערזען אַן אומבאַקאַנטן „דעפּיוטי" שטיין לעבן אָנקלס טיר. דער גרינער ראָ-

לעט אויף דעם גרויסן קראַם-פענצטער איז געווען אַראָפּגעלאָזן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן. ער איז צוגעלאָפן צו דער קראָם-טיר און זי געוואָלט עפענען. דער „דעפּיוטי" האָט אים אָפּגעשטעלט:

—וואוהין לויפסטו אַזוי, זוני?

— וואָס מיינסטו, וואוהין? — האָט ראָבערט געענטפערט, — צו מיין פעטער אין הויז.

— דיין פעטער איז ניטאָ אין הויז. לייען איבער דאָס אָנגע-קלעפּטע צעטעלע.

ראָבערט האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן אויף די צוויי מאַשין-געשריבענע שורות:

„די הילף-סטאַנציע — פאַרמאַכט, לויט דעם און דעם געזעץ און דעם און דעם פּאַראַגראַף".

— וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין פעטער?

— אַרעסטירט.

— און אָלסאָנען, וואו האָבן זיי אַהינגעטאָן?

— ווער איז אַזוינס אָלסאָן?

— אָט דער שוועד, וואָס האָט דאָ געאַרבעט.

— אַרעסטירט.

—פאַרוואָס?

— האָסט דאָך געלייענט. אָנפירער פון אַ רעליף-סטאַנציע.

— זיי האָבן קיין רעכט ניט צו טאָן. איך זאָג דיר, זיי האָבן קיין רעכט עס ניט צו טאָן.

— וואָס שרייסטו אַזוי אויף מיר, זוני. איך בין ניט דער גאָ-ווערנאָר פון שטאַט. איך מאַך ניט די געזעצן...

מיטאַמאָל האָט זיך דער „דעפּיוטי" אָפּגעשטעלט, ווי איינער וואָס האָט עפּעס מיטאַמאָל געעפנט די אויגן און דערזען דעם אמת:

— הער נאָר, וואָס באַלעמוטשע איך מיט דיר אַזוי לאַנג. האָסט מיך גענומען אויף אַ קרייץ-פאַרהער? טראָג זיך אָפּ פון דאַנען.

ראָבערט איז אַנטשוויגן געוואָרן, געקוקט מיט טרערן פאַר-לאָפענע אויגן אויף דעם „דעפּיוטי" און געטראַכט: איך מוז דאָך

אַריין אין הויז. און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קול פון געבעט:
— אָבער וואָס זאָל איך טאָן, „באָדי״? (קאַמעראַד). איך בין אַ יתום. איך האָב ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען. איך האָדעווע זיך דאָ ביים פעטער. איצט לאָזטו מיך ניט אַריין אין הויז. איך בין הונגעריק. אין אָוונט ווערט קאַלט און מיין מאַנטל איז אין הויז.
— איז וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט דער „דעפּיוטי״ גע־פרעגט בייז.
— לאָז מיך אַריין אין הויז.
— איך טאָר ניט. מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט היטן. היט איך.
—אוודאי דאַרפסטו היטן, אָבער דו האָסט ניט קיין אויגן פון הינטן. איך בין הונגעריק און ס׳וועט מיר זיין קאַלט אין אָוונט.
— ווייסטו וואָס, דו קליין טייוועלע. די ראָלעטן זיינען אַראָפּ־געלאָזן. די הינטערשטע טיר איז טאַקע פאַרשלאָסן, אָבער אַ פענצטער פון הינטערן הויז קאָן מען גרינג עפענען. און ווי האָסטו געזאָגט? קיין אויגן פון הינטן האָב איך ניט. אָבער אין צען מינוטן אַרום וועל איך צוגיין זען צי די הינטערשטע טיר און פענצטער זיינען צוגעמאַכט.
ראָבערט האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזן צו די הינטערשטע פענצטער.
דער „דעפּיוטי״ איז געווען גערעכט — דאָס פענצטער האָט זיך גרינג געעפנט. ער איז אַריין אין הויז. די ראָלעטן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזן און ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר מינוטן ביז וואָנען זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט. אַזוי שנעל ווי ער האָט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום אויבערשטן שופלאָד. ער האָט געפונען דאָס ביכעלע מיט די בלויע טאָוועלעך, וואו דער פעטער האָט פאַרשריבן זיינע רעכענונגען מיט מעקריווין. ער האָט אַריינגעלייגט דאָס ביכעלע אין קעשענע, אַ קוק געטאָן אין די איבעריקע צימערן. אַלץ איז געווען צעבראָכן און צעוואָרפן. ער איז אַריין אין קראָם, גענומען אַ שטיקל קוכן און איז צוריק אַרוים דורכן פענצטער.

ער האָט אָנגעפּאַקט אַ פול מויל מיט קוכן, פאַרבייגעגאַנגען דעם „דעפּיוטי" און אַרויסגערעדט:

— אַ דאַנק, באַדי.

— געפונען, וואָס דו האָסט געוואָלט?

— יאָ, — האָט ראָבערט געענטפערט, און איז אַוועק צו דער שטאָט צו. אויפן וועג האָט ער צעריסן דאָס ביכעלע און די שטיקלעך צעוואָרפן איבער די גאַסן.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען. ראָבערטן איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן:

— וואָס טוט מען איצט? וואו נעכטיקט מען? און וואו קריגט מען עפּעס צו עסן? וואָס טוט מען?

קאַפּיטל ניין

צוריק אין ניו יאָרק

ראָבערט איז אַריבער די בריק פון סעסקאַוואַנע און איז אַריין אין צענטער פון שטאָט. ס'איז געוואָרן גוט שפּעט, און ס'איז אים געווען זייער אומעטיק אויפן האַרצן.

ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן — אפשר גאָר צוגיין צו וואָדערסן? אָט טאַקע פּראָסט און פּשוט אַריינגיין צו אים און זאָגן: „אָט בין איך! דעם פעטער האָט מען צוליב דיין טאַטנס סטרייק אַרעסטירט. דאָס געוועלב פאַרחתמעט, דאָס הויז פאַרשלאָסן און איך בין געבליבן אָן אַ היים. ס'איז דיין טאַטנס שולד".

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ טעלעגראַף-סלופּ און געטראַכט, וואָס וועט וואָדערס זאָגן אויף דעם?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן — וואָדערס וועט גאָרנישט ניט זאָגן.

אָט זעט עס ראָבערט:

ער שטייט אין גרויסן ביבליאָטעק-צימער, דאָס צימער איז הויך און ברייט, די ווענט מיט די איינגעבויטע פּאָליצעס זיינען פאַרלייגט מיט ביכער. שווערע מאַסיווע מעבל, אַ גרויסער זשיראַנדעל הענגט אַראָפּ פון סטעליע. ראָבערט פילט זיך קליין און נישטיק און וואָדערס אַרגומענטירט ניט, שמייכלט נאָר:

— זיכער קאָנסטו דאָ איבערבלייבן. פאַראַן גענוג ליידיקע צימערן, און אַ וואָדערס טרייבט ניט אַרויס אַ באַקאַנטן היימלאָזן. עס וועט זיין אַ דערנידערונג.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די צוויי שיינענדיקע בלויע לאַמטערנעס פון אַ פּאָליציי-צירקל. ראָבערטן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין קאָפּ:

— נאָר וואָס איך בין, ווי איז עס מיר פריער ניט איינגעפאַלן?

ער איז אַרויפגעלאָפן די ברייטע טרעפּ און איז אַריין אין פּאָליציי-צירקל.

***

אין אַ זייטיקן צימער, וואָס איז געווען רייך און באַקוועם אויסגעמעבלירט, איז געזעסן דער פּאָליציי-שעף און שווער געאָטעמט. ער האָט אַלע ווײַלע געווישט דעם פּאַרשוויצטן נאַקן, כאָטש ס'איז געווען גאַנץ קיל. לעבן אים איז געזעסן אַ יונגערמאַן, מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, און האָט גערעדט גאַנץ רואיק:

— פונדעסטוועגן, קאָנט איר מיר פאָרט געבן עפּעס ספּעציעלע אינפאָרמאַציע, אויב איר וואָלט נאָר געוואָלט.

— איך וואָלט אייך עס גערן געגעבן, — האָט דער פּאָליציי-שעף געענטפערט, — אָבער ס'איז ניטאָ וואָס. די אַרבעטער זיינען געווען צופרידן. נו, זיינען געקומען עטלעכע פרעמדע אַגיטאַטאָרן און אָנגעטאָן צרות. נאָך אַ צוויי-דריי וואָכן טומל איז געוואָרן אַלץ רואיק.

— אָ, איך בעט אייך, שעף, איך בין דאָך ניט געקומען פון ניו יאָרק הערן אַזאַ מעשה. די „פעדעראַטיווע פרעסע" האָט געלייגט הוצאות מיך אַהער צו שיקן. איך מוז דאָך צוריקקומען מיט עפּעס נייעס. ניט קומען דערציילן זיי אַלטע זאַכן. איר ווייסט דאָך, מען האָט דערציילט גאָר מיאוסע מעשות וועגן סטרייק.

— מאַלע וואָס מען דערציילט. איך זאָג אייך, ס'איז ניטאָ קיין וואָר וואָרט אין די אַלע בייקעס.

— נו, מילא, איך וועל שוין מוזן אַליין אַ זוך טאָן. איך וועל זיך לאָזן איבער דער שטאָט.

— איך וועל אייך גערן באַהילפיק זיין. איך וועל מיט אייך מיטשיקן איינעם פון מיינע בעסטע דעטעקטיווס. ער וועט אייך אַרויסהעלפן.

— אַ דאַנק, איך דאַרף ניט קיינעם.

— ס׳וואָלט געווען זיכערער, ווען אַ דעטיקטיוו גייט מיט אייך מיט. איר ווייסט דאָך, אין אַזאַ צייט זיינען פאַראַן אַ סך היץ־קעפּ און ס׳קאָן נאָך מיט אייך פּאַסירן אַן אומאַנגענעמער אינצידענט.

— אַ פאָרשטייער פון דער „פעדעראַטיווער פרעס" דאַרף ניט זיין קיין שרעקעדיקער. געוויינטלעך זעט שוין דער פּאָליציי־שעף, אַז קיין אומאַנגענעמע זאַכן זאָלן ניט פּאַסירן, סיידן...

דער פּאָליציי־שעף איז רויט געוואָרן ביז אונטערן העמד־קאָלנער און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— איר טייטשט אוים מאָדנע מיינע רייד. איך האָב נאָר גע־מיינט, אַז ס׳איז שוין גאַנץ שפּעט און ס׳וואָלט געווען זיכערער אימיצער זאָל מיט אייך מיטגיין.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט:

— מיין זייגער ווייזט, אַז עס איז ערשט ניין. ביז אינדערפרי איז גאָט אַ פאָטער.

דער פּאָליציי־שעף האָט זיך אויפגעשטעלט און באַגלייט דעם יונגנמאַן. ער האָט געעפנט די טיר פאַר אים און ביידע זיינען געבליבן שטיין אויפן שוועל געפלעפּטע.

לעבן סאַרדזשענטס דעסק איז געשטאַנען ראָבערט. זיין קין האָט קוים דערגרייכט צום פלאַך פון דעסק. אַרום דעם יינגל זיינען געשטאַנען עטלעכע פּאָליציי־לייט און געלאַכט. דער סאַרדזשענט האָט רואיק געררויכערט אַ סיגאַר און געפרעגט:

— פאַר צעברעכן דעם עלעקטרישן לאָמפּ ביי מיר אויפן דעסק, וועט מען דיך ניט אַרעסטירן. וואָס נאָך וועסטו צעברעכן?

— אויב ס׳איז ווייניק, וועל איך אויך צעברעכן די איבעריקע לעמפּלעך, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— וועט מען דיך אַרויסוואַרפן פון פּאָליציי־צירקל.

— אין גאַס זיינען דאָ גענוג שטיינער און די פענצטער פון צירקל זיינען גרויסע. אַ שויב קאָסט אַ סך געלט.

— אָן אמתער בראַנד-פייער, מייק, — האָט אַ טאַרקע געטאָן אַ פּאָליציי-מאַן זיין חבר, — מען וועט מוזן זיין גרייט מיט די „רייאָט"-ביקסן.

— איר מיינט, אַז איך לאַך, — האָט ראָבערט גערעדט און געביסן די ליפּן, — איך לאַך ניט. איך בין הונגעריק, און איך האָב ניט וואו צו שלאָפן. מיין פעטער האָט איר אַרעסטירט, דאָס הויז צוגעשלאָסן, דעם געוועלב פאַרחתמעט ווי אַ „הילף-סטאַנציע", און איך האָב קיינעם ניט אויסער מיין פעטער.

— דו, גזלן, — האָט זיך ווידער דער זעלביקער פּאָליציימאַן געחכמעט און געטאַרקעט זיין חבר, — פאַרוואָס האָסטו אַרעסטירט זיין אַנקל?

ראָבערט האָט זיך אַ קער געטאָן מיט כעס:

— איר לאַכט. ביי אייך איז עס אַ געלעכטער און איך בין הונגעריק — איך וויל עסן, איר הערט!

ער האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויסגעשאָסן מיט אַ געוויין.

דער פּאָליציי-שעף האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום דעסק. דער רעפּאָרטער איז אָבער געווען פלינקער. ע ר איז צוגעלאָפן צום יינגל, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, און אַרויסגעזאָגט:

— קום, זוני, דו וועסט שלאָפן מיט מיר אין האָטעל. עסן וועלן מיר אויך וואָס קריגן. א יך בין טאַקע טויט-הונגעריק.

דער פּאָליציי-שעף איז געשטאַנען אָן אָנגעצונדענער:

— איר קאָנט אים ניט צונעמען פון דאַנען. ער בלייבט דאָ!

— אַזוי, ער בלייבט דאָ? — האָט דער קאָרעספּאָנדענט גערעדט סאַרקאַסטיש, — ווער וועט עס מיך אָפּשטעלן אים צונעמען?

— איך! סאַרדזשענט, — האָט דער פּאָליציי-שעף באַפוילן: — פאַרהאַלט דאָס יינגל!

— גוט, אַרעסטירט אים, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — און מאָרגן וועט זיין אין די הונדערטער צייטונגען פון דער „פּעדעראַטיווער פּרעס״ אַזאַ מין שטיקל נייעס:

— פּאָליציי־שעף אַרעסטירט אַ דרייצן יאָריק יינגל, ווייל דאָס אָרימע קינד איז הונגעריק און האָט ניט וואו צו שלאָפן...

— ווער האָט דאָ גערעדט פון אַרעסטירן? — האָט דער פּאָ־ליציי־שעף זיך פאַרטיידיקט, — ער וועט נעכטיקן ביי מיר אין הויז. און איר, בולוואַנעס, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די פּאָליציי־לייט, — וועט שוין קריגן ביי מיר. געהערט אַזוינס, אַ קינד קומט און דערציילט זיי, אַז ער איז הונגעריק, לאַכן זיי גאָר. וואָס איז דאָס פאַר אַ געלעכטער?

— וואָרט אַ ווײַלע, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט אַ זאָג געטאָן, — פאַררעד ניט די ציין. לאָמיר פרעגן דאָס יינגל. זאָג נאָר, זוני, ווי רופט מען דיך?

— ראָבערט.

— גוט ,ראָבערט, איך בין אַ רעפּאָרטער פון דער נייעס־אַגענטור „פּעדעראַטיווע פּרעסע״. מען האָט מיך געשיקט אַהער אויספאָרשן די לאַגע פון סטרייק אין וואָדערס פאַבריק. ווילסטו בלייבן מיטן פּאָליציי־שעף, אָדער גיין מיט מיר?

— איך גיי מיט אייך, — האָט ראָבערט געענטפערט, — מעקריי־ווי האָט טאַקע געזאָגט, אַז מען וועט אַהער אַראָפּשיקן אַ פאַר־שטייער פון אַ גרויסער נייעס־אַגענטור.

— און ווער איז מעקריווי? — האָט דער קאָרעספּאָנדענט גע־פרעגט.

— קומט, איך וועל אייך אַלץ דערציילן. איך האָב בערג מיט מעשות, האָט ראָבערט פריידיק אָנגענומען דעם קאָרעספּאָנדענט ביי דער האַנט.

זיי זיינען אַרויס פון פּאָליציי־צירקל. הינטער זיי האָבן זיך געהערט די געשרייען פון שעף:

— איר, הילצערנע קעפּ, אידיאָטן. איר ווייסט וואָס איר האָט דאָ אָפּגעטאָן? איך וועל אייך צום געריכט שטעלן. איך וועל אייך אויף שטויב צערייבן. אַוועק פון מיינע אויגן, איר אידיאָטן. טראָגט זיך אָפּ, צו אַלע זיבן טייוואָלים!

*****

צום ערשטן האָט דער קאָרעספּאָנדענט געלאָזן ראָבערטן אָפּעסן. נאָכדעם האָט ער אים אָנגעהויבן אויספרעגן. ראָבערט האָט אַלץ דערציילט. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אים אויסגעהערט און גע־טראַכט:

— ניין, ס'איז ניט קיין שטיקל נייעס פאַר דער ערשטער זייט פון אַ ציימונג.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, געררויכערט סיגאַרעטן, איינעם נאָכן אַנדערן, און געטראַכט:

— איך פיל, אַז איך האָב עפּעס פאַרזען. מיר האָט זיך געדוכט אין פּאָליציי־צירקל, אַז עס איז ערשטע זייט נייעס, און די נייעס איז פאַרבונדן מיט אָט דעם יינגל. וואָס איז עס געווען?

ראָבערט איז געזעסן אויף אַ סאָפע און האַלב געדרעמלט. דער צעטומלטער קאָרעספּאָנדענט האָט אַלץ אַרומגעשפּאַצירט און גע־רויכערט זיינע סיגאַרעטלעך.

מיטאַמאָל האָט זיך ראָבערט אויפגעכאַפּט פון דעם קאָרעספּאָנ־דענטס געשרייען:

— איך האָב עס! געפּאַקט. נאַר וואָס איך בין! שיר ניט אויסגעלאָזן. איך ווער שוין אַלט, צו אַלע טייוואָלים! שטיי אויף, זוני, — האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות, — צעעפן דיינע אויגן, שלאָף ניט, זאָג איך דיר!

ער איז צוגעלאָפן צו ראָבערטן און אים גענומען טרייסלען:

— דו הערסט! שלאָף ניט.

— ווער שלאָפט? — האָט ראָבערט געפרעגט אַ צעשראָקע־נער, — איך שלאָף ניט.

דעם יינגל האָט זיך געדוכט, אַז דער קאָרעספּאָנדענט איז אַראָפּ פון זינען.

און דער רעפּאָרטער האָט געדונערט:

— טאָ הער. דו קאָנסט שרייבן. ניין, הער בעסער, דו דאַרפסט ניט קאָנען שרייבן. אויב דו קאָנסט ניט אויסלייגן, איז נאָך בעסער. דו זעץ זיך נאָר אַוועק ביים טיש, נעם אַ פּען אין האַנט און שרייב אָן אַ בריוו צום גאָווערנאָר. געדענק! שרייב ניט קיין הויכע לאַנגע ווערטער. דערציייל אים די מעשה פון דיין פעטערס אַרעסט. דערצייל אים, אַז דו ביסט אַ יתום, דיין טאַטע איז פאַר־ברענט געוואָרן אין טרייענגל־פייער, דיין מאַמע איז געשטאָרבן פון ערגערניש, דו האָסט זיך געהאָדעוועט ביים פעטער. איצט האָט מען אַרעסטירט דיין אָנקל אָן אַ פּאַרוועט און אָן אַ פּאַרוואָס. אדרבה, פרעג אים: לינקאָלן האָט דאָך געזאָגט: „מיט גערעכטיקייט פאַר אַלעמען און האַס צו קיינעם" און דו גלויבסט אין לינקאָלן און גלויבסט אין אונדזער אַמעריקאַנער גערעכטיקייט. זאָל דער גאָ־ווערנאָר שיקן אַ קאָמיסיע. ניין, דאָס וואָרט קאָמיסיע, טויג ניט. זאָל ער שיקן אָן אויספאָרשער. ניין, אויך אַ צו שווער וואָרט. זאָל ער שיקן אַ מענטשן זען וואָס עס טוט זיך דאָ.

ראָבערט האָט זיך גענומען צום טינט און פּען. דער רעפּאָר־טער האָט אים אָפּגעשטעלט. יאָ, צום סוף שרייב צו:

„איך האָב זיך אַריינגעגנבעט דורך אַ הינטער־פענצטער אין הויז און אַרויסגענומען מיין קינדערשע שפּאָר־קאַסע. דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט, האָב איך אַרויסגענומען. ס'האָט באַ־טראָפן פיר דאָלאַר מיט 95 סענט. איך גיב עס אויס אויף אַ טעלע־גראַמע, אייך עס צו שיקן".

***

אויף מאָרגן איז איבער הונדערטער צייטונגען פון לאַנד, אויף דער ערשטער זייט, געווען געדרוקט ראָבערטס בריוו און זיין בילד. אַ סענסאַציע. ניט דער סטרייק, נאָר די מעשה פון אַ יינגל אַ יתום,

וואָס האָט געזוכט יושר און אויסגעגעבן זיינע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס אויף אַ טעלעגראַמע צום גאָווערנאָר.

ס'האָט זיך אַ רודער געטאָן איבערן לאַנד. מען האָט אָנגעהויבן באַשרייבן דעם סטרייק. די עפנטלעכע מיינונג האָט געצוואונגען וואָדערסן נאָכצוגעבן.

דערווייל האָט זיך אין שטעטל געטומלט. מען האָט אַרומגעזוכט ראָבערטן. דער גאָווערנאָר האָט טאַקע צוגעזאָגט אַריינצושיקן אַן אויספאָרשער. עס טוט זיך אָבער ניט אַזוי גיך, ווי עס רעדט זיך. ראָבערטס פעטער איז געזעסן אין געפענקעניש און די „ער־לעכע" באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן געזאָגט, אַז מען קאָן ניט לאָזן אַ יינגל אויף הפקר, האָבן זיי אים אַרומגעזוכט, אים אַוועק־צושיקן אין אַ קינדער־אַנשטאַלט.

דאָ איז אָבער אָנגעקומען לואי דער דיוק. ראָבערט איז דאָך זיין ליבלינג. ער וועט אים צוריקנעמען קיין ניו יאָרק. די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן געמוזט צושטימען. לואי דער דיוק איז ניט אַבי ווער. ער איז שוין אַ קאָנגרעסמאַן.

***

לואי דער דיוק איז געפאָרן מיט ראָבערטן פון אשאַשאַק קיין ניו יאָרק. לואי איז געפאָרן ברייטלעך — אַליין אין אַ קופּעי. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ סאָפע און געזונגען מיט אַן אומעטיקן ניגון מאָדנע העברייאישע ווערטער.

— וואָס איז פאַר אַ געזאַנג, דיוק?

— ס'איז אַ „פּרעיער", זוני, אַ תּפילה. ווען ס'איז מיר גוט אויפן האַרצן, זינג איך מיר אָט די תּפילה. איך האָב עס זיך אויס־געלערנט צו מיין בר־מצווה. און ס'איז מיר איצט גוט אויפן האַרצן. איך, לואי דער דיוק, האָב דיך געראַטעוועט פון פרעמדע הענט. איך וועל קומען קיין ניו יאָרק און איך וועל ווייזן די סאָציאַליסטלעך פון דער איסט־סייד, אַז איך, לואי דער דיוק, שטעל זיך איין פאַר אָרימע, פאַר די אַרבעטער און פאַר די יידן. און ס'איז נאָך גאָר־

נישט. איך וועל זיי ווייזן ווער לואי דער דיוק איז. דו ווער נאָר זעכצן יאָר אַלט, וועל איך זען דיך שיקן קיין וועסט־פּאָינט. יעס, סער, קיין וועסט־פּאָינט ווערסטו ביי מיר גיין און ווערן אַ גענעראַל. איך, לואי דער דיוק, זאָג עס!

עפילאָג

צען יאָר שפּעטער

אַן אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן מיט טייוולשער שנעל־קייט אויף אַ וועג וואָס פירט פון סאַן־פראַנציסקאָ. אין אויטאָמאָביל זיינען געזעסן פיר פאַרמאַסקירטע מענער, מיט רעוואָלווערן אין די הענט. דער אָנטרייבער און אַ יונגערמאַן מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ. זיי האָבן זיך פאַרדרייט אויף אַ זייטיקן וועג און זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס דאַרפן מיר איצט טאָן, טשיף? — האָבן דריי מאַס־קירטע מענער זיך געווענדט צום פערטן.

— איר פאָרט צוריק, איך בלייב מיט אים דאָ. איך וועל שוין אים צופירן צו דער באַן. די באַן איז ניט ווייט פון דאַנען, אינגאַנצן אַ פערטל מייל. איר פאָרט מיט דעם זעלביקן וועג צוריק, און פאַרגעסט ניט, נעמט אַראָפּ די מאַסקעס, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן.

די מענער האָבן זיך אָפּגעטראָגן. דער פאַרמאַסקירטער מאַן האָט אַראָפּגענומען די מאַסקע, פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט דעם רע־וואָלווער אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ מעסערל, צעשניטן די שטריק, וואָס זיינען געווען אַרום דעם יונגנמאַנס הענט, אַראָפּגענומען דעם זאַק, וואָס איז ביי אים געווען אָנגערוקט איבערן קאָפּ, אָפּגע־זיפּצט און אַרויסגערעדט?

— דערקענסט מיך, ראָבערט?

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— דו גאָר, מעקריווי. דו ביסט מיט די שונאים פון אַרבעטער?

— ביסט אַ היץ־קאָפּ. שרייסט צופיל. האָסט געפירט דעם סטרייק אויף אַ שלעכטן וועג. האָסט גאָר געוואָלט מאַכן אַ רע־

וואָלוציע. דו פאַרשטייסט ניט, אַז מיר זיינען נאָך ווייט פון דעם. האָסטו פאַרלאָרן. איך בין נאָך אַלץ אַן אַרבעטער־פירער, האָט מען מיך געשיקט ראַטעווען דעם פאַרלאָרענעם סטרייק. מען וואָלט דיך געלינטשט, ראָבערט. די זעלביקע אַרבעטער, וואָס האָבן געשריען הורא פאַר דיר, וואָלטן דיך געלינטשט. איך האָב דיך אָבער ליב. די צוקונפט איז דיינע. איך זע עס. איך בין צו אַלט, איך זאָל עס דערלעבן זען, אָבער איך ווייס, אַז דו וועסט זיגן, און די אַרבעטער נויטיקן זיך אין דיר. האָב איך דיך געראַטעוועט. פרעג ניט ווי אַזוי. געראַטעוועט. ווייסט דאָך נאָך פון אַמאָל, אַז אויב מען דאַרף, קאָן מעקריווי ווערן אפילו אַן אַקטיאָר.

אין דער פינצטער האָט ראָבערט אָנגענומען מעקריווין ביי דער האַנט, זי געדריקט, און געשעפּטשעט:

— דו וועסט נאָך דערלעבן די צייט, ווען ס'וועלן ניט זיין ניט קיין באַלעבאַטים און אַרבעטער. וועסט דערלעבן נאָך, מעקריווי, אַלד מען, צו זען, ווי מיר, די אַרבעטער, פירן אַמעריקע.

— אוודאי! — האָט געענטפערט מעקריווי, — דערווייל אָבער טראָג זיך אָפּ וואָס שנעלער. נאַ, אָט האָסטו אויף הוצאות.

—אַ דאַנק, אַלד באָי. אָבער מיין ניט, אַז איך בין אַראָפּגע־פאַלן ביי זיך צוליב מיין דורכפאַל. איך וועל צוריק קומען.

— און נאָך אַזעלכע ווי דו, ראָבערט. איך ווייס עס. דערווייל אָבער אַ גוטן.

— אַ גוטע נאַכט, מעקריווי.

— אַ גוטע נאַכט, ראָבערט.

זיי האָבן זיך צעשיידט. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.